ב"ה

ספר

# מדרש רבה

פרשת

# וישלח

בלשון הקודש

ואידיש

**318**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשמ"ו לפ"ק

ס׳ רבוא . מחנים הרי ק״כ רבוא . א״ר יודן נטל מאלו ומאלו ושלח (סח) פרוזבין לפניו . הה״ד וישלח יעקב מלאכים לפניו :

# סדר וישלח

**פרשה עה** (א) **וישלח** יעקב מלאכים לפניו . ר׳ פנחס בשם ר׳ ראובן פתח (תהלים יז) קומה ה׳ קדמה פניו הכריעהו פלטה נפשי מרשע חרבך . ר׳ פנחס אמר ה׳ פעמים דוד מקים להקב״ה בספר תלים . (תהלים ג) קומה ה׳ הושיעני אלהי . (שם ז) קומה ה׳ באפך . (שם י) קומה ה׳ אל נשא ידך אל תשכח . (שם ט) קומה ה׳ אל יעוז אנוש . (שם יז) קומה ה׳ קדמה פניו . א״ל הקב״ה דוד בני אפי׳ את מקימני כמה פעמים איני קם . ואימתי אני קם לכשתראה עניים נשדדים ואביונים נאנקים . הה״ד (שם יב) משוד עניים (א) מאנקת אביונים וגו׳ . ר״ש בר יונה אמר עתה אקום כ״ז שהיא (ב) מוכפשת באפר (ג) (כביכול) אלא לכשיגיע אותו היום שכתוב בו (ישעיה נב) התנערי מעפר קומי שבי ירושלים . באותה שעה (זכריה ב) הס כל בשר מפני ה׳ . למה כי נעור ממעון קדשו . א״ר אחא (ד) כהדא תרנגולתא דמנענעה גרמה (נ״א דמנערא אגפה) מן קיטמא . קדמה פניו

## מתנות כהונה

מחניים המה שתי מחנות של שכינה :׳ (סח) פרוזבין . שלוחין כלשון יון : (א) מאנקת אביונים . סיפיה דקרא עתה אקום יאמר י״י שהיא כנסת ישראל : (ב) ה״ג מוכפשת באפר : ה״ג (ג) כביכול אינו קם אלא : (ד) כהדא כו׳. כתרנגולת הזאת שמנערת את עצמה מעפרה : (ה) קדמים כו׳ . כך אמר דוד להקב״ה אתה תקדמנו לרשע גוג

---

אביסול מלאכים פון די מחנה אונ אביסול מלאכים פון די מחנה אונ האט זייא געשיקט פאר אוים צו זיין ברודער עשו . וויא דער פסוק זאגט יעקב האט געשיקט מלאכים פאר אוים צו זיין ברודער עשו :

# פרשה וישלח

**פרשה עה** (א) וישלח . יעקב האט געשיקט מלאכים פאר אוים צו זיין ברודער עשו . רבי פנחס האט גיזאגט רבי ראובן הט אנגיהויבן די פרשה מיט דעם פסוק שטייא אויף גאט קום פריער פאר אים בייג אים איין (מאך אים קניען) רעטע מיך פון דעם רשע וואס ער איז דיין שווערד . רבי פנחס זאגט פינף מאהל האט דוד גיזאגט אין תהלים צוא גאט שטייא אויף . שטייא אויף גאט העלף מיר גאט . שטייא אויף גאט מיט דיין כעס . שטייא אויף גאט . גאט הייב אויף דיין האנט זאלסטו ניט פאר געסין . שטייא אויף גאט דער מענטש זאל זיך ניט שטארקין . שטייא אויף גאט קום פריער פאר אים . האט גאט גיזאגט צו דוד מיין זוהן אפילו דו וועסט מיך אויפשטעלין פיל מאהל וועל איך אויך ניט אויף שטיין . ווען וועל איך אויף שטיין אז דוא וועסט זעהן דיא ארעמע לייט ווערין גירויבט אונ דיא ארעמע לייט שרייען . וויא דער פסוק זאגט פון דיא רויב וואס מען רויבט דיא ארעמע לייט אונ פון דעם גישרייא וואס דיא ארעמע לייט שרייען וועל איך איצט אויף שטיין טאהן אמשפט . רבי שמעון בר יונה זאגט גאט האט גיזאגט איצט וועל איך אויף שטיין . אזוי לאנג וויא זיא איז פארוויקולט אין אש וועל איך ניט אויף שטיין . נאר אז עס וועט קומען דער טאג וואס ביא אים שטייט שאקיל דיך אפ פון שטויב שטייא אויף דו געפאנגענע ירושלים . אין דיא צייט וועלין אלע שטיל ווערין פאר גאט . פאר וואס . ווייל גאט האט זיך דער וועקט פון זיין הייליגען וואהנונג . רבי אחא זאגט אזוי ווי אהון וואס זיא שאקילט זיך אפ פון אש . דוד המלך האט גיזאגט פאר גאט קדמה פניו . קום פריער צו דעם רשע אונ שטראף אים איידער דער רשע קומט פאר דיר מיט זיין ביסול מצות . הכריעהו

וועג

אחר אומר י"ב אלף. אלא שתי מלחמות היו אחת של י"ב אלף ואחת של י"ח אלף: (יד) אלהי אברהם קדש. ואלהי נחור חול. אלהי אביהם משמעו (סב) קדש וחול. ויזבח יעקב זבח בהר וישכם לבן בבוקר וגו' ויברך אותם וגו'. א"ר איבו דוים (סג) וסגופים היו בע"כ. ולא היו (סג) מפרינים אלא בפה. הה"ד וישכם לבן בבוקר וגו' וילך וישב לבן למקומו. (סד) לסורו. מלמד שנכנסו ליסטים בתוך ביתו והיו (סה) מקרקרין (נ"א (סו) מקרטעים) בו כל הלילה: (טו) ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים. כמה מלאכים היו חלים ומרקדים לפני יעקב אבינו בכניסתו לארץ: ר' הונא בשם ר' אייבו אמר ס' רבוא מלאכים היו (סז) חלים לפני יעקב אבינו בכניסתו לארץ. הה"ד ויאמר יעקב כאשר ראם מחנה אלהים זה. ואין שכינה שורה פחות מס' רבוא. רבנן אמרי (סז) ק"כ רבוא ויקרא שם המקום ההוא מחנים. מחנה הרי ס'

## מתנות כהונה

זמן הדין או תמות גם הוא לשון מות ותמותה: י"ח אלף. בשמואל ב' סי' ח': (סב) כי תרח אבי אברהם מתחילה היה ע"ג ולבסוף חזר למוטב כמו שפירש"י: (סג) סגופים לשון עינוי כד"א המסגף עצמו ברעב: (סג) מפריכין פי' הערוך מפייסי' בפה ולא בלב וגרס בוא מפריסין: (סד) לסורו. לפ"א שלו ולפ"ז צ"ל ד"א מלמד כו'. בילקוט גרס לדמיו מלמד כו': לסורו. למקומו

דרש כי הוא מקומו אשר הוא נשען עליו ובוטח בו: (סה) מקרקרים. לשון צעקה או הוא כמו מקרקר קיר: (סו) מקרטעים פי' הערוך מדלגי' ודייק למקומו למקום מדרגתו שהוא בו קודם בוא יעקב אליו בשביל יעקב נתברך ובלכתו נטלו הליסטים את הכל וחזר לכמו שהיה בראשונה: (סז) חלים. לשון מחול וריקוד: (סז) ק"ר ריבוא

---

אין איין פסוק שטייט ער האט געשלאגן אכטצעהן טויזנט. אין איין פסוק שטייט ער האט געשלאגן צוועלף טויזנט. נאר צוויי מלחמות האט דוד גיהאט מיט אדום. איין מאהל האט ער פון זיי געשלאגן צוועלף טויזנט מענטשין. דאס אנדערע מאהל האט ער פון זיי געשלאגן אכטצעהן טויזנט מענטשין: (יד) אלהי אברהם. לבן האט גיזאגט צו יעקב דער גאט פון אברהם. דער ווארט גאט איז הייליג. דער גאט פון נחור. דער ווארט גאט איז ניט הייליג. דער גאט פון זייער פאטער (פון תרח) דער ווארט גאט איז הייליג אונ ניט הייליג. ווארום פריער האט תרח געדינט עבודה זרה. דער נאך האט ער גיטאהן תשובה אונ האט געדינט צו גאט. יעקב האט געשאכטן בהמות אויף דעם בארג אונ האט גימאכט א סעודה אונ זיי האבן אלע גיגעסין אונ האבן דארט גינעכטיגט. אונ לבן איז אויף געשטאנען גאנץ פריה אונ האט גיקושט זיינע אייניקלאך אונ זיינע טעכטער אונ האט זיי גיבענטשט. רבי איבו זאגט זיי זענען גיוועזן פראסטע אונ נידעריגע מענטשין אונ זיי האבן נאר אלץ גיגעבין מתנות מיט דעם מויל. זיי האבן נאר גיבענטשט גלייך ווי זייער ברכה וואלט עפעס ווערט גיוועזן. ווי דער פסוק זאגט לבן איז פריה אויף געשטאנען אונ האט זיי גיקושט אונ גיבענטשט. אונ לבן איז גיגאנגען צו זיין ארט. צו זיינע עבודה זרות. נאך מיינט מען צו זיין ארט צו דעם זעלביגען פארמעגין וואס ער האט גיהאט איידער יעקב איז צו אים גיקומען. ווארום גזלנים זענען אריין גיקומען צו אים אין שטוב אונ האבן אוועק גינומען זיין גאנץ פארמעגין: (טו) ויעקב. יעקב איז גיגאנגען זיין וועג אונ מלאכים פון גאט האבן אים בגעגינט ווי פיל מלאכים האבן גיטאנצט אונ געשפרונגען פאר יעקב ווען ער איז אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. רבי הונא האט גיזאגט פון רבי איבום וועגין זעקס מאהל הונדערט טויזנט מלאכים האבן גיטאנצט פאר יעקב ווען ער איז אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. ווי דער פסוק זאגט ווי יעקב האט דער זעהן די מלאכים האט ער גיזאגט דאס איז די מחנה פון גאט. אונ די מחנה מלאכים וואס די שכינה רוהט צווישען זיי איז ניט ווייניגער ווי זעקס מאהל הונדערט טויזענד. די רבנן זאגין די מלאכים וואס יעקב האט זיי בגעגינט זענען גיוועזן איין מיליאן מיט צוויי מאהל הונדערט טויזענד. ווי דער פסוק זאגט יעקב האט גירופין דעם ארט מחנים צווייא מחנות. אונ איין מחנה איז זעקס מאהל הונדערט טויזענד. איז צווייא מחנות איין מיליאן מיט צוויי מאהל הונדערט טויזענד. רבי יודן זאגט יעקב האט גינומען

אבימול

פניו . (ה) קדמיה לרשיעא עד לא יקדמינך . (ו) הבריעהו הבריחהו לכף חובה . (ז) שוברהו המד"א (תהלים כ) המה כרעו ונפלו וגו' . פלטה נפשי מרשע חרבך . פלטה נפשי מאותו רשע שהוא בא מכחה של אותה החרב שנא' (בראשית כז) ועל חרבך תחיה . ר' יהושע ד"א פלטה נפשי מאותו רשע שהוא חרבך שבו אתה רודה את עולמך . ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר פלטה נפשי מאותו רשע שהוא עתיד ליפול בחרבך הה"ד (ישעיה לד) כי רותה בשמים חרבי וגו' . א"ל הקב"ה לדרכו היה מהלך (ח) והיית משלח אצלו ואומר כה אמר עבדך יעקב : (ב) וישלח יעקב מלאכים לפניו . ר' יהודה ב"ר סימון פתח (משלי כה) מעין נרפש ומקור משחת וגו' . א"ר יהודה ב"ר סימון כשם שאי אפשר (ט) למעין להרפס ולמקור להשחת . כך א"א לצדיק למוט לפני רשע וכמעין נרפס וכמקור משחת (י) כך צדיק ממיט עצמו לפני רשע . א"ל הקב"ה לדרכו היה מהלך והיית משלח אצלו ואומר לו כה אמר עבדך יעקב .
וישלח

## מתנות כהונה

ומגוג על שלא יקדימך הוא : (ו) הבריעהו . הכריתהו . הבריעהו דליש כמו הכריתהו : (ז) שוברהו . הבריעהו פירושו שוברהו : ה"ג כשוחר טוב אתה רודה את עולמך שנאמר הוי אשור שבט אפי : (ח) והיית משלח אצלו . בתמיה . כלומר לא יפה עשית : (ט) למעין להרפס . שמימיו אינם חסרים ועולים כמעין המתגבר : (י) כך צדיק ממיט . כלומר רעה הוא בעיני יי ולא יעזבנו בידו : (יא) ארכי ליסטים . של הגזלנים : ארכי . פי' שר ומושל : ושרי כו' והתחיל לשורר אותו מכתו וא"ל קום לך שרעה שבית פה קם אותו ארכי ליסטים והיה מקפה בו והכה אותו . ה"ג בילקוט משלי א"ל ילער כיסא פי' בתמיה אתה האיש הרע למה תלער אותי א"ל הליסטים ישן הייתי ואתה נערתני : (יא) לדרכו היה מהלך . שבכר את רוגזיה שהרי אמו שלחה אחריו

---

וועג אים איבער צו בעשולדיגען . אונ צו ברעך אים . וויא דער פסוק זאגט זייא וועלין קניען אונ פאלין . רעטע מיך פון דעם רשע וואס ער איז דיין שווערד . רעטע מיך פון דעם רשע וואס ער קומט פון דעם מענטש וואס מען האט אים גיבענטשט דוא זאלסט לעבין אויף דעם שווערד . דאס איז עשו . נאך אפשט איז דוד האט גיזאגט פאר גאט רעטע מיך פון דעם רשע וואס ער איז דיין שווערד וואס מיט אים שטראפסטו דיין וועלט . רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין דוד האט גיזאגט פאר גאט רעטע מיך פון דעם רשע וואס ער איז אנגיברייט צו פאלין אין דיין שווערד . ווי דער פסוק זאגט מיין שווערד וואס אין הימעל איז זאט גיווארין אונ זיא וועט נידערין אויף אדום . גאט האט גיזאגט צו יעקב עשו איז גיגאנגען זיין וועג אונ דוא האסט געשיקט צו אים אונ האסט גיזאגט אזוי האט גיזאגט דיין קנעכט יעקב . האסט ניט גוט גיטאהן : (ב) וישלח . יעקב האט געשיקט מלאכים פאראויס צו זיין ברודער עשו . רבי יהודה ברבי סימון האט אנגיהויבין די פרשה מיט דעם פסוק מעין נרפש ומקור משחת . אקוואל וואס איז צו טרעטין . אונ אקוואל וואס איז פאר דארבין . רבי יהודה ברבי סימון זאגט אזוי וויא אקוואל קען ניט אליין צו טרעטין ווערין אונ קען ניט אליין פארדארבין ווערין . סיידין דורך אמענטש וואס ער האט אריין גיטרעטין אין דעם קוואל אונ האט קאליע גימאכט דיא וואסער . אזוי קען ניט דער צדיק איין גיבויגין ווערין פאר דעם רשע . סיידין ער אליין בייגט זיך איין פאר דעם רשע . דאס האט גאט גיזאגט צוא יעקב עשו איז גיגאנגען זיין וועג . אונ דוא האסט זיך אליין איינגיבויגין פאר אים אונ האסט געשיקט צו אים שלוחים זייא זאלין צוא אים זאגין אזוי האט גיזאגט דיין קנעכט יעקב . נאך אפשט איז וישלח יעקב . רבי הונא האט אנגיהויבין דיא פרשה מיט דעם פסוק דער מענטש וואס קריגט זיך אזוי אקריג וואס גיהער ניט צו אים . איז גלייך ווי ער זעהט אהונט גייט אין זיין וועג אונ ער נעמט אן זיינע אויערין אונ רייצט אים אן אויף זיך . אזוי האט דער מענטש אויף זיך אן גירייצט פרעמדע מענטשין זאלין אים זיין שונאים אומזיסט . יעקב האט אויך אויף זיך אליין אן גערייצט עשו . ער זאל אים זיין אשונא . שמואל בר נחמן זאגט למשל דער עלצטער פון דיא גזלנים איז גישלאפין אויף מיטען וועג .
איז

וישלח יעקב ר' הונא פתח (מש' כו) מחזיק באזני כלב עובר מתעבר על ריב לא לו :
שמואל בר נחמן אמר משל (יא) לארכיליסטים שהיה ישן בפרשת דרכים . עבר חד ושרי
מעיר ליה א"ל קום לך דבישא שכיח הכא . קם ושרי מקפח ביה . א"ל ינער בישא .
אמר ליה דמיך הוה ועוררתני . כך א"ל הקב"ה (יב) לדרכו היה מהלך ואתה משלח
אצלו ואומר לו כה אמר עבדך יעקב . ר' יהודה ב"ר סימון פתח (ירמיה יג) מה
תאמרי כי יפקוד עליך ואת למדת אותם עליך אלופים לראש . א"ל הקב"ה לדרכו
היה מהלך ואתה משלח אצלו ואומר לו כה אמר עבדך יעקב : (ג) מלאכים אלו
שלוחי ב"ו . רבנן אמרי מלאכים ממש . א"ר חמא ב"ח הגר שפחת שרה היה
ונזדמנו לה מלאכים . זה שהוא אהובו של בית עאכ"ו . ומה אליעזר שהיה עבדו
של בית נזדווגו לו כמה מלאכים . זה שהוא אהובו של בית עאכ"ו . א"ר יוסי
יוסף קטן של שבטים היה ונזדווגו לו שלשה מלאכים הה"ד (בראשית לז) וימצאהו
איש וישאלהו האיש ויאמר האיש . זה שהוא אביהן של כולן עאכ"ו : (ד) לפניו .
(יב) לזה שבא שעתו ליטול המלכות לפניו . ר' יהושע אמר (יב) שלח (יג) פירפירא
(יד) ופלקיה קודמוהי . א"ל (טו) אין ב' זרזירים ישינים על דף אחד . אל עשו אחיו .
אע"פ

## מתנות כהונה

בגאה' עד סוף אף אחיך וגו' ובשלחו אליו היה מעורר וישלח : (יג) פורפירא . לבוש מלכות : (יד) ופלקיה
בשנאה : (יב) לזה שבא כו' . עשו הוא נוטל המלכות בראשונה והוליכו לפניו כלומר רמז לו שיקח הוא המלוכה
ואח"כ ועלו מושיעים וגו' : (יב) שלח . פשט ויפשוט ת"א ראשונה : (טו) אין שני זרזירים . רמז שא"א לשניהם

---

איז איינער פאר ביי געגאנגען און האט אים אויפגעוועקט און האט געזאגט צו אים
גיי אוועק פון דעם ארט ווארום דא קען דיר טרעפן שלעכטס . איז דער גזלן אויף
געשטאנען און האט געשלאגן דעם מענטש . האט דער מענטש געזאגט צום גזלן דו
שלעכטער מענטש פאר וואס שלאגסטו מיך . האט דער גזלן געזאגט ווייל איך בין
געשלאפן און דו האסט מיך אויף געוועקט . אזוי האט גאט געזאגט צו יעקב עשו איז
געגאנגען זיין וועג און דו האסט געשיקט צו אים מען זאל אים זאגן אזוי האט געזאגט
דיין קנעכט יעקב . רבי יהודה ברבי סימון האט אנגעהויבן די פרשה מיט דעם פסוק וואס
וועסטו זאגן אז גאט וועט אויף דיר געדיינקען (שלעכטס צו טאהן) . און דו אליין
האסט זיי געלערנט זיי זאלין זיין הערין אויף דיין קאפ . אזוי האט גאט געזאגט צו
יעקב עשו איז געגאנגען זיין וועג און דו האסט געשיקט צו אים און האסט געזאגט
צו אים אזוי האט געזאגט דיין קנעכט יעקב : (ג) מלאכים . יעקב האט געשיקט צו
עשו שלוחים מענטשין . די רבנן זאגין אמתה מלאכים האט יעקב געשיקט . רבי חמא
בר חנינא זאגט מאדאך הגר די דינסט פון שרה זענען צו איר געקומען מלאכים ,
יעקב וואס ער איז געוועזן דער בעסטער פון די אבות זענען צו אים געוויס געקומען
מלאכים . מאדאך אליעזר וואס ער איז געוועזן דער קנעכט פון אברהם איז צו אים
געקומען מלאכים . יעקב וואס ער איז געוועזן דער בעסטער פון די אבות זענען צו אים
געוויס געקומען מלאכים . רבי יוסי זאגט מאדאך יוסף וואס ער איז געוועזן דער יינגסטער
פון די שבטים זענען צו אים געקומען דריי מלאכים . ווי דער פסוק זאגט אמענטש האט
אים געטראפען . אמענטש האט אים געפרעגט . אמענטש האט צו אים געזאגט (די דריי
מענטשען זענען געוועזן דריי מלאכים) . יעקב וואס ער איז געוועזן דער פאטער פון אלע
שבטים זענען צו אים געוויס געקומען מלאכים : (ד) לפניו . יעקב האט געשיקט
מלאכים צו דעם מענטש וואס זיין צייט איז געקומען ער זאל זיין אמלך פריער פאר
יעקב . דאס איז עשו . רבי יהושע זאגט יעקב האט אויס געטאהן זיין קעניגליכע
קלייד און האט זיא געווארפין פאר עשו . ער האט געזאגט צו אים צוויי זרזירים
אזעלכע צוויי עופות וואס האבין פייגעל איינער דעם אנדערין קענען ניט שלאפין אויף
איין

אע"פ שהוא עשו הוא אחיו: (ה) ארצה שעיר שדה אדום. הוא אדום. ותבשילו אדום. וארצו אדומה. (טז) גבוריו אדומים. לבושיו אדומים. ופורע ממנו אדום בלבוש אדום. הוא אדום (שם כה) ויצא הראשון אדמוני. תבשילו אדום (שם) הלעיטני נא מן האדום האדום הזה. ארצו אדומה ארצה שעיר שדה אדום. גבוריו אדומים (נחום ב) אנשי חיל מתלעים וגו'. ופורע ממנו אדום (שיר ה) דודי צח ואדום. בלבוש דים (ישעיה סג) מדוע אדום ללבושך: (ו) ויצו אותם לאמר כה תאמרון לאדוני עשו. רבינו אמר לר' אפס כתוב הד (יז) אגרא מן שמי למרן מלכא אנטונינוס. קם וכתב מן יהודה נשיאה למרן מלכא אנטונינוס. (יח) נסבה וקרייה וקרעה. א"ל כתוב מן עבדך יהודה למרן מלכא אנטונינוס. א"ל ר' מפני מה אתה מבזה על כבודך: א"ל (יט) מה אנא טב מן סבי לא כך אמר כה אמר עבדך יעקב. עם לבן גרתי. לבן (כ) דהוא רבהון דרמאי יהיבתיה בחפתי (כא) לההוא גברא עאכ"ו.

ולמה

## מתנות כהונה

לקבל במלוכה כא' ואין שני מלכים משתמשים בכתר אחד: כ"ג (טז) גבוריו אדומים מגן גבורים מאדום לבושיו אדומים ואנשים כו': (יז) אגרא. איגרת משמי לאדונינו כמו"ך אנטונינוס: (יח) נסבה כו'. רבינו לקח האיגרת וקראו וקרעה: (יט) מה אנא טב כו'. וכי טוב אני מזקני יעקב: (כ) דהוא רבהון כו'. שהוא הרב של כל הרמאים נתתיו בבית ידי כלומר גלחתיו כפי רצוני והוא משל ממי שגלח חבירו שאומר הכרחתיו עד שנתתיו בבית ידי: (כא) להוא גברא. לעשו הרשע:

---

איין ברעט. מיר ביידע קענען ניט זיין מלכים צו זאמען. זאל זיין דיין מלוכה פריער. יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו זיין ברודער. אפילו ער איז עשו. ער איז אבער א ברודער: (ה) ארצה שעיר שדה אדום. צו דער לאנד שעיר אין פעלד אדום. עשו איז געוועזן רויט. זיין געקעכץ איז געוועזן רויט. זיין לאנד איז געוועזן רויט. זיינע שטארקע מענטשן זענען געוועזן רויט. זיינע קליידער זענען געוועזן רויט. דער וואס וועט אים שטראפן וועט זיין רויט. און וועט זיין געקליידט אין ארויטע קלייד. ער איז רויט ווי דער פסוק זאגט דער ערשטער קינד איז ארויס געגאנגען פון די מוטער רויט. זיין געקעכץ איז רויט. ווי דער פסוק זאגט עשו האט געזאגט צו יעקב גיס אריין אין מיין מויל פון דאס רויטע עסן. זיין לאנד איז רויט ווי דער פסוק זאגט די לאנד שעיר דיא פעלד אדום. רויט. זיינע שטארקע מענטשן זענען געוועזן רויט. ווי דער פסוק זאגט אנשי חיל מתולעים. זעלנער וואס זענען רויט ווי פייער. דער וואס וועט אים שטראפן איז רויט. ווי דער פסוק זאגט מיין פריינד (גאט) איז קלאר און רויט. גאט וועט גיין אין ארויטע קלייד. ווי דער פסוק זאגט מען האט געפרעגט ביי גאט פאר וואס איז דיין קלייד רויט: (ו) ויצו. יעקב האט געזאגט צו די מלאכים אזוי זאלט איר זאגן צו מיין הערר עשו. רבי האט געזאגט צו רבי אפס שרייב אבריף פון מיין נאמען צו אונזער הערר דער מלך אנטונינוס. האט רבי אפס געשריבען אין בריף מן יהודה נשיאה למרן מלכא אנטונינוס פון דעם נשיא יהודה איז דער בריף געשריבען צו אינזער הערר דער מלך אנטונינוס. האט רבי גינומען דעם בריף און האט אים געלייענט און האט אים צו ריסען. האט רבי געזאגט צו רבי אפס שרייב "פון דיין קנעכט יהודה צו אונזער הערר דער מלך אנטונינוס". האט רבי אפס געזאגט צו רבי פאר וואס פארשעמסטו דיין כבוד. האט רבי געזאגט בין איך דען בעסער פון מיין זיידען יעקב אבינו. ווען ער האט געשיקט צו עשו האט ער געהייסען זאגן "אזוי האט געזאגט דיין קנעכט יעקב". יעקב האט געשיקט זאגן צו עשו איך האב געוואהנט מיט לבן. מאראך לבן וואס ער איז דער רבי פון אלע שווינדלערס האב איך אים בעהאלטען אין מיין הארביל. דיך וועל איך געוויס בעהאלטען אין מיין הארביל. וועסטו קרענקען פאר וואס האב איך געוואהנט מיט לבן אזוי אלאנגע צייט ביז איצט. ווייל עס איז נאך ניט געהאט געבארען געווארען דער שטן פון דיר עשו. אבער איצט איז שוין געבארען געווארען דיין שטן. ווארום רבי פנחס האט געזאגט פון רבי

שמואל

ולמה עם לבן גרתי ואחר ע עתה. (כב) שעדיין לא נולד שטנו של אותו האיש. אבל עכשיו נולד שטנו של אותו האיש. רא"ר פנחס בשם ר' שמואל בר נחמן מסורת היא שאין עשו נופל אלא ביד בניה של רחל. הה"ד (ירמיה מט) אם לא יסחבים צעירי הצאן. ולמה קורא אותן צעירי הצאן שהן צעיריהם של שבטים: (ז) ויהי לי שור וחמור וגו'. רבי יהודה ור' נחמיה ורבנן. ר"י אומר משור אחד יצאו שורים הרבה ומחמור א' יצאו חמורים הרבה. ר"נ אמר (כג) לישנהון דברייתא היא חמורתא גמלתא. רבנן אמרי שור זה משוח מלחמה שנא' (דברים לג) בכור שורו הדר לו. חמור זה מלך המשיח שנאמר (זכריה ט) עני ורוכב על חמור וגו'. צאן אלו ישראל שנא' (יחזקאל כד) ואתן צאני צאן מרעיתי. ועבד ושפחה (תהלים קכג) הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם וגו' (שם) חננו ה' חננו כי רב שבענו בוז. וישובו המלאכים אל יעקב לאמר באנו אל אחיך אל עשו. שאתה נוהג בו כאח הוא נוהג בך כעשו. וגם הולך לקראתך וארבע מאות איש עמו. ר"ל אמר עמו (כד) כעמו מה הוא שהוא גבור ויכול לעמוד כנגד ארבע מאות. כך כל או"א מהן עשוי על ארבע מאות

## מתנות כהונה

(כב) שעדיין כו'. עד עתה קדייק: (כג) לישנא דברייתא חמור ועל שוורים סרכס שור: (כד) כעמו. כלומר כו'. לשון כבריות כך כוח שאומרים על כחמורים סרכה

שמואל בר נחמן וועגן עשו וועט ניט פאלין אין קיין אנדערע הענט נאר אין די הענט פון רחל'ס קינדער. ווי דער פסוק זאגט די יינגסטע שעפסין וועלין זיי אוועק שלעפין די יינגסטע שעפסין מיינט מען יוסף און בנימין זיי זענען די יינגסטע פון די שבטים זיי וועלין פארשלעפין עשו פון דער וועלט: (ז) ויהי. און עס איז געווארין ביי מיר איין אקס און איין אייזיל. רבי יהודה און רבי נחמיה און די רבנן קריגען. רבי יהודה זאגט אזוי האט יעקב געזאגט אין אנהייב האב איך נאר געהאט איין אקס. מיט דער צייט איז געווארין פון דעם איין אקס פיל אקסין. אין אנהייב האב איך נאר געהאט איין אייזיל. מיט דער צייט איז געווארין פון דעם איין אייזיל פיל אייזלען. רבי נחמיה זאגט דער שטייגער פון מענטשין איז אזוי צו ריידין איך האב אאקס אאייזיל אקעמיל (און אין אמת האט ער פיל אקסין און פיל אייזלען און פיל קעמלען) די רבנן זאגין אזוי האט יעקב געשיקט צו עשו. איך האב אאקס דאס איז משוח מלחמה (דער כהן וואס איז אויסגעקליבן געווארין צו גיין אין דער מלחמה. ווי דער פסוק זאגט דער בכור דאס איז יוסף צו אים איז שיין דער נאמען אקס און די הערנער זיינע זענען ווי פון אווזיל צו שטויסין מיט זיי די פעלקער ביז אין עק וועלט) . איך האב אאייזיל דאס איז משיח. ווי דער פסוק זאגט משיח וועט קומען ווי אארעם מאן וואס רייט אויף אאייזיל. דער שעפס מיינט מען די יודין. ווי דער פסוק זאגט איר זענט מיינע שעפסין פון מיין פיטערונג. דער קנעכט און די דינסט מיינט מען די יודין. ווי דער פסוק זאגט אזוי ווי די אויגין פון די קנעכט קוקען צו זייער בעל הבית. און די אויגין פון די דינסט קוקען צו זייער בעלת הבית. אזוי קוקען די אויגין פון די יודין צו גאט. און מיר זאגין גאט האב רחמנות אויף אונז ווארום מיר זענען שוין זאט מיט שאנד. די מלאכים זענען געקומען צוריק צו יעקב און האבין געזאגט צו אים מיר זענען געקומען צו דיין ברודער צו עשו. דו ביזט צו אים אזוי ווי אברודער. און ער איז צו דיר אזוי ווי עשו. און ער גייט בעגין דיר און פיר הונדערט מענטשין זענען מיט אים. ריש לקיש זאגט די מענטשין זענען געוועזן אזוי ווי עשו. אזוי ווי עשו איז געוועזן שטארק און ער האט געקענט שלאגין פיר הונדערט מענטשין. אזוי יעדער מענטש פון די פיר הונדערט מענטשין האט געקענט שלאגין פיר הונדערט מענטשין. רבי לוי זאגט עשו איז געגאנגען אין מצרים און האט גינומען אברייף אז ער מעג נעמען צאהל פון אלע בהורות. עשו האט אזוי געזאגט אויב

מאות איש. ר' לוי אמר הלך ונטל (כה) אגרומי ממצרים. אמר (כו) אין יכילנא ליה הא טב ואם לאו אנא אימא ליה אייתי מכסא ומגו כן אנא קאים עליו וקטילנא ליה:

(ח) ד"א וישלח יעקב מלאכים. זהו שנאמרה ברוה"ק ע"י שלמה מלך ישראל (משלי י) ברכות לראש צדיק ופי רשעים יכסה חמס. כנגד מי אמר שלמה המקרא הזה לא אמרו אלא כנגד יעקב ועשו. ברכות לראש צדיק זה יעקב. ופי רשעים יכסה חמס זה עשו הרשע. אשריהן הצדיקים שמתברכין בארץ ומתברכין בשמים. וכך היא המדה שנא' (ישעיה סג) אשר המתברך בארץ יתברך באלהי אמן. להודיעך שכל הברכות שברך יצחק את יעקב כנגדו ברכו הקב"ה מלמעלה. יצחק א"ל (בראשית כז) ויתן לך האלהים מטל השמים וגו'. והקב"ה ברכו בטל ומטר שנא' (מיכה ה) והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים כטל וגו'. יצחק א"ל ומשמני הארץ. והקב"ה ברכו בתבואה שנאמר (ישעיה ל) ונתן מטר זרעך אשר תזרע את האדמה. יצחק אמר יעבדוך עמים. והקב"ה א"ל (ישעיה מט) והיו מלכים אומניך ושרותיהם מניקותיך. יצחק א"ל הוה גביר לאחיך. והקב"ה א"ל ע"י משה (דברים כו) ולתתך עליון על כל הגוים. הא למדת שכל הברכות שברכו יצחק מלמטה ברכו הקב"ה מלמעלה. ואף רבקה אמו ברכתו כנגדן. שנא' (תהלים צא) יושב בסתר עליון. וכך אמרה לו (כז) כי מלאכיו יצוה לך וגו'. כיון שאמרה לו בלשון הזה ברכתו רוה"ק יקראני ואענהו וגו'. וכי מאחר

## מתנות כהונה

כדומה לו: (כה) אגרומי. רשות להיות מוכסן: (כו) אין אומר לו להביא מכס ומתוך כך אני עומד עליו ואהרוג יכיכנא כו'. אם אוכל לנגח אותו הרי טוב אם לאו אותו: (כז) כי מלאכיו כו' כך אמרה כשהלך אל לבן:

אַיךְ וֶועל מִיךְ קֶענֶען שְׁטארְקִין אויף יַעֲקֹב אִיז גוּט. אוּנ אויבּ נִיט. וֶועל אִיךְ צוּ אִים זָאגִין גִיבּ מִיר צָאהְל פוּן דַיינֶע בְּהֵמוֹת אוּנ אַנְדֶערֶע זַאכִין וָואס דוּ פִירְסְט. וֶועט עֶר דָאךְ נִיט וֶועלִין גֶעבִּין דֶער וַוייל וֶועל אִיךְ אויף שְׁטֵיין אויף אִים אוּנ וֶועל אִים הַרְגֶנֶן:

(ח) דָּבָר אַחֵר. נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז יַעֲקֹב הָאט גֶעשִׁיקְט מַלְאָכִים. דָאס הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גִיזָאגְט מִיט רוּחַ הַקֹּדֶשׁ בְּרָכוֹת לְרֹאשׁ צַדִּיק וּפִי רְשָׁעִים יְכַסֶּה חָמָס. גֶעגִין וֶועמֶען הָאט שְׁלֹמֹה גִיזָאגְט דֶעם פָּסוּק. נָאר גֶעגִין יַעֲקֹב מִיט עֵשָׂו. בְּרָכוֹת אִיז צוּם קָאפּ פוּן צַדִּיק דָאס אִיז יַעֲקֹב. אוּנ דֶי מוֹיל פוּן דִי רְשָׁעִים בֶּדֶעקְט מִיט רוֹיבּ דָאס אִיז דֶער רָשָׁע עֵשָׂו. וואוֹהְל צוּ דִי צַדִּיקִים זֵיי וֶוערִין גִיבֶּענְטְשְׁט אויף דִי עֶרְד אוּנ וֶוערִין גִיבֶּענְטְשְׁט אִין הִימֶעל. אוּנ אַזוֹי אִיז דִי מִדָּה. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט דֶער וָואס וֶוערְט גִיבֶּענְטְשְׁט אויף דִי עֶרְד וֶועט עֶר גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערִין פוּן דֶעם אֱמֶתִין גָאט. צוּ זָאגִין אוּנְז אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב. דָא אויף דִי עֶרְד. אַזוֹי הָאט גָאט אויךְ גִיבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אִין הִימֶעל. יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט צוּ יַעֲקֹב גָאט זָאל דִיר גֶעבִּין טָאה פוּן הִימֶעל. גָאט הָאט אִים גִיבֶּענְטְשְׁט מִיט טָאה אוּנ רֶעגִין. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאס אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג פוּן יַעֲקֹב וֶועט זַיין צְווִישֶׁען דִי פֶעלְקֶער אַזוֹי וִוי טָאה אוּנ רֶעגִין. יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט צוּ יַעֲקֹב עֶר זָאל הָאבִּין דִי פֶעטְקֵייט פוּן דִי עֶרְד. אוּנ גָאט הָאט אִים אויךְ גִיבֶּענְטְשְׁט מִיט הַתְּבוּאָה. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט גָאט וֶועט גֶעבִּין רֶעגִין אויף דַיין פַארְזֵייהוּנְג וָואס דוּ וֶועסְט זֵייהֶען דִי עֶרְד. דִי עֶרְד זָאל וֶוערִין פֶעט אוּנ עֶס זָאל וַואקְסִין גוּטֶע תְּבוּאָה. יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט צוּ יַעֲקֹב פֶעלְקֶער וֶועלִין דִיךְ דִינֶען. גָאט הָאט אויךְ אַזוֹי גִיזָאגְט מְלָכִים וֶועלִין אָדֶענוֶוען דַיינֶע קִינְדֶער. אוּנ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועלִין זֵייגִין דַיינֶע קִינְדֶער. יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט צוּ יַעֲקֹב דוּ זָאלְסְט זַיין אַהֶערְר אויף דַיינֶע בְּרִידֶער. אוּנ גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי יוּדִין דוּרְךְ מֹשֶׁה אִיךְ וֶועל דִיךְ גֶעבִּין הֶעכֶער פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער. זֶעהְן מִיר אַז אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט צוּ יַעֲקֹב דָא אויף דִי עֶרְד. הָאט אִים גָאט אַזוֹי גִיבֶּענְטְשְׁט אִין הִימֶעל. אוּנ זַיין מוּטֶער רִבְקָה הָאט אִים אויךְ אַזוֹי גִיבֶּענְטְשְׁט. זִיא הָאט גִיזָאגְט צוּ אִים גָאט זָאל הֵייסִין זַיינֶע מַלְאָכִים זֵיי זָאלִין דִיךְ הִיטֶען אִין וֶועג. וִוי דִי מוּטֶער הָאט אַזוֹי גִיזָאגְט צוּ יַעֲקֹב הָאט אִים גָאט אויךְ גִיבֶּענְטְשְׁט אוּנ הָאט גִיזָאגְט אַז עֶר וֶועט מִיךְ רוּפִין וֶועל אִיךְ

אִים

מאחר שברכו הקב"ה. אביו למה חזר וברכו שנאמר (בראשית כח) ויקרא יצחק אל
יעקב ויברך אותו. אלא שראה יצחק ברוה"ק שעתידין בניו להגלות לבין או"ה א"ל
(כח) בא ואברכך ברכות של גליות שיחזיר עליך הקב"ה ויקבצך מן בין הגליות.
ומה הן הברכות (איוב ה) בשש צרות יצילך ובשבע לא יגע בך רע ברעב פדך ממות
ובמלחמה מידי חרב בשוט לשון תחבא ולא תירא משד כי יבא לשד ולכפן תשחק
ומחית הארץ אל תירא. לכך נאמר ברכות לראש צדיק: (ט) ד"א וישלח יעקב.
(תהלים קמ) אל תתן ה' מאויי רשע זממו אל תפק ירומו סלה. אמר לפניו רבון
העולמים אל תתן לעשו הרשע מחשבות לבו. מהו זממו אל תפק. אמר לפניו רבש"ע
עשה לו (כט) זמם לעשו הרשע כדי שלא תהא לו נחת רוח שלימה. ומה זמם עשה
לו הקב"ה לעשו. א"ר חמא ב"ח אלו בני ברבריאה ובני גירמאניה שאדומיים
מתייראין מהם. ד"א אל תתן ה' מאויי רשע. אמר לפניו רבון העולם כשם שהיתה
בדעתו של לבן לעשות עמי רעה ולא עזבתו. אף מחשבות של עשו אחי שמחשב
עלי להרגני הפר דעתו. זה אחד מג' בני אדם שחשבו רעות ולא עמדו בידן.
עשו וירבעם והמן. עשו שנאמר (בראשית כז) ויאמ' עשו בלבו. בירבעם כתיב (מ"א
יב) ויאמר ירבעם בלבו. בהמן כתיב (אסתר ו) ויאמר המן בלבו. מהו ויאמר עשו
בלבו

## מתנות כהונה

(כח) בא ואברכך גרסי': (כט) זמם. תכה הוך פי':

---

אים ענפערין. אז גאט האט אים גיבענטשט צו וואס האט אים יצחק נאך אמאהל גיבענטשט.
ווי דער פסוק זאגט יצחק האט גירופין זיין זוהן יעקב אונ האט אים גיבענטשט. נאר
יצחק האט גיזעהן מיט רוח הקדש אז די קינדער פון יעקב וועלין פארטריבען ווערין
צווישען די פעלקער. האט יצחק גיזאגט צו יעקב קום איך וועל דיר געבין א ברכה אז
גאט זאל זיך צוריק קערין צו דיר אונ זאל דיך פארזאמלען פון גלות צוריק אין ארץ
ישראל. וואס זענען די ברכות. אז דו וועסט זיין אין זעקס צרות וועט דיך גאט רעטין
פון זיי. אז דו וועסט זיין אין די זיבעטע צרה וועט דאס שלעכטס דיך ניט אנרירען.
אין די צייט פון הונגער וועט דיך גאט אויסלייזין פון טויט. אין די צייט פון מלחמה
וועט דיך גאט רעטין פון שווערד. ווען עס וועט ציהען דער צונג פון לשון הרע.
וועסטו זיין בעהאלטין. דו וועסט ניט מורא האבין מען זאל דיך רויבין. צו רויב אונ צו
הונגער וועסטו לאכין. פאר שלעכטע חיות זארכסטו ניט מורא האבין. דריבער זאגט
דער פסוק ברכות איז אויף דעם קאפ פון צדיק: (ט) דבר אחר. נאך אפשט איז יעקב
האט געשיקט מלאכים. דוד המלך האט גיזאגט אל תתן ה' מאויי רשע. רבונו של עולם
זאלסט ניט געבין צו עשו וואס זיין הארץ גלוסט. זממו אל תפק. דוד האט גיזאגט פאר
גאט רבונו של עולם מאך א שלאס צו די מויל פון דעם רשע עשו. ער זאל ניט האבין זיין
גאנץ פארגעניגען. ער זאל ניט קענען היידין וואס ער וועט וועלין. וועלכין שלאס האט
גאט גימאכט צו עשו. רבי חמא בר חנינא זאגט דאס זענען די מענטשין פון ברבריה אונ
פון גירמאניה וואס אדום האט מורא פאר זיי. דריבער עפענען זיי שוין ניט די מויל געגין
יודין. וועיל זיי האבין מורא טאמער וועלין די יודין אנרייצין די ברברים אונ די גירמאנים
בייז זיי וועלין מלחמה האלטין מיט עשו. נאך אפשט איז גאט זאלסט ניט געבין די
גלוסטונג פון רשע. יעקב האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אזוי ווי לבן האט מיר
געוואלט טאהן שלעכטס אונ דו האסט אים ניט גילאזין. אזוי זאלסטו שטערין די מחשבות
פון עשו וואס ער טראכט מיר צו טאהן שלעכטס. דריי מענטשין זענען גיוועזען וואס
האבין גיוואלט טאהן שלעכטס אונ האבין ניט אויס געפירט. עשו אונ ירבעם אונ המן.
ביי עשו שטייט עשו האט גיטראכט אין הארצין מיין פאטער וועט שטארבין וועל איך
הרגנן מיין ברודער יעקב. ביי ירבעם שטייט ער האט גיטראכט אין הארצין שלעכטס

געגין

כלבו. אמר קין הרג את אחיו ולא עשה לו המקום כלום וסוף שהוליד בנים אחרים וירשו עמו את העולם. אף אני אהרוג את יצחק אבי תחלה ואח"כ אהרוג את יעקב אחי ואירש את העולם לבדי שנא (בראשית כז) יקרבו ימי אבל אבי. אמר אקרב אבלו של אבא קודם ואח"כ ואהרגה את יעקב אחי. ולא הספיק הקב"ה בידו. לכך נאמר אל תתן ה' מאויי רשע: (י) ד"א וישלח יעקב מלאכים. בא וראה מה כתיב למעלה מן הענין (בס לב) ויאמר יעקב כאשר ראם וגו'. כמה היה מחנה אלהים שני אלפים רבוא מלה"ש שנא' (תהלים סח) רכב אלהים רבותים אלפי שנאן ה' בם סיני בקדש. ויקרא שם המקום ההוא מחנים. שתי מחנות למה מלמד שנתנו לו ליעקב ארבעת אלפים רבוא מה"ש ונדמו לחיילות של מלך. מהן לבושי ברזל. ומהן רוכבי סוסים. ומהן (ל) יושבי קרנות. פגע בלבושי ברזל אמר להם משל מי אתם. א"ל של יעקב. פגע ברוכבי סוסים אמר להם משל מי אתם. א"ל של יעקב. פגע ביושבי קרנות אמר להם משל מי אתם. א"ל של יעקב. שנא' מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי. ואף יעקב היה מזכיר לעשו שמו של הקב"ה ליראו

## מתנות כהונה

פ"ג מס זמס עסה הקב"ה לעשו: (ל) יושבי קרנות. עגלות תבוכות: פ"ג (לא) משל למה הדבר דומה לאחד

געגין יודין. ביי המן שטייט המן האט גיטראכט אין הארצין צו טאהן שלעכטס צו מרדכי מיט די יודין. וואס האט עשו גיטראכט אין הארצין. ער האט גיזאגט. קין האט גיהרגת זיין ברודער האט אים גאט גאר ניט גישטראפט. ער האט גיהאט קינדער. אונ זייא האבין גיירשת די וועלט מיט אים צו זאמען. איך וועל אויך אזוי טאן פריער וועל איך הרגנן מיין פאטער יצחק דער נאך וועל איך הרגנן מיין ברודער יעקב וועל איך אליין ירשנן די וועלט. ווי דער פסוק זאגט עשו האט גיזאגט יקרבו ימי אבל אבי. פריער וועל איך נאנט מאכין דעם טרויער פון מיין פאטער. דער נאך וועל איך הרגנן מיין ברודער יעקב. האט גאט ניט גילאזין. דריבער זאגט דער פסוק גאט זאלסט ניט געבין די גלוסטונג פון רשע: (י) דבר אחר. נאך אפשט איז יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו. זעה נאר וואס שטייט פריער אין סוף פון יענע סדרה ווי יעקב האט גיזעהן די מלאכים האט יעקב גיזאגט דאס איז אמחנה מלאכים פון גאט. ווי פיל איז אמחנה פון גאט צוויי אונ צוואנציג טויזענד מלאכים. ווי דער פסוק זאגט דער רייטוואגין פון גאט איז צוויי מאהל צעהן טויזענד אונ צוויי טויזענד מלאכים אונ גאט איז צווישען זיי אזוי איז גיוועזן אויף די היילינגקייט פון בארג סיני. יעקב האט גירופין דעם נאמען פון דעם ארט מחנים. צוויי מחנות. פאר וואס צוויי מחנות. ווייל מען האט גיגעבין צו יעקב פיר טויזענד רבוא (פערציג טויזענד) מלאכים אונ זיי האבין אויס גיזעהן ווי מיליטער פון אמלך. אטייל פון זיי זענען גיוועזן גיקליידעט מיט אייזין. אטייל האבין גערייטען אויף פערד. אטייל זענען גיזעסין אין וועגין. עשו האט בגעגינט די מלאכים וואס זענען גיוועזן געקליידעט מיט אייזין. האט ער זיי גיפרעגט ווער זיי זענען. האבין זיי גיזאגט מיר זענען פון יעקב. דער נאך האט ער בגעגינט די וואס האבין גערייטען אויף פערד. האט ער זיי גיפרעגט ווער זיי זענען. האבין זיי גיזאגט מיר זענען פון יעקב. דער נאך האט ער בגעגינט די וואס זענען גיזעסין אין פורען אונ זענן גיפארין. הט ער זיי גיפרעגט ווער זיי זענן האבין זיי גיזאגט מיר זענען פון יעקב. דער נאך ווען עשו איז גיקומן צו יעקב הט ער אים גיפרעגט ווער איז די מחנה וואס איך האב בגעגינט. יעקב האט דער מאנט צו עשו דעם נאמען פון גאט ער זאל מורא האבין אונ זאל זיך דער שרעקין. אונ יעקב האט גיזאגט צו עשו דיין פנים וואס איך האב גיזעהן איז ביי מיר גלייך ווי איך וואלט גיזעהן דעם פנים פון גאט. די זאך איז גלייך צו איינעם וואס האט גיבעטין זיין חבר ער זאל ביי אים עסין. אין מיטען עסין האט ער דערקענט אז זיין חבר וויל אים הרגנן. האט ער גיזאגט צו

ליראו ולבהלו שנא׳ כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים. (לח) משל למה״ד לאחד שזימן את חבירו לסעודה והכיר בו שהיה מבקש להרגו. אמר דומה טעם תבשיל זה בטעם אותו תבשיל שטעמתי בבית המלך. אמר (לג) ידע ביה מלכא מסתפי ולא קטליה. אף כך יעקב כיון שאמר לעשו כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים. אמר עשו הרשע הגיעו הקב״ה לכבוד הזה שוב איני יכול לו: (יא) ד״א וישלח יעקב מלאכים. למה שלח יעקב אצלו שלוחים אלא כך אמר אשלח לו שלוחים אם יחזור בתשובה. אמר להם אמרו לו אל תאמר יעקב כדרך שיצא מבית אביו הוא עומד שנא׳ כי במקלי עברתי וגו׳. (לג) ויצו אותם לאמר. אמרו לו אל תאמר כשיצא מעמך נטל בידו כלום מתפיסת הבית אלא בשכרי קניתי כל חללו בכחי שנא׳ ועתה הייתי לשני מחנות. באותה שעה שקרא יעקב לעשו אדוני. א״ל הקב״ה אתה השפלת עצמך וקראת לעשו אדוני ח׳ פעמים. חייך אני מעמיד מבניו ח׳ מלכים קודם לבניך שנא׳ (בראשית לו) ואלה המלכים אשר מלכו וגו׳. אמר להם אמרו לו אם לשלום אתה מתוקן אני כנגדך. ואם למלחמה אני כנגדך. יש לי גבורים בעלי גבורה וזרוע שאומרים לפני הקב״ה דבר והוא עושה להם רצונם שנא׳ (תהלים קמה) רצון יראיו יעשה. לפיכך בא דוד ליתן שבח וקלוס לפני הקב״ה (לד) שעזרו בברחו מפני שאול. שנא׳ (שם יא) כי הנה הרשעים ידרכון קשת. מה כתיב אחריו (שם) כי השתות יהרסון צדיק מה פעל. אמר לפניו רבון העולמים (לה) אם רחקת ונטשת
את

## מתנות כהונה

שזימן: (לג) ידע ביה מלכא. לשון תימה וחרדה יודע אמנו כמלך ומכירו והוא מתירא ולא הרגו: (לג) ויצו אותם. כיון שלכולם צוה כן נקט בלשון קל״ר: (לד) שעזרו שעזר ליעקב: (לה) אם רחקת. כאותה שעה שקיב כלרס

זיין חבר דער טעם פון דעם עסין איז גלייך צו דעם טעם פון דאס עסין וואס איך האב גיגעסין ביי דעם מלך אין שטוב. האט דער חבר ביי זיך גיטראכט דער מלך וויים פון אים. האט ער מורא גיהאט אונ האט אים ניט גיהרגת. אזוי איז גיוועז ביי יעקב. ווי ער האט גיזאגט צו עשו דיין פנים וואס איך האב גיזעהן איז בייא מיר גלייך וויא איך וואלט גיזעהן דעם פנים פון גאט. האט עשו גיזאגט אז גאט האט אים געבריינגט צו דעם כבוד ער זאל צו איהם גיזעהן ווערין. וועל איך אים שוין גאר ניט קענען טאהן:
(יא) דבר אחר. נאך אפשט איז יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו פאר וואס האט יעקב געשיקט די מלאכים צו עשו. נאר יעקב האט גיטראכט איך וועל שיקען צו אים מלאכים טאמער וועט ער תשובה טאהן. יעקב האט גיזאגט צו דיא מלאכים איהר זאלט זאגין צו עשו דוא זאלסט ניט מיינען אז יעקב איז איצט אזויא וויא ער איז גיוועז ווען ער איז ארויס גיגאנגען פון זיין פאטער. גיין. ער איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן מיט דעם שטעקין אונ איצט איז ער גיווארין מיט צווייא מחנות. יעקב האט גיהייסין דיא מלאכים זיא זאלין זאגין צוא עשו דוא זאלסט ניט מיינען ווען יעקב איז אוועק גיגאנגען פון דיר האט ער עפעס גינומען פון שטוב. גיין. נאר מיט מיין פארדינסט האב איך דאס אלץ גיקויפט. מיט מיין כח. איצט בין איך גיווארין צוא צווייא מחנות. ווען יעקב האט גירופין צו עשו מיין הערר. האט גאט גיזאגט צוא יעקב דו האסט זיך גידעריג גימאכט אונ צוא עשו האסטו גירופין אכט מאהל מיין הערר. איך שווער בייא דיין לעבין אז פון עשום קינדער וועלין זיין אכט מלכים פריער וויא פון דיינע קינדער. וויא דער פסוק זאגט דאס זענען די מלכים וואס האבין געקיניגט אין אדום. יעקב האט גיזאגט צו די מלאכים זאגט צו עשו אויב דו קומסט צו פרידען בין איך אנגעברייט צו פרידען. אונ אויב דוא קומסט צו מלחמה בין איך אויך אנגעברייט. איך האב שטארקע מענטשין אז זיי זאגען פאר גאט זייא ווילען די זאך. טוהט גאט זייער ווילען. ווי דער פסוק זאגט גאט טוהט דעם ווילען פון די מענטשין וואס האבין מורא פאר אים. דריבער איז דוד גיקומען מיט אלויב פאר גאט וואס ער האט אים גיהאלפין ווען ער איז אנטלאפין פאר שאול. ווי דער פסוק

זאגט

את יעקב שהוא משתיתו ויסודו של עולם שנא' (משלי י) וצדיק יסוד עולם. צדיק מה פעל. על אותה שעה נאמר (תהלים כ) אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה' אלהינו נזכיר: (יב) ד"א ויהי לי שור וחמור. שור זה יוסף שנא' (דברים לג) בכור שורו הדר לו. חמור זה יששכר דכתיב (בראשית מט) יששכר חמור גרם. ובן בנו של יוסף עומד לכלות את עמלק שנא' (שמות יז) ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב. ובניו של יששכר יודעין מה הקב"ה עושה בעולמו שנא' (דה"א יב) ומבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת (לו) מה יעשה ישראל ראשיהם מאתים. וצאן אלו ישראל שנא' (יחזקאל לד) ואתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם. ועבד זה דוד שנא' (תהלים קטז) אני עבדך בן אמתך. ושפחה זו אביגיל שנא' (ש"א כה) הנה אמתך לשפחה. באותה שעה הלכו אותן השלוחים אצל עשו וראו עמו גבורים מזויינין. ובאו ואמרו ליעקב שנאמר וישובו המלאכים אל יעקב לאמר באנו אל אחיך אל עשו וגו'. מהו וארבע מאות איש עמו. א"ר שמואל בר נחמני ת' מלכים קושרי כתרים. וי"א ת' מיני (לז) אפרכין היו עמו. ור' ינאי אמר ת' ראשי גייסות היו עמו וכיון שאמרו לו ליעקב כל אותה גדולה היה מתיירא. יהיה מחלק את נשיו ואת בניו לשתי מחנות. שנאמר ויחץ את העם אשר אתו:
ויאמר

## מתנות כהונה

לא נתרחקת ממנו מה כיו מועילים פעולותיו: (לו) מה יעשה ישראל. לעמוד בלווי של הקב"ה: (לז) אפרכין.

זאגט די רשעים מרעטין אן די בויגינם צום שיסען. וואס שטייט נאך דעם אין פסוק אז די פונדאמענטין וועלין צו ווארפין ווערין וואס האט געהאלפין די פרומקייט פון צדיק. ער האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב דו האסט דיר וויטערט אונ האסט פר לאזין יעקב אבינו וואס ער איז דער פונדאמענט פון דער וועלט. ווי דער פסוק זאגט דער צדיק איז דער פונדאמענט פון דער וועלט. וואס טויג די פרומקייט פון צדיק. אויף די הילף וואס גאט האט אים גיטאהן אין די צייט. האט ער גיזאגט דיא קומען מיט רייט ווענין אונ די קומען מיט פערד. אונ מיר דער דעם נאמען דעם מאנען פון גאט. זיי זענען גיפאלין אין די מלחמה. אונ מיר האבין אונז גישטארקט: (יב) דבר אחר. נאך אפשט איז יעקב האט גיזאגט איך האב אקס אונ אייזיל. דער אקס מיינט מען יוסף. ווי דער פסוק זאגט דער בכור (יוסף) צו אים איז שיין דער נאמען שור (ווייל זיין גרויסקייט איז צו אים גיקומען דורך די קיה פון פרעה'ס חלום). דער אייזיל מיינט מען יששכר. ווי דער פסוק זאגט יששכר איז ווי אאייזיל מיט שטארקע ביינער. אונ דער איניקיל פון יוסף וועט פארלענדין דעם עמלק (וואס ער איז אאייניקיל פון עשו) ווי דער פסוק זאגט יהושע האט שוואך גימאכט עמלק מיט זיין פאלק צום שווערד. אונ די קינדער פון יששכר ווייסין וואס גאט טוהט אויף דער וועלט. וויא דער פסוק זאגט די קינדער פון יששכר ווייסין פארשטאנדיגקייט צו די צייטין צו וויסען וואס די יודין זאלין טאהן. זייערע עלצטע זענען גיוועזן צוויי הונדערט. שעפסין מיינט מען די יודין. ווי דער פסוק זאגט איר זענט מיינע שעפסין די שעפסין פון מיין פיטערונג איר זענט מענטשין. דער קנעכט מיינט מען דוד המלך. ווי דוד האט גיזאגט פאר גאט איך בין דיין קנעכט דער זוהן פון דיין דינסט. די דינסט מיינט מען אביגיל. ווי אביגיל האט גיזאגט צו דוד איך וויל זיין דיין דינסט. די מלאכים זענען גיגאנגען צו עשו אונ זיי האבין גיזעהן אז מיט אים זענען דא שטארקע מענטשין זענען זייא געקומען צו יעקב אונ האבין אים דאס גיזאגט. ווי דער פסוק זאגט די מלאכים זענען צוריק גיקומען צו יעקב אונ האבין גיזאגט צו אים מיר זענען גיקומען צו דיין ברודער צו עשו אונ ער גייט קעגין דיר אונ מיט אים זענען פיר הונדערט מענטשין. רבי שמואל בר נחמני זאגט די פיר הונדערט מענטשין זענען אלע גיוועזן מלכים מיט קרוינען. אנדערע זאגין פיר הונדערט שררים זענען גיוועזן מיט אים.
רבי

(יג) ויאמר אם יבא עשו אל המחנה האחת והכהו. באותה שעה אמר יעקב אבינו לפני הקב"ה רבש"ע כתבת בתורתך (ויקרא כב) ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד. אם יבא רשע זה ויאבד את בני ואת אמם כאחת ספר תורה שאתה עתיד ליתן על הר סיני מי יקרא בו. בבקשה ממך הצילני נא מידו שלא יבא ויכני אם על בנים שנא הצילני נא. מה עשה עמד ושלח לו דורון לסמות את עיניו. שנא' (דברים טז) כי השוחד יעור עיני חכמים. ואין חכמים אלא אדומיים שנא' (עובדיה א) והאבדתי חכמים מאדום ותבונה מהר עשו. ויתן ביד עבדיו עדר עדר לבדו וגו'. מהו ורוח תשימו. אמר יעקב לפני הקב"ה רבש"ע אם יהיו צרות באות על בני לא תביא אותם (נח) זו אחר זו. אלא הרווח להם מצרותיהם. באותה שעה נשא יעקב את עיניו וראה את עשו שהוא בא מרחוק והלה עיניו למרום ובכה ובקש רחמים מלפני הקב"ה ושמע תפלתו (נט) והבטיחו שהוא מושיעו מכל צרותיו בזכותו של יעקב. שנא' (תהלים כ) יענך ה' ביום צרה ישגבך שם אלהי יעקב:

**פרשה עו** (א) ויירא יעקב מאד ויצר לו. ר' פנחס בשם ר' ראובן שני בני אדם הבטיחן הקב"ה (א) ונתייראו. הבחור שבאבות והבחור שבנביאים.

הבחור

## מתנות כהונה

פלשונין על אפרכיות: (נח) זו אחר זו. תכופים: יעקב והצילו הקב"ה מיד עשו והבטיחו הקדוש ברוך (נט) והבטיחו חוזר למעלה על תפלת דוד שמזכיר זכות הוא גם אותו יעזרו בזכות יעקב: (א) ונתייראו. שמא

רבי ינאי זאגט פיר הונדערט עלצטע פון מיליטער זענען געוועזן מיט אים. ווי מען האט דערציילט צו יעקב די גרויסקייט פון עשו האט ער מורא געהאט האט ער צו טיילט זיינע ווייבער און זיינע קינדער-אויף צוויי טייל. ווי דער פסוק זאגט יעקב האט צוטיילט דאס פאלק וואס מיט אים אויף צוויי מחנות: (יג) ויאמר. יעקב האט געזאגט אויב עשו וועט קומען צו איין מחנה און וועט אים שלאגין וועט די אנדערע מחנה אנטלויפין. דאמאלס האט יעקב געזאגט פאר גאט רבונו של עולם דו האסט געשריבען אין דיין תורה אאקס אדער אשעפס אים מיט זיין זוהן זאלט איר ניט שעכטין אין איין טאג. אויב דער רשע עשו וועט קומען און וועט הרגנן מיינע קינדער מיט זייערע מוטערס מיט איין מאהל. ווער וועט לערנען די תורה וואס דו ווילסט געבין אויף דעם בארג סיני. איך בעט פון דיר דו זאלסט מיך רעטין פון זיין האנט ער זאל ניט קומען מיך שלאגין די מוטער מיט די קינדער. וואס האט יעקב גיטאהן ער האט געשענקט אמתנה צו עשו ער זאל אים פארבלענדין די אויגין. ווי דער פסוק זאגט דער שוחד פארבלענדט די אויגין פון די קלוגע. די קלוגע מיינט מען אדום (עשו). ווי דער פסוק זאגט איך וועל פאר לירען די חכמים פון אדום און פארשטאנדיגקייט וועל איך פארלירען פון עשו. יעקב האט גיגעבין די בהמות דורך זיינע קנעכט יעדער סטאדע באזונדער. און ער האט גיזאגט צו זיינע קנעכט זיי זאלין מאכין אדערוואייטערונג פון איין סטאדע צו די אנדערע סטאדע. יעקב האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב עס וועט דארפין קומען צרות אויף מיינע קינדער. זאלסטו ניט ברייגגען די צרות איינע נאך די אנדערע. נאר זאלסט דר ווייטערין איין צרה פון די אנדערע. דאמאלס האט יעקב אויף גיהויבין זיינע אויגין און האט גיזעהן פון ווייטין ווי עשו קומט. האט ער אויפגיהויבין זיינע אויגין צו גאט און האט געוויינט. און האט גיבעטין ביי גאט ער זאל אויף אים רחמנות האבין. האט גאט גיהערט זיין תפלה און האט אים צו געזאגט ער זאל אים העלפין פון זיינע אלע צרות. אזוי האט גאט צו גיזאגט צו דויד ער זאל אים אויך העלפין פון זיינע אלע צרות אין דעם זכות פון יעקב. ווי דער פסוק זאגט גאט וועט דיר ענטפערין אין דעם טאג וואס דו וועסט זיין אין אצרה. דער נאמען פון דעם גאט פון יעקב וועט דיך שטארקין:

פרשה עו (א) ויירא. יעקב האט שטארק מורא גיהאט און עס האט אים באנג גיטאהן. רבי פנחס האט גיזאגט פון רבי ראובן ס ווענין צוויי מענטשין זענען גיוועזן

הבחור שבאבות זה יעקב שנא' (תהלים קלה) כי יעקב בחר לו יה. וא"ל הקב"ה והנה אנכי עמך ובסוף נתיירא שנאמר ויירא יעקב. הבחור שבנביאים זה משה שנא' (שם קו) לולי משה בחירו. וא"ל הקב"ה כי אהיה עמך ולבסוף נתיירא (במדבר כא) ויאמר ה' אל משה אל תירא אותו. אינו אומר אל תירא אותו (ב) אלא למי שנתיירא. ר' ברכיה ור' חלבו בשם ר' שמואל בר נחמן משם ר' נתן ראויים היו ישראל כליה בימי המן אילולא (ג) שנסמכה דעתן על דעת הזקן אביהם. אמרו מה אבינו יעקב שהבטיחו הקב"ה וא"ל והנה אנכי עמך נתיירא. אנו עאכ"ו. הוא שהנביא מקנתר את ישראל ואומר להם (ישעיה נא) ותשכח ה' עושך נוטה שמים ויוסד ארץ. אמר להון (ד) אנשיתון מה אמר לכון (ירמיה לא) כה אמר ה' אם ימדו השמים מלמעלה אם ראיתם שמים (ה) שמטו והארץ מתמוטטה מנטיית שמים וארץ לא היה לכם ללמוד אלא ותפחד תמיד כל היום: (ב) ד"א ויירא יעקב מאד ויצר

## מתנות כהונה

גרס הכתוב : (ב) אלא למי שנתיירא. כלומר לפי שמתיירא : (ג) שנסמכה דעתן כו'. שלמדו מיעקב אבינו וחזרו בתשובה ולא היו סומכין על זכות עצמן ולא על ההבטחה שהבטיחן הקב"ה ואף גם זאת וגו' : (ד) אנשיתון. וכי שכחתם מה שאמר לכם כו' : (ה) שמטו. דרש ימוטו כמו ימעדו שהוא לשון מיטה ועניין הקטור ר"ל שנתקעו במדת היראה כ"כ עד שנתייאשו מן התשובה לגמרי על שהפילו לא ז"ה שם תליק היו מתייראים וזהו שמסיים ואיפ

וואס גאט האט זיי צו גיזאגט און זייא האבין מורא גיהאט. דער בעסטער פון די אבות און דער בעסטער פון די נביאים. דער בעסטער פון די אבות איז יעקב. ווי דער פסוק זאגט כי יעקב בחר לו יה. גאט האט אוים דער וויילט יעקב (פון אלע אבות) און גאט האט אים צו געזאגט איך וועל זיין מיט דיר. און דער נאך הט ער מורא גיהאט. ווי דער פסוק זאגט ויירא יעקב. יעקב הט מורא גיהאט. דר בעסטער פון די נביאים איז גיוועזן משה. ווי דער פסוק זאגט לולי משה בחירו. ווען ניט משה זיין בעסטער נביא. און גאט האט גיזאגט צו אים איך וועל זיין מיט דיר. דער נאך האט ער מורא גיהאט. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט צו משה דו זאלסט ניט מורא האבין פאר עוג דער מלך פון בשן. אז מען זאגט צו איינעם דו זאלסט ניט מורא האבין איז געוויס אז ער האט מורא. רבי ברכיה און רבי חלבו האבין גיזאגט רבי שמואל בר נחמן האט גיזאגט פון רבי נתן ס ווענין אין די צייט פון המן זענען די יודין ווערט גיוועזן זיי זאלין פארלענדט ווערין. ווייל זיי האבין מורא גיהאט פאר די גזירה פון המן און זיי האבין גאר פאר געסין אז גאט האט צו גיזאגט ער זאל די יודין ניט פארלענדרין. האבין זיי גיגלויבט אז די גזירה פון המן קען מקוים ווערין און די רייד פון גאט וועט ניט מקוים ווערין. גאר די יודין האבין זיך אן געלערנט אויף זייער פאטער יעקב. זיי האבין גיזאגט מאדאך אונזער פאטער יעקב וואס גאט האט אים צו גיזאגט איך וועל זיין מיט דיר. פון דעסטוועגין האט ער מורא גיהאט דארפין מיר דאך געוויס מורא האבין. דאס איז וואס דער נביא האט דער צערינט דיא יודין און האט גיזאגט צו זיי דו האסט פאר געסין אז דיך האט בשאפין גאט וואס ער האט געניינט דעם הימעל און האט גימאכט דעם פונדאמענט פון די ערד. און דו האסט מורא פאר אמענטש (פאר המן) וואס ער קען אלע מינוט שטארבין און איז אזוי ווי גראז. דער נביא האט גיזאגט צו די יודין איר האט פאר געסין וואס דער נביא ירמיה האט צו אייך גיזאגט. אזוי האט גיזאגט גאט אם ימדו שמים מלמעלה. האט איר דען גיזעהן אז די הימלען בייגין זיך איין און די ערד בייגט זיך איין. האט איר גידארפט אפ לערנען פון די הימעל און ערד. אזווי ווי די הימעל און ערד ווערין ניט איינגיבויגין. אזוי וועלין די יודין ניט פארלענדט ווערין. און דו האסט אגאנצין טאג מורא פאר אמענטש:

(ב) דבר אחר. נאך אפשט איז יעקב האט מורא גיהאט און עס האט אים באנג גיטאהן רבי יהודה ברבי אלעאי זאגט דער ווארט ויירא. און דער ווארט ויצר איז ניט

אין

ויצר לו. א"ר יהודה ב"ר אלעאי (ו) לא היא יראה ולא היא צרה. (ז) אלא ויירא שלא יהרג. ויצר לו שלא יהרג. אמר אם הוא מתגבר עלי הורגני. ואם אני מתגבר עליו אני הורגו. הרא הוא ויירא שלא יהרוג. ויצר לו שלא יהרג. אמר כל השנים הללו הוא יושב בא"י תאמר שהוא בא עלי מכח ישיבת א"י. כל השנים הללו הוא יושב ומכבד את הוריו תאמר שהוא בא עלי מכח כיבוד אב ואם. שהרי כך אמר (ח) יקרבו ימי אבל אבי תאמר שמת אותו זקן ובא עלי להרגני. א"ר יהודה ב"ר סימון כך א"ל הקב"ה (בראשית לא) שוב אל ארץ אבותיך ולמולדתך. תאמר ע"כ היו התנאים ושמרני בדרך הזה ולא יותר. א"ר יודן א"ל המקום שוב אל ארץ אבותיך אעפ"כ ויירא יעקב מאד. אלא מכאן (ח) שאין הבטחה לצדיק בעוה"ז. ר' הונא בשם ר' אחא אמר (ט) הנה אנכי עמך אם יהיה אלהים עמדי. אלא מכאן שאין הבטחה לצדיק בעוה"ז. ר' הונא בשם ר' אחא אמר (שמות ג) ניאמר (י) כי אהיה עמך ואין דבר רע מזיקך וכתיב (שם ד) ויהי בדרך במלון.
אלא

## מתנות כהונה

אמת המליץ וקרוב לזה מצאתי שוב בתנ"א : (ו) זה היא יראה כו'. כלומר אינו ענין אחד אידאה היא גדולה מצרה ואין יראה בלא צרה : (ז) אלא ויירא. שמא יהרג ויצר שמא יהרוג אכן גירסת הספר היא ג"כ גירסת התנחומא ולפי זה נ"ל שצרה גדולה מיראה שלא יהרוג אחרים. ואעפ"י שעשו בא עליו ורדף אותו ואמרו חז"ל הבא להרגך השכם להרגו שמא אם במחתרת כו'. י"ל שמ"מ גם עונש לצדיק לא טוב. ומהר"ר אליהו מזרחי כתב בשם תנחומא שלא היה מתיירא אלא שמא יהרוג

את עשו ויקללו אביו : (ח) יקרבו ימי אבל. כלומר שימות ויתאבלו אחרים עליו : (ח) שאין הבטחה כו'. אין הצדיקים סומכין על הבטחה ליראתם שמא יגרום החטא ועיין מזה ברמב"ן בסדר זה : (ט) הנה אנכי עמך. הקב"ה אמר לו הנה אנכי עמך והוא אמר כמסתפק אם יהיה אלהים עמדי ואתי' כמאן דאמר שהבטחה הנה אנכי נאמר לו קודם שאמר אם יה'ה אלהים עמדי בסדר הס' : (י) כי אהיה עמך. כך אמר הקב"ה למשה :
אים

---

אין זאך. נאר ויירא. יעקב האט מורא געהאט ער זאל ניט הרגנען איינעם פון עשו'ס מענטשין. און ויצר. עס האט אים באנג געטאהן ער האט געשראקן ער זאל ניט געהרגט ווערין. יעקב האט געזאגט אויב עשו וועט זיך שטארקן אויף מיר. וועט ער מיך הרגנען. און אויב איך וועל מיך שטארקן אויף אים וועל איך אים הרגנען. דריבער האט יעקב מורא געהאט ער זאל ניט הרגנען עשו. און עס האט אים באנג געטאהן טאמער וועט ער געהרגט ווערין פון עשו. יעקב האט געזאגט די אלע יאהרין וואס איך בין געוועזן ביי לבן איז עשו געזעסין אין ארץ ישראל טאמער וועט אים ביי שטיין דער זכות פון ארץ ישראל. די אלע יאהרי וואס איך בין געוועזן ביי לבן איז געוועזן עשו געבין זיין פאטער און מוטער און האט זיי בעדינט. טאמער וועט אים ביי שטיין דער זכות פון כבוד אב ואם. ווארום עשו האט דאך געזאגט אז עס וועט קומען די צייט וואס מיין פאטער יצחק וועט שטארבין וועל איך הרגנען מיין ברודער יעקב. טאמער איז יצחק געשטארבין וועט עשו מיך קומען הרגנען. רבי יהודה בר סימון זאגט אזוי האט גאט געזאגט צו יעקב גיי צוריק צו די לאנד פון דיינע עלטערין און צו דעם ארט וואס דו ביזט געבארין געווארין. טאמער איז נאר געוועזן דער צו זאג פון גאט ביז היינט. ער האט מיר נאר צו געזאגט צו היטען מיך נאר אין דעם וועג וואס איך בין שוין געגאנגען. ניט מער. רבי יודן זאגט גאט האט געזאגט צו יעקב גיי צוריק אין די לאנד פון דיינע עלטערין פון דעסטוועגין האט יעקב מורא געהאט. פון דאנען זעהן מיר אז די צדיקים פאר זיכערין זיך ניט אויף דעם צו זאג וואס גאט זאגט זיי צו צו געבין עולם הזה. ווייל זיי האבין מורא טאמער וועלין זיי זינדיגען. רבי הונא האט געזאגט פון רבי אחא'ס וועגין גאט האט געזאגט צו יעקב איך וועל זיין מיט דיר. און יעקב האט געזאגט אויב גאט וועט זיין מיט מיר. איז ביי אים געוועזן א ספק אויב גאט וועט זיין מיט אים אדער ניין. פון דאנען זעהן מיר אז די צדיקים פאר זיכערין זיך ניט אויף דעם צו זאג וואס גאט זאגט זיי צו צו געבין עולם הזה. ווייל זיי האבין מורא טאמער וועלין זיי זינדיגען. רבי הונא האט געזאגט פון רבי אחא'ס וועגין גאט האט געזאגט צו משה איך וועל זיין מיט דיר און עס וועט דיר קיין שלעכטע זאך

שאד"ן

אלא שאין הבטחה לצדיק בעוה"ז. ר' פנחס בשם ר' חנין דציפורין אמר (מ"א א) ויען בניהו בן יהוידע את המלך ויאמר אמן כן יאמר ה' והלא כבר נאמר ה' (דה"א כב) הנה בן נולד לך הוא יהיה איש מנוחה. אלא אמר הרבה קטיגורין יעמדו (יא) מיכן ועד גיחון, ויחץ את העם. לימדך תורה ד"א שלא יהא אדם נותן כל ממונו בזויה אחד. ממי אתה למד מיעקב שנאמר ויחץ העם וגו'. וכן הוא אומר (מ"א יח) ואחביאם חמשים חמשים איש במערה: (ג) ויאמר אם יבא עשו אל המחנה האחת והכהו. אלו אחינו שבדרום. והיה המחנה הנשאר לפליטה אלו אחינו שבגלות. א"ר הושעיא אף ע"פ שנשאר לפליטה (יב) מתענים היו עלינו בב' ובה'. ויאמר יעקב אלהי אבי אברהם ואלהי אבי יצחק. (יג) הא לעשו לא. אלא הבוחר בדרכיהם והעושה כמעשיהם אני מתקיים עליו. מי שאינו בוחר בדרכיהם ואינו עושה כמעשיהם איני (יד) מתקיים עליו. ר' הונא בשם ר' אחא אמר מי היה קרוב לדוד לא אחז היא (טו) מניח לאחז ואומר לחזקיהו (מ"ב כ) כה אמר ה' אלהי דוד אביך. אלא הבוחר בדרכיהם והעושה כמעשיהם

## מתנות כהונה

(יא) מיכן וכו'. מכאן ועד נהר גיחון שבשם אמר דוד היו נריכים רחמים: (יג) הא לעשו לא. הלא מלך כל
למזבחו למנך: יעמדו. יכולים לעמוד: (יב) מתענים העולם ברוך הוא: (יד) מתקיים עליו. להצליחו בכל
היו עליהם. כלומר אע"פ שהיו פליטים בארץ אויביהם דרכיו ולהושיעו מכל צרותיו: (טו) מניח לאחז. (לאחז

שאדין טאהן. פון דעסט וועגין ווען משה איז געוועזן אין וועג אוג האט געגעכטיגט אין אנאסט הויז האט אמלאך אים געוואלט הרגנן. ווייל ער האט געזינדיגט ער האט ניט מל געוועזן דאס קינד. זעהן מיר אז ביי צדיקים איז ניטא קיין צו זאגין. עס העלפט ניט וואס מען זאגט זיי צו גוטס. אז זיי זינדיגען נאך דעם צו זאג. גיט מען זיי ניט דאס גוטס וואס מען האט זיי צו געזאגט. רבי פנחס האט געזאגט רבי חנין פון צפורין האט געזאגט ווען דוד האט געזאגט אז זיין זוהן שלמה זאל ווערין אמלך. האט בניהו בן יהוידע געענטפערט אמן. אזוי זאל גאט אויך זאגין. גאט האט דאך שוין לאנג געזאגט צו דוד עס וועט ביי דיר געבארין ווערין אזוהן ער וועט זיין ארוהיגער מענטש. אוג ער וועט זיין אמלך. נאר בניהו האט געזאגט פון דוד'ס שטוב ביז צום טייך גיחון וואס דארט וועט מען זאלבין שלמהן פאר אמלך קענען נאך פיל עבירות דער מאנט ווערין וואס גאט קען נאך חרטה האבין פון שלמה'ס מלוכה. דריבער בעט איך אז גאט זאל איצט נאך אמאהל זאגין אז שלמה זאל זיין אמלך. יעקב האט צו טיילט זיינע מענטשין מיט זיינע קינדער מיט זיין פאר מעגין אין צוויי טייל. די תורה לערינט אונז ווי אזוי אמענטש זאל פירען זיינע געשעפטין. ער זאל ניט לייגין זיין גאנץ פאר מעגין אין איין ווינקול אין איין געשעפט. דאס לערנען מיר פון יעקב. ער האט אויך צו טיילט זיין פארמעגין אין צוויי טייל. דער נביא עובדיה ווען ער האט בעהאלטין די הונדערט נביאים. האט ער זיי ניט בעהאלטין אלע אין איין ארט. נאר פופציג אין איין קעלער. אוג פופציג אין איין אנדער קעלער: (ג) ויאמר. יעקב האט געזאגט אויב עשו וועט קומען צו איין מחנה אוג וועט אים שלאגין דאס זענען די יודין וואס האבין געוואהנט אין דרום וואס עשו האט זיי געשלאגין ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארין. דער וייל וועט די אנדערע מחנה אנטלויפין. דאס זענען די יודין וואס זענען אנטלאפין אין גלות. רבי הושעיא זאגט אפילו די וואס זענען גיקומען אין גלות זענען גירעטעט געווארין. פון דעסט וועגין האבין זיי גיפאסט פון אונזערטוועגין מאנטאג אוג דאנערשטאג. יעקב האט געזאגט דער גאט פון מיין פאטער אברהם אוג דער גאט פון מיין פאטער יצחק. פרעגט דער מדרש אוג דער גאט פון עשו איז ער ניט. נאר גאט האט געזאגט דער וואס גייט אין דעם וועג פון אברהם אוג יצחק אוג ער טוהט ווי זיי האבין געטאהן. וועל איך זיין מיט אים איך זאל אים העלפין. אבער דער וואס גייט ניט אין זייער וועג אוג טוהט ניט ווי זיי האבין געטאהן. וועל איך ניט

זיין

כמעשיהם אני מתקיים עליו. שאינו בוחר בדרכיהם ואינו עושה כמעשיהם איני מתקיים עליו : (ד) קטנתי מכל החסדים. א"ר אבא ב"ב (טז) איני כדאי . ר' לוי אמר (יז) כדאי אני (אבל. קטנתי מכל וגו' . כי במקלי עברתי את הירדן הזה . ר' יהודה ב"ר סימון בשם ר' יוחנן אמר בתורה בנביאים בכתובים מצינו שלא עברו ישראל את הירדן אלא בזכותו של יעקב. בתורה כי במקלי עברתי את הירדן הזה . בנביאים (יהושע ד') והודעתם את בניכם לאמר ביבשה עבר ישראל את הירדן הזה . ישראל סבא. בכתובים (תהלים קיד) מה לך הים כי תנוס הירדן תסוב לאחור וגו' מלפני אלוה יעקב . א"ר לוי אתר הוא תמן (יח) מצוות ירדן בחמי טבריא. בבהלה נכנס יעקב אבינו שם (יט) ונעל בפניו עשו . וחתר לו הקב"ה חתירה במקום אחר ויצא . הה"ד (ישעיה מג) כי תעבור במים אתך אני ובנהרות לא ישטפוך : (ה) הצילני נא מיד אחי מיד עשו . הצל את בני לע"ל מיד בני בניו שבאו עליהן מכחו של עשו . הה"ד (דניאל ז) משתכל הוית בקרניא ואלו קרן אחרי זעירה סלקת ביניהון זה נבוכדנצר . והלת מן קרניא קדמיתא אתעקרה

## מתנות כהונה

לו אלהי דוד אביך לט) לאמר לחזקיה אלהי אחז אביך נעשיתי קטן מפני כל החסדים : (יח) מצוות ונופל שם לפי שהיה רשע : (ט) איני כדאי . מעונס הייתי קטן בחזקה ורוגש תמיד : (יט) ונעל בפניו עשו . בלכת לעשות לו נס : (יז) כדאי אני . הייתי כדאי אבל

---

זיין מיט אים אונ וועל אים ניט העלפין . רבי הונא האט גיזאגט פון רבי אחא ס ווענין וועל איז גיוועזן גענטער צו דוד דער מלך אחז אדער זיין זוהן חזקיהו . געוויס איז אחז גיוועזן נענטער צו דוד ווי חזקיהו . לאזט נאט אוועק דעם מלך אחז (ער האט ניט גיזאגט צו אחז איך בין דער גאט פון דיין פאטער דוד) אונ צו חזקיהו זאגט ער אזוי האט גיזאגט יה"ה וואס ער איז דער גאט פון דיין פאטער דוד . נאר גאט האט גיזאגט דער וואס וועט גיין אין די וועג פון דוד אונ וועט טאהן אזוי ווי ער האט גיטאהן וועל איך זיין מיט אים אונ וועל אים העלפין . אונ דער וואס וועט ניט גיין אין זיין וועג אונ וועט ניט טאהן ווי ער האט גיטאהן וועל איך ניט זיין מיט אים אונ וועל אים ניט העלפין :

(ד) קטנתי . יעקב האט גיזאגט איך בין קליין מען זאל מיט מיר טאהן אזוי פיל חסד . רבי אבא בר כהנא זאגט יעקב האט גיזאגט איך בין קיין מאהל ניט ווערט גיוועזן מען זאל מיט מיר טאהן אזוי פיל חסד . רבי לוי זאגט אזוי האט יעקב גיזאגט איך בין אמאהל ווערט גיוועזן מען זאל מיט מיר טאהן חסד . איך האב שוין אבער די אלע חסדים אפגינומען . ווארום ווען איך בין אריבער גיגאנגען דעם ירדן האב איך נאר גיהאט דעם שטעקן אונ איצט האב איך צווייא מחנות . רבי יהודה ברבי סימון זאגט פון רבי יוחנן ס ווענין אין דער תורה אונ אין נביאים אונ אין כתובים געפינען מיר אז די יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן . נאר אין דעם זכות פון יעקב . אין דער תורה שטייט יעקב האט גיזאגט מיט מיין שטעקן בין איך אריבער גיגאנגען דעם ירדן . ער האט גיגעבין אקלאפ מיט דעם שטעקן אויף דעם ירדן איז דער ירדן גישפאלטין גיווארין . אין נביאים שטייט איר זאלט מאכין וויסען אייערע קינדער אז ישראל איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן טרוקען . דאס מיינט מען דעם אלטען ישראל . יעקב אבינו אונ אין זיין זכות זענט איר אויך אריבער גיגאנגען דעם ירדן טרוקען . אין תהלים שטייט מען פרעגט ביי דעם ים וואס איז מיט דיר גיוועזן וואס דו ביזט אנטלאפין . מען פרעגט דעם ירדן פאר וואס האסטו דיך אפ גערוקט . האבין זיי גיענפערט מיר זענען אנטלאפין פאר דעם גאט פון יעקב . רבי לוי זאגט עס איז דא אארט וואס די וואסער פון ירדן פאלין אריין אין די וואסער פון טבריה מיט אגרויסען שטורעם . אונ ווען יעקב איז גיגאנגען צו לבן אין חרן דורך די שרעק איז יעקב אריין גיקומען אין דעם ירדן אויף דעם ארט . אונ עשו האט פאר אים פארשטעלט דעם וועג ער זאל ניט קענען אוועק גיין פון דארט ער

וואל

אתעקרה מן קדמה. זו שנתנו להם מלכותם מקרין וקרוס וקרדידוסי. ואלו עינין כעיני אנשא בקרנא דא ופום ממלל רברבן. זו מלכית שהיא מכתבת (כ) טירוניא מכל או"ה. א"ר יוחנן כתיב (שם) וקרניא עשר מנה מלכותה עש"ה מלכין יקומון (מן ארעא). בילהון ביוצאי ירכו של עשו הכתוב מדבר. (שם) משתכל הוית בקרניא ואלו קרן אחרי זעירה סלקת ביניהון זו וכו'. והלת מן קרניא קדמיתא אתעקרה מן קדמה. אלו (כה) ג' מלכיות הראשונות. ואלו עינין כעיני אנשא בקרנא דא. זו שהיא מכנסת עין רעה בממונו של אדם. (כב) פלן עתיד נעבידניה ארכונונים. פלן עתיד נעבידניה בליוטוס. פן יבא והכני אם על בנים. ואתה אמרת (דברים כב) לא תקח האם על הבנים. ד"א פן יבא והכני אם על בנים. ואתה אמרת (ויקרא כב) ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחטו

## · מתנות כהונה

ולתרן : המלכות של עשו : (כ) טירוניא. ענין ממשלה (כב) פלן עתיד כו' : פלוני זה עתיד נעשה אותו מוכ' ופליטס : (כה) מכנס מלכיות הראשונות. בבל יון ומדי:

---

זָאל דֶער טְרוּנְקֶען וֶוערִין. הָאט גָאט דָארְט אוֹיס גִיגְרָאבִּין אַגַייע וֶועג אוּנ עֶר אִיז דוּרְךְ דָארְט אַרוֹיס גִיקוּמֶען פוּן דֶעם וַואסֶער. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז דוּ וֶועסְט גֵייןְ אִין וַואסֶער וֶועל אִיךְ זַיין מִיט דִיר אוּנ דִי טַייכִין וֶועלִין דִיךְ נִיט פַאר פְלֵייצִין : (ה) הַצִּילֵנִי נָא. יַעֲקב הָאט גִיבֶּעטִין בַּיי גָאט רֶעטְטֶע מִיךְ פוּן מַיין בְּרוּדֶער פוּן עֵשָׂו. וּאלְכְּט רֶעטְטִין מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו'ס קִינְדֶער וָואס זַיי וֶועלִין אַמָאהל קוּמֶען מִיט עֵשָׂו'ס כֹּחַ. וִוי דָנִיאֵל הָאט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיקוּקְט אוֹיף דִי הֶערְנֶער. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן אַז אֵיין אַנְדֶער הָארִין אַקְלֵיינֶער גֵייט אוֹיף צְווִישֶׁען דִי הֶערְנֶער אוּנ דְרַיי הֶערְנֶער פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע הֶערְנֶער זֶענֶען אוֹיס גֶערִיסֶען גִיוָוארִין פַאר דֶעם אֵיין הָארִין. דָאס זֶענֶען דִי דְרַיי מַלְכוּת. „מַקְרִין קְרוּס קַרְדִידוּסִי" וָואס זֶענֶען אוֹיס גֶערִיסֶען גִיוָוארִין אוּנ אַוֶועק גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין צוּ דֶעם קְלֵיינֶעם הָארִין (צוּ דֶעם קְלֵיינֶעם מֶלֶךְ). זָאגְט דָנִיאֵל אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן אַז אִין דֶעם הָארִין אִיז דָא אוֹיגִין אַזוֹי וִוי דִי אוֹיגִין פוּן אַמֶענְטְשׁ. אוּנ עֶס אִיז דָא אַמוֹיל וָואס זִיא רֶעט גְרוֹיסֶע זַאכִין. דֶער קְלֵיינֶער הָארִין אִיז גְרוֹיס גִיוָוארִין אוּנ אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶע מְלוּכָה וָואס זִיא פַאר שְׁרַייבְּט פָאַרַאטְקֶעס אִיף פִיל פֶעלְקֶער. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דָנִיאֵל הָאט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן צֶעהֶן הֶערְנֶער פוּן דִי מְלוּכָה. דָאס מֵיינְט מֶען צֶעהֶן מְלָכִים וֶועלִין אוֹיף שְׁטֵיין פוּן דִי מְלוּכָה. וָואס זֵיי וֶועלִין אַלֶע זַיין דִי קִינְדֶער פוּן עֵשָׂו. אַזוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק. נָאךְ הָאט דָנִיאֵל גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיקוּקְט אוֹיף דִי הֶערְנֶער הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן אַז אֵיין אַנְדֶער הָארִין אַקְלֵיינֶער גֵייט אוֹיף צְווִישֶׁען דִי הֶערְנֶער. דָאס מֵיינְט מֶען אַקְלֵיינֶער מֶלֶךְ וֶועט אוֹיף קוּמֶען. אוּנ דְרַיי הֶערְנֶער פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע הֶערְנֶער זֶענֶען אוֹיס גֶערִיסֶען גִיוָוארִין פַאר דֶעם אֵיין הָארִין. דָאס זֶענֶען דִי דְרַיי פְרִיעֶרְדִיגֶע מְלָכִים. נָאךְ הָאט דָנִיאֵל גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן אַז אִין דֶעם הָארִין זֶענֶען דָא אוֹיגִין אַזוֹי וִוי דִי אוֹיגִין פוּן אַמֶענְטְשׁ. דָאס מֵיינְט מֶען דִי מְלוּכָה פוּן נְבוּכַדְנֶצַר וָואס זִיא הָאט גִיגֶעבִּין אִירֶע אוֹיגִין אוֹיף פְרֶעמְדֶע גֶעלְט (וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת פֶּרֶק הַשּׁוֹאֵל אוֹיף דֶעם פָּסוּק שָׁבְתָה מַדְהֵבָה וָואס שְׁטֵייט בַּיי נְבוּכַדְנֶצַר. דִי מְלוּכָה וָואס הָאט גִיזָאגְט הַב הַב. גִיבּ גֶעלְט. אִיז שׁוֹין גִישְׁטֶערְט גִיוָוארִין). אַזוֹי פְלֶעגְט נְבוּכַדְנֶצַר זָאגִין יֶענֶער אִיז רַייךְ מִיר וֶועלִין אִים מַאכִין פַאר אַאַרְכוֹנוֹנוֹס. יֶענֶער אִיז רַייךְ מִיר וֶועלִין אִים מַאכִין פַאר אַבַּלְיוּטוֹס. וֶועלִין זַיי אוּנְז גֶעבִּין פִיל גֶעלְט (אַרְכוֹנוֹנוֹס אוּנ בַּלְיוּטוֹס זֶענֶען גֶעמֶען פוּן שָׂרִים וָואס גִיהֶערִין צוּ דִי מְלוּכָה). יַעֲקב הָאט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ מוֹרָא טָאמֶער וֶועט קוּמֶען עֵשָׂו אוּנ וֶועט שְׁלָאגִין דִי מוּטֶער מִיט דִי קִינְדֶער. אוּנ דוּ הָאסְט דָאךְ גִיזָאגְט מֶען זָאל נִיט נֶעמֶען דִי מוּטֶער מִיט דִי קִינְדֶער. נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז אַזוֹי הָאט יַעֲקב גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ מוֹרָא טָאמֶער וֶועט עֵשָׂו קוּמֶען אוּנ וֶועט הַרְגֶענֶן דִי מוּטֶער מִיט דִי קִינְדֶער אוּנ דוּ הָאסְט דָאךְ גִיזָאגְט

תשחטו ביום אחד: (ז) ואתה אמרת היטב איטיב עמך. היטב בזכותך איטיב (כג) בזכות
אבותיך. וילן שם בלילה ההוא ויקח מן הבא בידו מנחה לעשו אחיו עזים מאתים
ותישים עשרים. א"ר אלעזר מכאן לעונה האמורה בתורה. הטיילים בכל יום. הפיעלים
שתים בשבת, הספנין אחת לו' חדשים. עזים מאתים שהן צריכות תישים עשרים. רחלים
מאתים שהן צריכות אילים עשרים, גמלים מניקות ובניהם שלשים (כד) ובנאיהם שלשים.
ר' ברכיה בשם רשב"ג אמר לפי שהוא צנוע בתשמישו לפיכך לא פירסמו הכתוב. אלא
גמלים מניקות ובניהם שלשים ובנאיהם שלשים. פרות ארבעים ופרים עשרה שהן
צריכות פרים עשרה. אתונות עשרים שהן צריכין עירים עשרה. (כה) ולמה הוא נותן
את הגמלים באמצע. אלא א"ל הוי רואה את עצמך כאילו אתה יושב על בימה ודן
ואני נידון לפניך ואת מתמלא עלי רחמים: (ז) ויצו את הראשון לאמר כי יפגשך עשו
אחי ואמרת לעבדך ליעקב מנחה היא שלוחה לאדוני לעשו. רבי ור' יוסי ב"ר יהודה
הוו מהלכין בדרך. ראו עכו"ם אחד בא לקראתם אמרין תלת מילין הוא שאיל לן. מה
אתון

## מתנות כהונה

אלו חכם מחכמי העולם ויתן לנו ממון הרבה: (כג) בזכות (כד) בנאיהם. אלו הזכרים הבונים אותם סגמ' אולי
אבותיך. ואע"פ שאין לי זכות הרי זכות אבותי קיים: אתנה: (כה) ולמה הוא נותן כו'. שה"ה לו לכתוב

---

אאקס אדער אשעפס אים מיט זיין קינד זאל מען ניט שעכטין אין איין טאג: (ו) ואתה
אמרת. יעקב האט גיזאגט צו גאט דו האסט מיר צו גיזאגט היטב איטיב עמך. איך
וועל מיט דיר גוטס טאהן. איך וועל דיר גוטס טאהן פון וועגין דיין זכות. אונ וועל דיר
גוטס טאהן פון וועגין דעם זכות פון דיינע עלטערין. יעקב האט דארט גינעכטיגט
דיא נאכט אונ האט גינומען פון דיא זאכין וואס ער האט גיהאט ביי זיך (פון זיינע
בהמות) צו שיקען אמתנה צו זיין ברודער עשו. צוויי הונדערט ציגען נקבות. אונ צוואנציג ציגען
זכרים. רבי אלעזר זאגט פון דאנען ווייסין מיר די צייט וואס די תורה האט גיבאטין אמענטש
זאל זיך בהעפטין מיט זיין ווייב. לידיג גייערס דארפין זיין ביי זייערע ווייבער אלע נאכט.
ארבעטער צוויי מאהל אין דער וואך. שיפערס איין מאהל אין זעקס חדשים. צוויי
הונדערט ציגען נקבות דארפין צוואנציג ציגען זכרים. צוויי הונדערט שעפסין נקבות
דארפין צוואנציג שעפסין זכרים. קעמלען וואס האבין גיזויגין קינדער מיט זייערע קינדער
צו זאמען. אדער מיט זייערע זכרים צו זאמען. זענען גיוועזן דרייסיג. רבי ברכיה האט
גיזאגט פון רבן שמעון בן גמליאל ס וועגין וויל די קעמלען בעהאלטין זיך ווען
זיי בהעפטין זיך מיט זייערע נקבות. דאס הייסט זיי שעמען זיך. דריבער האט די
תורה ניט ארויס גישטעלט דעם נאמען פון זייערע זכרים. נאר עס שטייט קעמלען וואס
האבין גיזויגין קינדער ובניהם שלשים. בניהם איז גלייך ווי עס וואלט גישטאנען בנאיהם.
די וואס באהען אויף די קעמלען אויף דער וועלט. דאס זענען די זכרים. קיה פערציג
וואס זיי דארפין צעהן אקסין זכרים. אייזלען נקבות צוואנציג וואס זיי דארפין צעהן
אייזלען זכרים. פאר וואס רעכונט מען קעמלען אין מיטען. פריער האט גידארפט שטיין
אלע בהמות וואס מען מעג זיי עסין. דער נאך זאל שטיין די בהמות וואס מען טאר זיי
ניט עסין. נאר יעקב האט געשיקט זאגין צו עשו דו זאלסט דיר פארשטעלין ווי דו
זיצט אויף אבימה אונ ביזט אדיין צו משפטין אונ איך וועל געמשפט פאר דיר אונ דוא
האסט אויף מיר רחמנות. גמלים איז אזוי ווי גמילות חסדים. ער האט געשיקט בעטין
ביי עשו ער זאל ביט אים גוט זיין אונ זאל אים טאהן טובות: (ז) ויצו. יעקב האט
גיזאגט צום ערשטין פאכטוך אויב מיין ברודער עשו וועט דיך בגעגינען. אונ ער וועט
פרעגין דיך צו וועמען גיהערין די בהמות אונ ווא הין דו גייסט. זאלסטו זאגין די בהמות
גיהערין צו דיין קנעכט יעקב אונ דאס איז אמתנה געשיקט צו מיין הערר עשו. רבי אונ
רבי יוסי ברבי יהודה זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג. האבין זיי גיזעהן אגוי גייט
אקעגין

אתון ומה אומנתכון ולאן אתון אזלין. מה אתון יהידאין. מה אומנתכון פרגמוטטין. ולאן אתון אזלין למזבן חטים מן אוצריא דיבנה. עמד לו ר׳ כנגד העכו״ם לראות מה ישאל והמתין לו ר׳ יוסי ב״ר יהודה אמר (כו) אם אמר מלה אנא אמר אוחרי: (כז) א״ל ומנין אית לך הא. א״ל מיעקב אבונא. והנה גם הוא אחרינו: (ח) ויצו את הראשון וגו׳ גם את השני וגו׳. ר׳ פנחס ור׳ חלקיה בשם ר׳ סימון (כח) במוצאכם אותו בגדולתו. ואמרתם גם הנה עבדך יעקב אחרינו הה״ד (איוב ט) (כט) ארץ נתנה ביד רשע פני שופטיה יכסה וגו׳. ויתן ביד עבדיו עדר עדר לבדו. למה לא הכניס כולן כאחת. לו בערבוביא. כדי (ל) לתמהו על דורון שלו. ולמה לא הכניסן (לא) כולן כאחת. בדי

## מתנות כהונה

בשכורים זבהירים: והאה מתמלא כו׳ ודרש גמלים לשון גמילות חסד: (כו) אם אמר מלה כו׳. ר׳ יוסי בן יהודה אמר בלבו אם יענהו העכו״ם מאותו תשובה שיאמר לו ר׳ אני אבוא אחריו והשיבהו תשובה אחרת: (כז) א״ל ומנין כו׳. ר׳ יוסי א״ל לרבי מנין לך זאת להכין דבר תשובה קודם בא השאלה וא״ל מיעקב הביאו שאמר למוליכי המנחה כדבר הזה תדברון וגו׳: (כח) במוצאכם אותו בגדולתו. נראה שרמז על העתיד שאם נמצא בני עשו בגלותן ובגדולתן נכים נדמים מפניהם עד שם ש כיפועה תהו והנה גם הוא אחרינו: (כט) ארץ נתנה כו׳. שיעקב קרא עצמו עבד לו וזהו פני שופטיה יכסה. (ל) לתמהו כו׳. רש״י בתומה גרם להאהו על רכו דורון משמע שיראה בכמה מינים רבים ומתוך זה יעמוד על מיניהם וידע כי רב הוא: (לא) כולן כאחת. מ״ד עדר אחר עדר ולמה רווח השימו: (לב) לנמהסל

---

אקעגין זיי. האבין זיי געזאגט דער גוי וועט געווים ביי אונז פרעגין דרייא זאכין. ווער מיר זענען. אונ וואס איז אונזער געשעפט. אונ וואו הין גייען מיר. וועלין מיר אים ענטפערין מיר זענען יודין. אונ מיר זענען כוהרים. אונ מיר גייען קויפין ווייץ פון די שפייכלערס וואס אין יבנה. האט רבי זיך געשטעלט געגין דעם גוי זעהן וואס ער וועט פרעגין. אונ רבי יוסי ברבי יהודה האט געוואלט געבין רבי ער האט געטראכט טאמער וועט דער גוי פרעגין ביי רבי נאך איין אנדער זאך אויסער די דרייא זאכין. אונ רבי וועט אים ענטפערין. דער נאך וועט דער גוי ביי מיר אויך פרעגין די זעלביגע זאך זאל איך ניט זאגין איין אנדער אנטווארט. נאר די זעלביגע אנטווארט וואס רבי האט געענטפערט. דער גוי איז געווען געשיקט פון מלך צו פרעגין אויף פעסער אונ אויב ער וועט טרעפין גנבים זאל ער זיי אנהאלטין. דריבער או מען וועט ניט וויסען באלד וואס צו ענטפערין. אדער דער וועט זאגין אזוי אונ דער אנדערער וועט זאגין אנדערש וועט ער זיי אן נעמען פאר גנבים. האט רבי יוסי געזאגט צו רבי פון וואנען האסטו געוואוסט אז מען דארף אן גרייטין אנטווארט פריער נאך איידער מע פרעגט. האט רבי געזאגט דאס ווייס איך פון יעקב אבינו. ער האט געזאגט די פאסטיבער וואס זיי זאלין ענטפערין אויב עשו וועט זיי פרעגן. אונ זיי זאלין נאך זאגין יעקב קומט אויך נאך אונז: (ח) ויצו. יעקב האט באפוילן דעם ערשטין פאסטוך אונ דעם אנדערין פאסטוך אונ אזוי אלע פאסטובער וואס זענען געגאנגען נעבין עשו. אז איר וועט טרעפין עשו. זאלט איר זאגין צו אים אז די מתנה איז פאר אים אונ יעקב קומט אויך נאך אונז. רבי פנחס אונ רבי חלקיהו האבין געזאגט פון רבי סימון ס ווייזין יעקב האט געזאגט צו זיינע קינדער אז איר וועט טרעפין עשו אין דיין גרויסקייט זאלט איר אים זאגין אז יעקב קומט נאך אונז. די מלוכה פון יעקב וועט אויב קומען. שפעטער נאך די מלוכה פון עשו. דאס איז וואס דער פסוק זאגט אז די וועלט איז געגעבין אין די האנט פון רשע. מוזין די שופטים בדעקין זייער פנים. אז איצט האט עשו געוועלטיגט האט זיך יעקב בעהאלטין אונ האט מורא געהאט געזעהן צו ווערין פאר עשו ביז עשו וועט האבין גענומען די מנחה. יעקב האט געגעבין די אלע בהמות צו זיינע קנעכט. יעדער סטארע בזונדער. פאר וואס זענען ניט געגאנגען אלע בהמות צו זאמען אוים געמישט. נאר אז יעדער מין בהמות זאלע געגאנגען בזונדער. צו טיילט אין פינף פיל. האט אים געזעהן די מתנה גרעסער. וועט זיך עשו וואנדערין אויף די מתנה. פאר

וואס

כדי להשביע עיניו של אותו רשע. אתי (לב) למחסל (לג) והוא אמר קביל אתי למחסל
זהוא אמר קביל ותעבור המנחה על פניו וגו'. (לד) אף הוא בעקא: (מ) ויקם בלילה
הוא ויקח את שתי נשיו ואת ב' שפחותיו וגו'. ודינה היכן היא נתנה בתיב' ונעל בפניה.
אמר הרשע הזה עינו רמה היא שלא יתלה עיניו ויראה אותה ויקח אותה ממני. ר'
הונא בשם ר' אבא הכהן (לה) ברדלא אמר א"ל הקב"ה (איוב ו) למס מרעהו חסד.
מנעת מרעך חסד. מנעת חסדא מן אחוך (לו) דאילו איתנסיבת לגברא לא זינתה
(נ"א (לז) דנסבת לאיוב לא גיירתיה בתמיה). לא בקשת להשיאה (לח) למהול הרי היא
נשאת (לט) לערל. לא בקשת להשיאה דרך היתר הרי נשאת דרך איסור הה"ד (ברכות
לך) ותצא דינה בת לאה. ויקחם ויעבירם את הנחל. ר' הונא בשם ר' אידי עשה עצמו
כגשר (מ) נסיב מן הכא ויהיב הכא:

**פרשה עז** (א) ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו. (דברים לג) (א) אין כאל ישורון
רוכב שמים בעזרך: ר' ברכיה בש"ר יהודה ב"ר סימון אמר אין כאל ומי
כאל

## מתנות כהונה

פניס שסבור שכבר כלה המנחה ועוד מעט ועוד עדר כה: (לג) והוא אומר, מוליך העדר אמר לעשו קבל עוד: (לד) אף הוא בעקא. והיה שרוי בצער צריך לכל זה: (לה) ברדלא שתי תיבות כן בר דלא כמו כל דלא: (לו) דא לו אתנסיבת וכו'. שלא היה לוקחה שכם: (לז) דנסבת' לאיוב כו'. כשנכנסת לאיוב לא החזירתו למוטב בתמיה וכן אם היה נשאת לעשו היתה מחזירתו למוטב: (לח) למהול זה עשו: (לט) לערל זה שכם: (מ) נסיב כו'. לוקח מצד זה ונותן בצד זה: (א) אין כאל ומי כאל. ופירוש הכתוב

---

וואס איז ניט גיגאנגען איין סטאדע נאך די אנדערע. נאר אז די סטאדעס זענען גיוועז
ווייט איינע פון די אנדערע האט די מחנה אויס גיזעהן נאך גרעסער. ווען דער רשע
עשו זאאט ווערין קוקענדיג אויף דער מחנה. עשו האט גיזעהן דיא ערשטע מחנה האט
ער געמיינט עס איז שוין מער ניטא. האט מען אים גיזאגט עס איז דא נאך אמחנה. ווי
ער האט גיזעהן די אנדערע מחנה האט ער געמיינט עס איז שוין מער ניטא. האט מען
אים גיזאגט עס איז דא נאך אמחנה. אונ אזוי אלע מחנות. די מנחה איז גיגאנגען פאר
זיין פנים. פאר זיין כעס. יעקב איז אין כעס גיוועז ער זאל דארפין געבין דעם רשע אזוי
אמחנה: (מ) ויקם. אין די זעלביגע נאכט איז יעקב אויף גישטאנען אונ האט גינומען
זיינע צוויי ווייבער אונ די צוויי דינסטען אונ די עלף זיהן אונ האט זיי אריבער געפירט
דעם טייך יבוק. וואו איז גיוועז דינה. ער האט איר אריין גיזעצט אין אקאסטין אונ האט
די קאסטין פאר שלאסין. יעקב האט גיזאגט דער רשע האט גרויסע אויגין ער וועט דער
זעהן דינה וועט זיא אים גיפעלין וועט ער זיא צו נעמען פון מיר. דריבער האט ער זיא
בעהאלטין. רבי הונא האט גיזאגט פון רבי אבא כהן ברדלאס וועגין גאט האט גיזאגט צו
יעקב למס מרעהו חסד. דו האסט פארמיטען חסד פון דיין פריינד דו האסט פאר מיטען
חסד פון דיין ברודער. אז זיא וואלט גיהאט אמאן וואלט זיא ניט זונה גיוועז. אז זיא
האט חתונה גיהאט מיט איוב האט זיא דען אים ניט מגייר גיוועז. אזוי אז זיא וואלט
חתונה גיהאט מיט עשו וואלט זיא אים אויך מגייר גיוועז. דו האסט ניט גיוואלט זיא
זאל חתונה האבין מיט עשו וואס ער איז געמלת. וועט זיא מזנה זיין מיט אזעלכין וואס
איז ניט גימלת. דו האסט ניט גיוואלט זיא זאל חתונה האבין בהיתר. וועט זיא חתונה
האבין באיסור. מיט שכם. יעקב האט גינומען זיינע פיר ווייבער מיט די קינדער אונ
זיין פארמעגין אונ האט זיי אריבער געפירט דעם טייך. רבי הונא זאגט פון רבי אידי ס
וועגין יעקב האט זיך גימאכט אזוי ווי אבריק. ער האט גינומען פון דער זייט טייך אונ
האט גישטעלט אויף דער אנדערי זייט טייך:

**פרשה עז** (א) ויותר. יעקב איז געבליבען אליין איז צו אים גיקומען אמענטש אונ האט
אים אנגינומען. משה רבינו האט גיזאגט אין כאל ישורון רוכב שמים
בעזרך. רבי ברכיה האט גיזאגט רבי יהודה ברבי סימון האט גיזאגט אזוי האט משה

כאל ישורון. (ב) הנאים והמשובחין שבכם. אתה מוצא כל מה שהקב"ה עתיד לעשות לע"ל. הקדים ועשה ע"י הצדיקים בעוה"ז. הקב"ה מחיה את המתים ואליהו מחיה את המתים. הקב"ה עוצר גשמים ואליהו עוצ' גשמים. הקב"ה מברך את המועט ואליהו מברך את המועט. הקב"ה מחיה את המתים ואלישע מחיה את המתים. הקב"ה פוקד עקרות ואלישע פוקד עקרות. הקב"ה מברך את המועט ואלישע מברך את המועט. הקב"ה ממתיק את המר ואלישע ממתיק את המר. הקב"ה ממתיק את המר במר ואלישע הממתיק את (ג) המר במר, ר' ברכיה בש"ר סימון אמר אין כאל ומי כאל ישורון ישראל סבא. מה הקב"ה כתוב בו (ישעיה ב) ונשגב ה' לבדו. אף יעקב ויותר יעקב לבדו: (ב) ר' חוניא אמר (ד) נדמה לו בדמות רועה. לזה צאן ולזה צאן לזה גמלים ולזה גמלים, (ה) א"ל (ו) העבר את שלך ואח"כ אני מעביר את שלי. העביר יעקב אבינו שלו. אמר (ז) נחזור ונחמי דילמא אנשינן כלום. (ח) מן דחזר ויאבק איש עמו. ר' חייא רבה ור' שמעון ב"ר (ט) נסבין ויהבין בפרגמטיא בהדין (י) מטכסא. (יא) עלין להרא

## מתנות כהונה

אין מי שידמה לאל רק מי הוא זה שידמה לו ישורון: (ב) הנאים והמשובחים. הצדיקים בעה"ז: (ג) המר במר. כאמרו חז"ל שאותו עץ שזרקו בו משה הרדופני היה: (ד) נדמה לו. שרו של עשו ליעקב אבינו: (ה) א"ל. המלאך ליעקב אבינו: (ו) העבר את שלך. נאן שלך. (ז) נחזור ונחמי כו'. נחזור ונראה אולי לא שכחנו כלום: (ח) מן דחזר. אחר שחזר: (ט) נסבין כו'. נוטלין ונותנים בסחורה: (י) מטכסא. משי מובחר: (יא) עלין כו', נכנסו לזאת העיר לוי' ועשו מלאכתן כלומר עוסקין בסחורתו מאחר שילאו מ

געמיינט אין כאל. עס איז ניטא אזוי ווי גאט. ווער איז יא אזוי ווי גאט. יודין. די בעסטע יודין זענען אזוי ווי גאט. מיר זעהן אלץ וואס גאט וועט טאהן ווען משיח וועט קומען. האט ער דאס שוין פריער גיטאהן דורך די צדיקים. גאט וועט לעבעדיג מאכין די מתים. אליהו הנביא האט שוין לעבעדיג גימאכט אמת. גאט קען פאר האלטין עס זאל ניט רעגענען. אליהו הנביא האט שוין אויף גיהאלטין דעם רעגין דריי יאהר. גאט קען בענטשין אז פין אביסול זאל ווערין פיל. אונ אליהו הנביא הט אויך גיבענטשט אונ פון אביסול איז גיווארין פיל. גאט וועט לעבעדיג מאכין מתים. אונ דער נביא אלישע האט שוין לעבעדיג גימאכט מתים. גאט מאכט אז אעקרה זאל האבין קינדער. דער נביא אלישע האט אויך גימאכט אז אעקרה זאל האבין קינדער. גאט בענטשט אז פון אביסיל זאל ווערין פיל. אונ אלישע האט אויך גיבענטשט אז פון אביסול איז גיווארין פיל. גאט מאכט זיס דאס ביטערע. אלישע האט אויך זיס גימאכט דאס ביטערע. גאט מאכט זיס דאס ביטערע מיט ביטערקייט. אלישע האט אויך זיס גימאכט דאס ביטערע מיט ביטערקייט. רבי ברכיה זאגט פון רבי סימון ם וועגין משה האט גיזאגט עס איז ניטא אזוי ווי גאט. ווער איז יא ווי גאט. ישורון. דער אלטער ישראל. יעקב אבינו. אזוי ווי ביי גאט שטייט ונשגב ה' לבדו. גאט וועט גרויס ווערין אליין. אזוי ביי יעקב שטייט ויותר יעקב לבדו. יעקב איז געבליבען אליין: (ב) רבי חוניא האט גיזאגט דער מלאך האט זיך פארשטעלט ווי אפאסטוך. יעקב האט גיהאט שעפסין. דער מלאך האט גיהאט שעפסין. יעקב האט גיהאט קעמלען. דער מלאך האט גיהאט קעמלען. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב פריער גיי דו אריבער דעם טייך מיט דיין פאר מעגין. דער נאך וועל איך אריבער דעם טייך מיט מיין פארמעגין. האט יעקב אריבער גינומען זיין פארמעגין אויף די אנדערע זייט טייך. אונ דער מלאך האט אריבער גינומען זיין פאר מעגין אויך אויף די אנדערע זייט טייך. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב מיר וועלין ביידע צוריק אריבער דעם טייך מיר וועלין זעהן טאמער האבין מיר עפעס פארגעסין. ווי זיי זענען גיקומען ביידע אויף די אנדערע זייט טייך. האט דער מלאך אים אן גינומען. רבי חייא רבה אונ רבי שמעון ברבי האבין געהאנדילט שותפות מיט זיידענע סחורה. זענען זיי גיקומען מיט די סחורה אין די שטאט צור אונ האבין דארט געהאנדילט. ווי

ווי

להדא צור יעברין עבידתהון. מן דנפקין מן פילי אמרי נלך ונתפוס אומנות אבותינו
נחזור ונחמי אי אנשינן כלום. חזרון ואשכחון (יב) מחילא דמטקסין. אמרין להון מן
הן אית לכון. (יג) אמרין מן דיעקב (יד) סבא. דכתיב ויותר יעקב לבדו. ורבנן אמרי
לארכיליסטים נדמה לו. לזה צאן ולזה צאן לזה גמלים ולזה גמלים. א"ל העבר את
שלי ואני אעביר את שלך. העביר המלאך את של אבינו יעקב כהרף עין. והיה אבינו
יעקב מעביר וחוזר (טו) ומשכח מעביר וחוזר ומשכח כל הלילה. א"ל (טז) פרקמוס
(נ"א פרמקוס). א"ר פנחס באותו שעה נטל אבינו יעקב (יח) פוקרין ונתן לו בתוך צוארו
וא"ל פרקמוס פרקמוס. א"ר הונא בסוף אמר המלאך אני מודיעו עם מי הוא עוסק.
מה עשה נתן אצבעו (נ"א צור) בארץ התחילה הארץ תוססת אש. א"ל יעקב (כ) מן
דא את מדחיל לי אנא כוליה מינה. הה"ד (עובדיה ח) והיה בית יעקב אש וגו'. ר'
חמא בר חנינא אמר שרו של עשו היה. הוא דהוה א"ל כי על כן ראיתי פניך כראות
פני אלהים ותרצני. (כא) משל לאתליטים שהוא עומד (כב) ומתגושש עם בנו של מלך.
תלה עיניו וראה את המלך עומד על גביו (כג) והרפיש עצמו לפניו. הה"ד וירא כי לא
יכול

## מתנות כהונה

ספטר: (יב) מחילא. מסא של מצי: (יג) אמרין כו'. סברות שראו זה אמרו להם מניין לכם חכמה זאת לחזור לאחוריכם אע"פ שלא הרגשתם שום שכחה: (יד) סאבן גרסינן. פירוש זקינו: (טו) ומשכח. ומלא עוד לאן אחרים: (טז) פרמקוס. מכשף בלשון יון: מכשף אתה שכל עוד שאני מעביר אני מוצא יותר:
(יח) פוקרין. כנגד רך של צמר: ס"ג רש"י פרמקוס ליש תרבין מלאותין בלילה: (כ) מן דא כו'. מזה אתה מיירא אני הכל מזה כלומר מן האש: (כא) אתליטס. מערת המלך: (כב) מתגושש. מתעע ומתאבק לספינו ארצה: (כג) והרפיש. לשון דריסה כלומר הפיל עצמו

---

ווי זענען ארוים גינאנגען פון טויער פון שטאט. האבין זיי גיזאגט מיר וועלין אזוי טאהן ווי
אונזערע עלטערין האבין גיטאהן. מיר וועלין גיין צוריק אין שטאט זעהן טאמער האבין
מיר עפעס פאר געסין. ווענען זיי צוריק גינאנגען אונ האבין גיפונען אשטיק זיידינצייג וואס
זיי האבין פאר געסין מיט צו נעמען. די מענטשין פון גאסט הויז האבין זיך געוואנדערט
אויף דעם וואס זיי זענען צוריק גיקומען זוכען אז זיי האבין גאר ניט געוואסט אז זיי האבין
פאר געסין. האט מען גיזאגט צו זיי פון וואנען האט איר געוואסט צוריק צו קומען
וועגין די שטיק זיידינצייג. האבין זיי גיזאגט דאס האבין מיר גילערנט פון יעקב אבינו.
ווי דער פסוק זאגט יעקב איז געבליבען אליין ווייל ער איז גיקומען זוכין טאמער האט
ער עפעס פאר געסין. די רבנן זאגין דער מלאך האט זיך פארשטעלט ווי דער עלצטער
פון די גזלנים. יעקב האט גיהאט שעפסין. דער מלאך האט גיהאט שעפסין. יעקב
האט גיהאט קעמלען דער מלאך האט גיהאט קעמלען. האט דער מלאך גיזאגט צו יעקב
נעם דו אריבער מיינע בהמות. אונ איך וועל אריבער נעמען דיינע בהמות מיט דיינע
ווייבער אונ קינדער מיט דיין גאנץ פאר מעגין. אין איין רגע האט דער מלאך אריבער
גינומען אלץ וואס יעקב האט גיהאט. יעקב האט אנגיהויבין אריבער צו נעמען וואס דער
מלאך האט גיהאט. האט ער גימוזט נעמען ביסלאכווייז. אונ ביי יעדער מאהל וואס ער
האט אריבער גינומען האט ער פאר געסין. אונ האט נים גינומען אין גאנצין. אונ אזוי
האט געדויערט א גאנצע נאכט. האט יעקב גיזאגט צום מלאך דו מוזט זיין אמכשף. ווי
פיל איך נעם לאז איך מער איבער. רבי פנחס זאגט יעקב אבינו האט גינומען אשטיק
זייגע וואל אונ האט ארויף גילייגט דעם מלאך אויף דעם האלדז אונ האט אים געשטיקט
(געווארגין). אונ האט געזאגט צו אים מכשף מכשף. רבי הונא זאגט דער נאך האט
דער מלאך גיזאגט צו זיך איך וועל אים ווייזין מיט וועמען ער האנדילט. וואס האט
דער מלאך גיטאהן. ער האט גיגעבין זיין פינגער אויף די ערד האט אנגיהויבין ארויס
צו גיין פייער פון די ערד. האט יעקב גיזאגט צום מלאך מיט דעם פייער ווילסטו מיך
דער שרעקין. איך בין אין גאנצין פייער. ווי דער פסוק זאגט בית יעקב איז פייער.
רבי

יכול לו. א"ר לוי וירא בשכינה: (ג) כי לא יכול לו. א"ר ברכיה אין אנו יודעים מי נצח אם מלאך אם יעקב. ומן מה דכתיב (כד) ויאבק איש עמו הוי מי נתמלא אבק האיש שעמו. א"ר חנינא בר יצחק א"ל הקב"ה הוא בא אליך וחמשה קמיעין בידו. זכותו (כה) וזכות אביו וזכות אמו וזכות זקנו וזכות זקנתו. (כו) מדוד עצמך אם אתה יכול לעמוד (כז) אפילו בזכותו. מיד וירא כי לא יכול לו. משל למלך שהיה לו כלב (כח) אגריון וארי (כט) נמירון והיה המלך נוטל את בנו (ל) ומלבבו בארי שאם יבא הכלב להזדווג לו יאמר לו המלך ארי לא היה יכול לעמוד בו ואתה מבקש להזדווג לו. כך שאם יבואו עכו"ם להזדווג לישראל יאמר להם הקב"ה שרכם לא היה יכול לעמוד בו ואתם מבקשים להזדווג לבניו: (ד) ויגע בכף ירכו. נגע בצדיקים ובצדיקות בנביאים ובנביאות שהן עתידין לעמוד ממנו ואי זה דורו של חורבן זה. ותקע כף ירך יעקב. ר' ברכיה ור' אליעזר. ר"א אמר (לא) שייעה. ר"ב בשם ר' אסי אמר סירקה כדג. רב נחמן בר

יעקב

## מתנות כהונה

לפניו: (כד) ויאבק. שנתמלא אבק אותו שנתאבק עמו וזהו מפני שיעקב הפילו ארצה: (כה) כ"ג וזכות אביו וזכות אמו וזכות זקינו: (כו) מדוה. לשון שיעור ואומד דעת: (כז) אפילו בזכותו. דייק מדכתיב כי לא יכול לו: (כח) אגריון. פירש הערוך יערי: (כט) נמורין. פי' הערוך בל' תרגום: (ל) מלבבו. מכיחו בו ומזרזו להתזיק לבו להתאבק עמו: (לא) שייעה. המ"ק הכשר מעל

---

רבי חמא בר חנינא זאגט דאס איז געווען דער שרפון עשו. דאס איז וואס יעקב האט געזאגט צו עשו. ;ווייל איך האב געזעהן דיין פנים איז ביי מיר אזוי בעוויליגט ווי איך האב געזעהן דעם פנים פון מלאך. למשל אקנעכט האט אנגענומען דעם זוהן פון מלך אונ האט אים געוואלט אומווארפין. דער ווייל האט דער קנעכט אייפגיהויבין די אויגין אונ זעהט אז דער מלך שטייט נעבין אים. האט ער זיך אראפ גיבויגין אונ אינטערטעניג זיך גימאכט פאר דעם זוהן פון מלך. אזוי איז געווען ביי יעקב דער מלאך האט געוואלט יעקב אומווארפין. האט דער מלאך דער זעהן אז ער וועט ניט קענען אים אומווארפין. פאר וואס. זאגט רבי לוי ווייל ער האט דער זעהן די שכינה איז נעבין יעקב: (ג) כי לא יכול לו. ער האט גיזעהן אז ער קען אים גאר ניט טאהן. רבי ברכיה זאגט מיר ווייסין ניט ווער איז געווען שטארקער. דער מלאך אדער יעקב ווייל עס שטייט ויאבק איש עמו. ווער איז פול געווארין מיט שטויב. דער מענטש וואס איז געווען מיט יעקב. ווייל דער מלאך איז גילעגין אויף דער ערד וואס יעקב האט אים אומגיווארפין דריבער איז ער איין געשטויבט געווארין. רבי חנינא בר יצחק האט גיזאגט גאט האט גיזאגט צום מלאך יעקב קומט צו דיר מיט פינף קמיעות. זיין זכות. אונ דער זכות פון זיין פאטער. אונ דער זכות פון זיין מוטער. אונ דער זכות פון זיין זיידע אונ דער זכות פון זיין באבע. מעסט דיך אפ. בערעכין דיך. אויב דו וועסט קענען בשטיין אפילו קעגין זיין זכות אליין. האט דער מלאך באלד גיזעהן אז ער וועט אים גאר ניט קענען טאהן. למשל אמלך האט גיהאט אוואלד הונט. אונ אלייב וואס איז געאדעוועט געווארין אין שטוב. האט דער מלך געוויינט דעם זוהן ער זאל אלע מאהל האבין אמלחמה מיט דעם לייב. טאמער וועט קומען דער הונט מלחמה האלטין מיט דעם זוהן וועט דער מלך זאגין צום הונט מאדאך דער לייב קען גאר ניט טאהן מיין זוהן. ווילסטו אים שלעכטס טאהן. אזוי האט גיטאהן גאט ער האט אנגערייצט דעם מלאך ער זאל מלחמה האלטין מיט יעקב. אונ יעקב זאל זיך שטארקין אויף דעם מלאך. טאמער וועלין קומען פעלקער שלעכטס טאהן יודין. וועט גאט זאגין צו זיי מאדאך אייער שר האט ניט גיקענט בשטיין געגין זייער פאטער יעקב, וועט איר קענען בשטיין געגין זיינע קינדער: (ד) ויגע בכף ירכו. דער מלאך האט אנגערירט די זייט פון יעקב. ער האט אנגערירט די צדיקים אונ די צדיקות אונ די נביאים אונ נביאות וואס וועלין גיבארין ווערין פון יעקב. עס איז געווען צייטין וואס ביי

זענען

יעקב אמר פירשה ממקומה כדכתיב (יחזקאל כג) ותקע נפשי וגו׳ כאשר נקעה נפשי
א״ר חנינא בר יצחק כל אותה הלילה היו שניהם פוגעין זה בזה. מגיניה דדין לקביל
(לג) מגיניה דדין. כיון שעלה עמוד השחר ויאמר שלחני כי עלה השחר:

**פרשה עח** (א) ויאמר שלחני כי עלה השחר. כתיב (איכה ג) חדשים לבקרים רבה אמונתך. אר״ש בר אבא על שאתה מחדשנו בכל בקר ובקר אנו יודעים שאמונתך רבה להחיות לנו את המתים. א״ר אלכסנדרי ממה שאתה מחדשנו (א) בבוקרן של גליות אנו יודעים שאמונתך רבה לגאלנו. ר׳ חלבו בש״ר שמואל בר נחמן אמר לעולם אין כת של מעלה מקלסת ושונה. אלא בכל יום בורא הקב״ה כת של מלאכים חדשה והן אומרין שירה חדשה לפניו והולכין להם. א״ר ברכיה הישבתי את ר׳ חלבו והא כתיב ויאמר שלחני כי עלה השחר (א) והגיע זמני לומר שירה. א״ל (ב) חנוקא סברת למחנקני. (ג) אמרת מה הוא דין דכתיב ויאמר שלחני כי עלה השחר. א״ל זה (ד) מיכאל וגבריאל שהן שרים של מעלה דכולא מתחלפין ואינון לא מתחלפין. אדריינוס שחיק

## מתנות כהונה

רענה: (לג) מגיניה וכו׳. מגן של זה כדרך הלוחמים: (א) בבוקרן של מלכות עובדי כוכבים. מן מה שהגלתנו ובגאלתנו מאלה גליות הראשונים נדע נאמנה שאף מגלות זה עתיד אתה לגאלנו: (ב) והגיע זמני כו׳. ובבר נבראה מאתמול הרי באמר שירה ובנה: (ב) חנוקא. מבקש אתה להנקני ולחנקני בתשובות הבל: (ג) אמרת כו׳. אמרתי מה הוא זה דכתיב כו׳: (ד) מיכאל כו׳. שאותו של מיכאל היה וכל נבראות לו באה יהי״ל

---

זעען גיפאלין אין די הענט פון דעם שר פון עשו. עס האט זיך אפ געריקט די זייט פון יעקב פון איר ארט. רבי ברכיה אונ רבי אלעזר קריגען. רבי אלעזר זאגט דאס פלייש האט זיך אראפ גינומען פון ביין. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי אסים וועגין די זייט פון יעקב איז גישפאלטין גיווארין אזוי ווי מען שפאלט אפיש. רבי נחמן בר יעקב זאגט די זייט האט זיך אפ געריקט פון איר ארט. ווי דער פסוק זאגט ותקע נפשי. מיין נפש האט זיך אפ גערוקט. נאך שטייט כאשר נקעה נפשי. מיין נפש האט זיך אפ גערוקט. אז דא שטייט ותקע כף ירך יעקב. מיינט מען די זייט האט זיך אפ גערוקט פון איר ארט. רבי חנינא בר יצחק זאגט די גאנצע נאכט האבין זיך ביידע גישלאגין. דער מלאך האט גיהאלטין זיין שפיז געגין יעקב. אונ יעקב האט גיהאלטין זיין שפיז געגין דעם מלאך. ווי דער מארגין שטערין איז אויף גיגאנגען האט דער מלאך גיזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק ווארום דער מארגין שטערין איז שוין אויף גיגאנגען:

**פרשה עח** (א) ויאמר. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק ווארום דער מארגין שטערין איז שוין אויף גיגאנגין. דער פסוק זאגט חדשים לבקרים רבה אמונתך. רבי שמעון בר אבא האט גיזאגט ירמיה הנביא האט גיזאגט צו גאט חדשים לבקרים. ווייל אלע פריה מאכסטו אונז פר נייע מענטשין. דר מענטש לייגט זיך שלאפין מיד אונ שלאפט ווי גישטארבין. אונ אין דער פריה שטייט ער אויף פריש מיט נייע כחות. רבה אמונתך פון דעם ווייסין מיר אז דיא אמונה אין דיר איז גרויס אז דו וועסט לעבעדיג מאכין די מתים. רבי אלכסנדרי זאגט אזוי הט ירמיה גיזאגט. ווייל גאט הט אונז אויס געלייזט פון די ערשטע גלותין. אונ הט אונז יעדער מאל גימאכט ווי נייע מענטשין. פון דעם ווייסין מיר צו גלויבין מיט אגרויסע אמונה. אז גאט וועט אונז פון דעם גלות אויך אויס לייזין. רבי חלבו האט גיזאגט פון רבי שמואל בר נחמן ס וועגין יעדער כתה מלאכים זאגט ניט צוויי מאהל שירה. נאר אלע טאג בעשאפט גאט אנייע כתה מלאכים אונ זיי זאגין אנייע שירה אונ זיי גייען אוועק פון דער וועלט. רבי ברכיה זאגט איך האב גיפרעגט ביי רבי חלבו עס שטייט דאך אין פסוק דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק ווארום דער מארגין שטערין איז שוין אויף גיגאנגען אונ עס איז גיקומען מיין צייט צו זאגין שירה. זעהן מיר אז דער מלאך איז ניט בעשאפין גיווארין אין דער פריה. ווארום ער איז נאך גיוועזין ביי נאכט מיט יעקב. אונ געוויס איז ער בעשאפין גיווארין נאך פון פריער. ווארום ווי קען דאס זיין

(ה) שחיק טמיא שאל את ר׳ יהושע בן חנניה א״ל אתם אומרים אין כת של מעלה מקלסת ושונה אלא בכל יום ויום הקב״ה בורא כת של מלאכים חדשים והן אומרין שירה לפניו והולכין להן. א״ל הין. א״ל (ו) ולאן אינון אזלין. אמר מן הן דאתבריין. א״ל ומן אן הן אתבריין. א״ל מן נהר דינור. א״ל ומה עסקיה דנהר דינור. א״ל (ז) כהדין ירדנא דלא פסיק לא בימטא ולא בלילא. א״ל (ח) ומן אן הוא אתי. א״ל מן זיעתהון דחייתא דאינון מזיעין מן טעינון כורסייא דקב״ה. א״ל (ט) סונקתדרון שלו והא הדין ירדנא מהלך בימטא ולית הוא מהלך בלילא. אמר (י) נטר הוינא בבית פעור במה דהוה מהלך בימטא מהלך בלילא: (ב) ר׳ מאיר ור׳ יהודה ור׳ שמעון. ר״מ אומר (י) מי גדול השומר או הנשמר. מן מה דכתיב (תהלים לא) כי מלאכיו יצוה לך לשמרך הוי הנשמר גדול מן השומר. ר״י אומר מי גדול הנושא או הנישא. מן מה דכתיב

## מתנות כהונה

שעמו תקי״ו: (ה) שחיק טמיא. ישחקו ויטחנו עצמותיו כלומר ימח שמו: ה״ג (ו) ולאן כו׳. פירוש ולהיכן הם הולכים: אלא מן היכן כו׳. מהיכן הם נבראים. חוזרים ללכת. אמר לי ומהיכן הם נבראים: (ז) כהדין ירדנא כו׳. כירדן הזה שאינו פוסק מלכת יום ולילה: (ח) מן אן כו׳. ומהיכן הוא בא ותו נהר דינור אמר ליה מזיעה של חיות הקודש מפני שהן נושאין כסא הכבוד: ה״ג (ט) סינקתדרין. יין המתוק יושב אצלו של כסא: (י) נטר הוינא כו׳. שומר ומצפה הייתי ורואה הי כמה כו׳: (י) מי גדול כו׳ כצדיק יסוד עולם הוא וכל

---

אַז באַלד ווי ער איז בשאַפֿן גיוואָרין איז ער שוין גיקומען צו יעקב. האָט רבי חלבו גיזאָגט צו רבי ברכיה אַזוי ווי דוא דער שטיקסט און דער ווינדנסט אַלע מענטשין מיט דיינע שאלות. אַז דו פרעגסט אַ שאלה ווערט מען אַזוי ווי דער שטיקט (דער וואַרגין) און מען קען ניט ריידין צו דיר אַ אַנטוואָרט אויף דער שאלה. ווייל מען ווייס ניט וואָס צו ענטפערין. אַזוי מיינסטו מיר אויך צו טאָהן. דו מיינסט אַז איך וועל אויך בלייבין דער שטיקט און וועל דיר ניט קענען ענטפערין. איך וועל דיר זאָגין דער מלאך וואָס האָט גיזאָגט שיק מיך אַוועק וואָרום עס איז אויף גיגאַנגען דער מאָרגינשטערין דאָס איז גיוועזן דער מלאך מיכאל אָדער גבריאל. זיי זענען די שרים פון הימעל. אַלע מלאכים ווערין גיטאָהשט אַלע טאָג אַנדערע. און זיי זענען אייביג אין הימעל צו שטיין פאַר גאָט געשיקט צו ווערין אויף דער וועלט. אַדריינוס (צו ריבען זאָלין ווערין זיינע ביינער) האָט גיפרעגט ביי רבי יהושע בן חנניה איר זאָגט אַז די מלאכים זאָגין ניט צוויי מאָהל שירה. נאָר אַלע טאָג בעשאַפט גאָט נייע מלאכים און זיי זאָגין שירה און זיי גייען אַוועק. האָט רבי יהושע גיענטפערט יאָ מיר זאָגין אַזוי. האָט אַדריינוס גיפרעגט וואו הין גייען די מלאכים האָט רבי יהושע גיזאָגט פון דעם אָרט וואָס זיי זענען בשאַפֿן גיוואָרין. צו דעם אָרט גייען זיי צוריק. האָט אַדריינוס גיפרעגט פון וועלכין אָרט זענען זיי בשאַפֿן גיוואָרין. האָט רבי יהושע גיזאָגט פון דעם טייך דינור. האָט אַדריינוס גיפרעגט וואָס איז מיט דעם טייך דינור. האָט רבי יהושע גיזאָגט דער טייך דינור איז אַזוי ווי דער ירדן. די וואַסער גייט ביי טאָג און ביי נאַכט. האָט אַדריינוס גיפרעגט פון וואַנען איז גיוואָרין דער טייך דינור האָט רבי יהושע גיזאָגט פון די שווייס פון די חיות וואָס זענען אויף דעם הימעל. דיא חיות ווערין פאַר שוויצט פון דעם וואָס זיי טראָגין די שטוהל פון גאָט. און דער שווייס רינט פון זיי. און פון דעם שווייס איז גיוואָרין דער טייך דינור. האָט דער אַדיוטאַנט פון אַדריינוס גיזאָגט צו רבי יהושע דער ירדן גייט דאָך נאָר ביי טאָג און ביי נאַכט ניט האָט רבי יהושע גיזאָגט איך בין אַמאָהל גיוועזן געבין די עבודה זרה פעור האָב איך גיזעהן אַזוי ווי דער ירדן גייט ביי טאָג אַזוי גייט ער ביי נאַכט: (ב) רבי מאיר און רבי יהודה און רבי שמעון קריגען; רבי מאיר זאָגט ווער איז גרעסער דער שומר (דער וואָס היט). אָדער דער וואָס ווערט געהיט. ווי דער פסוק זאָגט גאָט וועט געביטען אויף די מלאכים זיי זאָלין דיך היטען. זעהן מיר אַז דער וואָס ווערט געהיט איז גרעסער פון דעם שומר וואָס היט. רבי יהודה זאָגט ווער איז גרעסער. דער וואָס

טראָגט

דכתיב (סס) על כפים ישאונך הוי הנישא גדול מן הנישא. ר"ש אמר מן מה דכתיב ויאמר שלחני הוי המשלח גדול מן המשתלח: (ג) ויאמר שלחני. שהגיע זמן קילוסי לקלס להקב"ה. א"ל יקלסו חבירך. א"ל איני יכול למחר אני בא לקלס והן אומרים לי בשם שלא קלסת אתמול כך אין אתה מקלס היום. אמר (יא) שייצת (יב) סייבת לא אשלחך כי אם ברכתני. א"ל אותן המלאכים שבאו אצל אברהם לא פרשו ממנו אלא בברכה. א"ל אותן נשתלחו ע"מ כך אבל אני לא נשתלחתי לכך. א"ל שייצת סייבת לא אשלחך. ר' לוי בשם ר' שמואל בר נחמן אמר א"ל (יג) מה"ש ע"י שגלו (יד) מסטורין של הקב"ה נדחו ממחיצתן קל"ח שנה. (טו) אשמע לך ואדחה ממחיצתי. אמר שייצת סייבת לא אשלחך כי אם ברכתני. א"ר הונא בסוף אמר אני מגלה לו אם אומר לי הקב"ה למה גלית לו אני אומר לפניו רבש"ע בניך גוזרין גזירות ואין אתה מבטל גזירתן ואני הייתי יכול לבטל גזירתם. א"ל עתיד הוא להגלות עליך בבית אל ולהחליף את שמך ואני עומד שם. הה"ד (הושע יב) בית אל ימצאנו

## מתנות כהונה

כעולם אף המלאכים לא נבראו אלא לגיות לו : מלאכך יקח סכרך כלומר לכשתברכני אשלחך : (יג) מלאכי (יא) שילית. סיימת דבריך כלומר חדל מלדבר עוד כי לא הפרח. שאמרו ללוט כי משחיתים אנחנו : (יד) מסטורין אשלחך : (יב) סייבת. מגל כוה שאומרין לפועל גמור סגוות : (טו) אשמע לך וכו'. כי לא יברכני כי אם ב...

טראגט אדער דער וואס ווערט גיטראגין. אז דער פסוק זאגט די מלאכים וועלין דיך טראגין אויף די הענט. זעהן מיר אז דער וואס ווערט ניטראגין איז גרעסער פון דעם וואס טראגט. רבי שמעון זאגט אז דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק. ווייסין מיר אז דער וואס שיקט איז גרעסער פון דעם וואס ווערט געשיקט: (ג) ויאמר. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק עס איז גיקומען מיין צייט צו לויבין גאט. האט יעקב גיזאגט צום מלאך וועלין דייגע חברים לויבין גאט. האט דער מלאך גיזאגט איך קען דאס ניט טאהן. אז איך וועל היינט ניט לויבין גאט. אז איך וועל מארגין קומען לויבין גאט. וועלין די מלאכים צו מיר זאגין אזוי ווי דו האסט געכטין ניט גילויבט גאט לויב היינט אויך ניט. האט יעקב גיזאגט צום מלאך דו וועסט ענדיגען דיין ארבעט וועסטו געמען דיין לוין. איך וועל דיך ניט אוועק שיקען ביז דו וועסט מיך האבין גיבענטשט. יעקב האט גיזאגט צום מלאך די מלאכים וואס זענען גיקומען צוא אברהם זענען אויך ניט אוועק גיגאנגען פון אים אן אברכה. האט דער מלאך גיזאגט צו יעקב די מלאכים וואס זענען גיווען ביי אברהם זענען געשיקט גיווארין זיי זאלין אים בענטשין. אבער איך בין ניט געשיקט גיווארין דיך צו בענטשין. האט יעקב גיזאגט צום מלאך דו וועסט ענדיגין דיין ארבעט וועסטו געמען דיין לוין. איך וועל דיך ניט אוועק שיקען ביז דו וועסט מיך בענטשין. רבי לוי האט גיזאגט פון רבי שמואל בר נחמן ווענין דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב די מלאכים וויל זיי האבין אויס גיזאגט די סודות פון גאט דריבער זענען זיי פאר שטויסין גיווארין פון גאט אויף הונדערט מיט אכט און דרייסיג יאהר. אז איך וועל דיך פאלגין און וועל דיך בענטשין אן דעם ערלויבנים פון גאט וועט מען מיך אויך פארשטויסין פון גאט. האט יעקב גיזאגט צום מלאך אז דו וועסט ענדיגען דיין ארבעט וועסטו געמען דיין לוין. איך וועל דיך ניט אוועק שיקען ביז דו וועסט מיך בענטשין. רבי הונא האט גיזאגט דער נאך האט דער מלאך גיזאגט צו זיך אליין איך וועל זאגין צו יעקב וואס איך ווייס. און אויב גאט וועט זאגין צו מיר פאר וואס האסטו אויס גיזאגט. וועל איך זאגין צו גאט רבונו של עולם דיינע קינדער זענען גוזר גזרות ביזטו ניט מבטל (שטערסטו ניט) זייערע גזרות. האב איך גיקענט מבטל זיין (שטערין) זייערע גזרות. אז יעקב האט אויף מיר גוזר גיווען איך זאל אים בענטשין. האב איך אים גימוזט בענטשין. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב גאט וועט זיך אנטפלעקן? — 

מצאנו ושם ידבר עמנו. עמך אכ"כ אלא ושם ידבר עמנו: (ד) ויאמר אליו מה שמך ויאמר יעקב ויאמר לא יעקב יאמר עוד שמך. (ישעיה מד) מקים דבר עבדו ועצת מלאכיו ישלים וגו'. ר' ברכיה בש"ר לוי אמר משהוא מקים דבר עבדו ועצת מלאכיו ישלים (טז) אין אנו יודעין שהוא אומר (שם) לירושלם תושב ולערי יהודה תבנינה. אלא מלאך אחד שנגלה על יעקב אבינו הה"ד ויאמר אליו מה שמך וגו' (יז) לא יעקב וגו'. ועצת מלאכיו ישלים. שנגלה הקב"ה על יעקב אבינו בשביל לקיים גזירתו של אותו מלאך שאמר לו לא יעקב. ואף הקב"ה א"ל כן. הה"ד ויאמר לו אלהים שמך יעקב וגו' לא יעקב יאמר: (ה) בר קפרא אמר כל מי שהוא קורא לאברהם אברם עובר בעשה. א"ר לוי בעשה ולא תעשה. ולא יקרא עוד וגו' בלא תעשה. והיה שמך אברהם בעשה. והרי אנשי כנסת הגדולה קראו אותו אברם דכתיב (נחמיה ט) אתה הוא ה' האלהים אשר בחרת באברם וגו'. סיפור הוא מספר ואומר שעד שהוא אברם

## מתנות כהונה

שנגלה לשניו מאחורי הפרגוד: (טז) אין אנו יודעין. ומה וגו'. (יז) לא יעקב וגו'. ירושלים בכל נביאים מתנבאים לקיים כיה ש לפסוק של אחריו שנא' כאומר לירושלים תושב

---

און איך וועל אויך דארט זיין. ווי דער פסוק זאגט אין בית אל וועט ער אים טרעפן און דארט וועט ער ריידן עמנו. עס שטייט ניט עמך. מיט דיר. נאר עס שטייט עמנו. מיט אונז. נאט וועט דארט ריידן מיט אונז הײדע: (ד) ויאמר. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב ווי איז דיין נאמען. האט ער גיזאגט יעקב. האט דער מלאך גיזאגט דיין נאמען וועט ניט מער זיין יעקב נאר ישראל. דער נביא ישעיה האט גיזאגט מקים דבר עבדו גאט שטעלט אויף די רייד פון זיין קנעכט. אז דער קנעכט פון גאט זאגט אזאך. איז גאט מקיים דיא זאך. ועצת מלאכיו ישלים (און די עצה פון זיינע מלאכים. מאכט גאט גאנץ. אז די מלאכים גיבען אעצה. ער פילט גאט זייער עצה). האומר לירושלים תושב גאט וועט זאגן צו ירושלים זיא זאל צוריק גיקערט ווערין ווי זיא איז אמאהל גיוועזן. ולערי יהודה תבנינה. (און צו די שטעט פון יהודה וועט גאט זאגן זיי זאלין גיבאהט ווערין). רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין אז גאט וועט אויפשטעלין די רייד פון זיין קנעכט און די עצה פון זיינע מלאכים וועט ער גאנץ מאכין. ווייסען מיר דען ניט אז גאט וועט צוריק קערין ירושלים און וועט באהען די שטעט פון יהודה. נאר אזוי מיינט דער פסוק אמלאך איז גיזעהן גיווארין צו יעקב אבינו און האט גיזאגט צו אים דיין נאמען וועט ניט מער זיין יעקב נאר ישראל. האט גאט גאנץ גימאכט די רייד פון דעם מלאך. גאט איז גיזעהן גיווארין צו יעקב און האט גיזאגט צו אים דיין נאמען וועט ניט זיין יעקב נאר ישראל. צו מקיים זיין די רייד פון דעם מלאך ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט צו יעקב דיין נאמען וועט ניט זיין יעקב נאר ישראל: (ה) בר קפרא האט גיזאגט דער מענטש וואס רופט אויף אברהם אברם. האט ער ניט מקיים גיוועזן אמצות עשה. רבי לוי האט גיזאגט ער האט ניט מקיים גיוועזן אמצות עשה און האט עובר גיוועזן אלא תעשה. גאט האט גיזאגט צו אברהם מען זאל ניט רופין דיין נאמען אברם. און ער האט יא גירופין אברם. האט ער גיטאהן וואס גאט האט גיהייסין מען זאל ניט טאהן. גאט האט גיזאגט צו אברם דיין נאמען זאל זיין אברהם. און ער רופט אים ניט אברהם. האט ער ניט גיטאהן וואס גאט האט גיהייסין מען זאל יא טאהן. פרעגט דער מדרש די אנשי כנסת הגדולה האבין דאך אים גירופין אברם. ווארום עס שטייט אין פסוק דו ביזט דער גאט וואס דו האכט אויס דער וויילט אין אברם. ענטפערט דער מדרש אזוי האבין זיי געזאגט ווען זיין נאמען איז נאך גיוועזן אברם האסטו אים שוין אויס דער וויילט. פרעגט דער מדרש דארף דאך זיין אז מען רופט אויף שרה שרי זאל מען אויך עובר זיין אויף אעשה און אלא תעשה. ענטפערט דער מדרש. נאר אברהם איז גיבאטין

גיווארין

אברם בררת בו. דכוותה הקורא לשרה שרי עובר בעשה (יח) אלא שנצטווה עליה. דכוותה הקורא לישראל יעקב עובר בעשה. תני לא שיעקר שם יעקב אלא כי אם ישראל יהיה שמך ישראל יהיה עיקר ויעקב טפילה. ר' זכריה משם ר' אחא מכ"מ יעקב שמך אלא כי אם ישראל יהיה שמך. יעקב עיקר וישראל מוסיף עליו: (ו) כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל. (יט) נתגוששת עם העליונים ויכולת להם ועם התחתונים ויכולת להם. עם העליונים זה המלאך. ר' חמא בר חנינא אמר שרו של עשו היה. הוא דהוא א"ל כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים. מה פני אלהים דין (כ) אף פניך דין. מה פני אלהים (שמות כג) ולא יראו פני ריקם אף את לא יראו פני ריקם עם התחתונים ויכולת להם זה עשו ואלופיו. ד"א כי שרית עם אלהים את הוא (כה) שאיקונין שלך חקוקה למעלה: (ז) וישאל יעקב ויאמר הגידה נא שמך. רב אמר בשם ר' יוסי בר דוסתאי כתוב אחד אומר (תהלים קמז) מונה מספר לכוכבים וגו' שמות יקרא. וכתוב אחד אומר (ישעיה מ) המוציא במספר צבאם לכולם בשם יקרא. אלא

מלמד

## מתנות כהונה׃

עליה שאמ"ו שיקיים דברי נביאיו: ס"ג (יח) אלא הוא (כ) אף אתה דין. פירש"י שאתה דן אותו: נצטוה עליה: (יט) נתגוששת. ענין התאבקות וניצחון: (כה) שאיקונין שלך. צורת פניך חקוקה למעלה וזהו

---

געווארין ער זאל נים רופין זיין ווייב שרי נאר שרה. אבער אנדערע מענטשין מעגין איר רופין שרי אויך. ווארום גאט האט גיזאגט צו אברהם דיין ווייב הייסט שרי. דו זאלסט איר נים רופין שרי נאר שרה. פרעגט דער מדרש דארף דאך זיין אז איינער רופט אויף ישראל יעקב זאל ער אויך עובר זיין אויף אעשה. ענטפערט דער מדרש מיר האבין גילערנט גאט האט נים געמיינט אז דער נאמען יעקב זאל גאר נים זיין. נאר אזוי האט גאט גיזאגט דיין נאמען זאל זיין ישראל. דער עיקר נאמען זאל זיין ישראל. נאר אמאהל זאל מען דיך רופין יעקב אויך. רבי זכריה האט גיזאגט פון רבי אחא ם וועגין אזוי האט גאט געמיינט יעקב איז דיין נאמען. נאר ישראל זאל אויך זיין דיין נאמען. דער עיקר נאמען איז יעקב. נאר אמאהל זאל מען דיך רופין ישראל אויך: (ו) כי שרית. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב דריבער זאל זיין דיין נאמען ישראל ווארום דוא האסט דיך גיטראפין מיט די אויבערשטע אונ האסט דיך גישטארקט אויף זיי. אונ דו האסט דיך גיטראפין מיט די אונטערשטע אונ האסט דיך געשטארקט אויף זיי. מיט די אויבערשטע מיינט מען דעם מלאך. רבי חמא בר חנינא זאגט דער מלאך איז גיוועזן דער שר פון עשו. דאס איז וואס יעקב האט גיזאגט צו עשו די מחנה זאלסטו ביי מיר נעמען וועיל איך האב גיזעהן דיין פנים. דאס איז ביי מיר גלייך ווי איך האב גיזעהן פני אלהים. דעם פנים פון דיין מלאך. אזוי ווי דער פנים פון דיין מלאך איז צו מיר גיזעהן גיווארין ער זאל מיך משפטין. אזוי איז דיין פנים צו מיר גיזעהען גיווארין דו זאלסט מיך משפטין. אדער אזוי האט יעקב גימיינט איך זעה דיין פנים אזוי ווי מען זעהט דעם פנים פון גאט. אזוי ווי מען קומט זעהן דעם פנים פון גאט אין בית המקדש. טאר נים גיזעהן ווערין ליידיג. נאר מען מוז ברייגגען קרבנות. אזוי וויל איך נים זעהן דיין פנים ליידיג. נאר דו זאלסט געמען פון מיר א מתנה. מיט די אונטערשטע האסטו דיך גיטראפין אונ האסט דיך געשטארקט אויף זיי. דאס מיינט מען עשו מיט זיינע פירשטען. נאך אפשט איז כי שרית עם אלהים. דער מלאך האט גיזאגט צו יעקב דו ביזט אשר ביי גאט. ווארום דיין צורה איז אויסגעקריצט אויף די שטוהל פון גאט: (ז) וישאל. יעקב האט גיפרעגט ביי דעם מלאך זאג מיר דיין נאמען. רב האט גיזאגט רבי יוסי בר דוסתאי האט גיזאגט אין איין פסוק שטייט ער ציילט די שטערין צו אלע שטערין רופט ער נעמען (מיינט מען פיל נעמען) אין איין אנדערין פסוק שטייט ער ציהט אויס די שטערין מיט אצאהל צו אלע שטערין רופט ער אנאמען (מיינט מען נאר איין נאמען). נאר דער פסוק לערנט אונז. אז

ביי

מלמד שיש שם (כב) שינוי לא כשם שנקרא עכשיו כך הוא נקרא לאחר זמן. שנא׳ (שופטים יג) ויאמר לו מלאך ה׳ למה זה תשאל לשמי והוא פלאי איני יודע איזה שם אני מתחלף: (ה) ויזרח לו השמש וגו׳. א״ר ברכיה ולמי לא זרחה השמש אלא לו לרפאתו אבל לאחרים אורה. ר׳ הונא בשם ר׳ אחא אמר כך היתה השמש מרפא ביעקב אבינו ומלהטת בעשו ובאלופיו. א״ל הקב״ה את סימן לבניך. מה את השמש מרפא בך ומלהטת בעשו ובאלופיו. כך בניך תהא השמש מרפא בהן ומלהטת בעכו״ם. מרפא בהן (מלאכי ג) וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה. מלהטת בעכו״ם (שם) הנה היום בא בוער כתנור וגו׳. והוא צולע על ירכו ריב״ל הוה סליק לרומי וכיון דאתא לעכו נפק ר׳ חנינא לקדמותיה אשכחיה (כג) מטלע על ירכיה. א״ל את דמי לסבך והוא צולע על ירכו: (ט) על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה. א״ר חנינא למה נקרא שמו גיד הנשה שנשה ממקומו. ר׳ הונא אמר האי (כד) פקוקלתא דגידא שרי ישראל קדושים אסרו אותה עליהם. ר׳ יהודה ור׳ יוסי. ר״י אמר באחת מהן נגע ואחת מהן נאסרה. ר׳ יוסי אומר באחת מהן נגע ושתיהן נאסרו

## מתנות כהונה

בריה עם אלהים: (כב) שינוי. שלפי ענין בלוחות הם נקראים: (כג) מטלע. צולע: (כד) פקוקלתא. סימן טבו

---

ביי די שטערין אונ אזוי ביי די מלאכים איז דא ענדערונגם היינט ווערט ער אזוי גירופין. אין אצייט שפעטער ווערט ער אנדערש גירופין. צו וועלכע זאך דער מלאך אדער דער שטערין ווערט געשיקט. אזוי אנאמען האט ער. ווי דער פסוק זאגט דער מלאך האט גיזאגט צו מנוח וואס פרעגסטו מיין נאמען. איך ווייס אליין ניט מיין נאמען. איצט רופט מען מיך אזוי אנאמען. שפעטער וועט מען מיך רופין מיט איין אנדער נאמען: (ח) ויזרח. די זוהן האט געשיינט צו יעקב. רבי ברכיה פרעגט צו וועמען האט דען די זוהן ניט געשיינט. די זוהן האט דאך געשיינט צו די גאנצע וועלט. פאר וואס זאגט דער פסוק די זוהן האט געשיינט צו יעקב. נאר אזוי מיינט מען פאר די גאנצע וועלט האט די זוהן געשיינט נאר ליכטיג צו מאכין. פאר יעקב האט די זוהן געשיינט צו היילין אים אויך. רבי הונא האט גיזאגט פון רבי אחא ס וועגין צו יעקב האט די זוהן געהיילט. אונ צו עשו מיט זיינע מענטשין האט די זוהן גיברענט. נאט האט גיזאגט צו יעקב דו ביזט אצייכין צו דיינע קינדער. אזוי ווי דיך היילט די זוהן. אונ צו עשו מיט זיינע מענטשין ברענט דיא זוהן. אזוי וועט זיין מיט דיינע קינדער. זיי וועט די זוהן היילין. אונ צוא די גוים דינער וועט די זוהן ברענען. דיינע קינדער וועט די זוהן היילין. ווי דער פסוק זאגט די מענטשין וואס האבין מורא פאר מיין נאמען צו זיי וועט שיינען אזוהן פון צדקה אונ זיא וועט ברייגען אהיילונג מיט אירע פליגול. די גוים דינער וועט זיא ברענען ווי דער פסוק זאגט עם וועט קומען אטאג וואס ער וועט ברענען ווי אהויבין אונ ער וועט פאר ברענען אלע רשעים. יעקב איז גיגאנגען איינגיבויגין אויף אזייט. רבי יהושע בן לוי איז אמאהל גיגאנגען צו די שטאט רוים. אין וועג איז ער גיקומען אין די שטאט עכו. איז רבי חנינא ארויס גיגאנגען געגין אים. האט רבי חנינא גיזעהן ווי רבי יהושע גייט איינגיבויגין אויף אזייט. האט רבי חנינא גיזאגט צו רבי יהושע דו ביזט גלייך צו דיין זיידע יעקב. ער איז אויך גיגאנגען איינגיבויגין אויף אזייט: (ט) על כן. דריבער עסין ניט די יודין דעם גיד הנשה. רבי חנינא זאגט פאר וואס רופט מען גיד הנשה. ווייל דער אדער איז אפגישפרונגען פון זיין ארט ווען דער מלאך האט אנגערירט די זייט פון יעקב איז אפגעשפרונגען אאדער פון ארט. אונ ביי אבהמה איז אויך דא אויף דעם עלבינגען ארט אזוי אאדער. מען זאל געדיינקען וואס מיט יעקב אונ מיט דעם מלאך איז אמאהל גיוועזין. עסט מען ניט דעם אדער. רבי הונא זאגט די שמאלץ וואס אויף דעם אדער מעג מען עסין. נאר ווייל יודין זענען היליג האבין זיי אויף זיך געאסרת די

שמאלץ

אסרו. אית תנא תני הדעה מכרעת שהוא של ימין כדברי ר׳ יהודה. ואית תנא תני הדעת מכרעת שהוא (כה) של שמאל כר׳ יוסי. מ״ד הדעת נוטה שהוא של ימין ויגע בכף (כו) ירכו. ומ״ד הדעת מכרעת שהוא של שמאל שנא׳ כי נגע בכף ירך יעקב: (י) וישא יעקב את עיניו וירא וגו׳. א״ר לוי ארי כעס על הבהמה ועל החיה. אמרין (כז) מאן אזיל ומפייס יתיה. (כח) א״ל הדין תעלא אתון להכא דאנא ידע תלת מאה מתלין ואנא מפייס יתיה. אמרין ליה (כט) אגומין. הלך (ל) ציבחר וקם ליה. אמרו ליה מה דין. א״ל (לא) אנשית מאה. אמרו ליה (לב) אית במאתן ברכאי. הלך ציבחר וקם ליה. אמרו ליה מה דין. א״ל אנשית אף מאה. אמרו ליה אף במאה ברכאן. וכיון דמטא תמן אמר אנשית כלהון אלא כל חד וחד יפייס על נפשיה. כך יעקב אבינו. ר׳ יהודה בר סימון אמר (לג) יש בי כח לעריך תפלה. ר׳ לוי אמר יש בי כח לערוך מלחמה. וכיון דמטא ויחץ את הילדים וגו׳. אמר כל איניש ואיניש

## מתנות כהונה

ספקוקלות: (כה) של שמאל. כרבי יוסי ז״ל אף של בשמאל ולא פליג אדרבי יהודה דאסר של ימין אבל אי לאו דמיסתפינא אמינא דהאי כר׳ יוסי טעות סופר הוא ותרווייהו הני תנאי פליגי אליבא דר׳ יהודה: (כו) ירכו. משמע המזומנת והמיוזמנת לו: (כז) מאן אזיל כו׳. מי ילך ויפייס אותו: (כח) אמר להם השועל הזה בואו עמי להם ואני אפייס אותו כי אדע ג׳ מאות מתלים ובהם אני מפייס אותו: (כט) אגומין. פירש״י וכן יהיה: (ל) ציבחר. מעט: (לא) אנשית. שכחתי: (לב) אית במאתן כו׳. יש עוד במאתים די ברכה ופיוס: (לג) יש בי כח כו׳. כך אמר

שמאלין פון אדער אויך. רבי יהודה און רבי יוסי קריגען. רבי יהודה זאגט דער מלאך האט אנגערירט ביי יעקב נאר איין אדער אויף איין זייט, און דער איין אדער איז אפגעשפרונגען פון ארט, און ביי א בהמה איז אויך נאר אסור איין אדער וואס אויף איין זייט. רבי יוסי זאגט דער מלאך האט אנגערירט ביי יעקב ביידע זייטן. און פון ביידע זייטן איז דער אדער אפגעשפרונגען פון ארט. און ביי א בהמה איז אויך אסור ביידע אדערין פון ביידע זייטן. רבי יהודה וואס ער זאגט אז דער מלאך האט נאר אנגערירט איין זייט. וועלכע זייט. איין תנא זאגט דער שכל ווייזט אז דאס איז געווען די רעכטע זייט. און איין תנא זאגט דער שכל ווייזט אז דאס איז געווען די לינקע זייט. דער תנא וואס זאגט אז דער מלאך האט אנגערירט ביי יעקב די רעכטע זייט. ווייל עס שטייט אין פסוק ויגע בכף ירכו. בהאבקו עמו. דער מלאך האט אנגערירט די זייט פון יעקב ווען ער האט אים ארומגענומען (דער תנא האלט אז דער מלאך איז געשטאנען געגען יעקב פון פארינטס אפנים געגען אפנים איז געווען. די רעכטע האנט פון מלאך געגען די לינקע זייט פון יעקב. אז דער מלאך האט אים געצויגן די רעכטע האנט איבער יעקבס פלייצע און האט אים ארומגענומען האט דער לאנגט די האנט פון מלאך אויף די רעכטע זייט פון יעקב. האט דער מלאך אקוועטש געטאהן די רעכטע זייט פון יעקב און דער אדער איז אפגעשפרונגען פון ארט. און דער תנא וואס זאגט אז דער מלאך האט אנגערירט ביי יעקב די לינקע זייט. ווייל עס שטייט אין פסוק ער האט אנגערירט די זייט פון יעקב. און עס שטייט ניט בהאבקו עמו. ווען ער האט אים ארומגענומען. זעהט מען ווען דער מלאך האט אנגערירט די זייט פון יעקב האט ער אים ניט ארומגענומען. נאר אזוי ווי דער מלאך איז געשטאנען געגען יעקב. אפנים געגען אפנים. איז דאך די רעכטע האנט פון מלאך געווען געגען די לינקע זייט פון יעקב. האט דער מלאך אקוועטש געטאהן מיט זיין רעכטע האנט די לינקע זייט פון יעקב און דער אדער איז אפגעשפרונגען פון ארט: (י) וישא. יעקב האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האט געזעהן ווי עשו מיט פיר הונדערט מענטשין גייען געגין אים. רבי לוי זאגט למשל אלייב איז אין כעס געווען אויף אלע בהמות און חיות. האבין די בהמות און חיות געזאגט ווער פון אונז וועט גייך צום לייב איבער בעטין. האט דער פוקס געזאגט צו די בהמות און חיות קומט צו מיר איך ווייס דריי הונדערט משלים וועל איך פאר אים זאגן וועט ער שוין גוט ווערין.

האבין

ואיניש (לד) דכוותא תקום ,.ה : (יא) וישם את השפחות ואת ילדיהן ראשונה . הרא אמרה אחרון אחרון חביב . והוא עבר לפניהם . הה"ד (תהלים קג) כרחם אב על בנים . תני רבי חייא כרחמן שבאבות ואי זה הוא רחמן שבאבות ר' יהודה אמר זה אברהם אמר אברהם (בראשית יח) חלילה לך מעשות כדבר הזה . ר' לוי אמר יעקב והוא עבר לפניהם אמר (לה) טב דיגע בי ולא בהון . וישתחו ארצה שבע פעמים . למה שבע על שם (משלי כד) כי שבע יפול צדיק וקם . ר"א למה שבע א"ל הוי רואה את עצמך כאילו את נתון לפנים משבעה (לו) קינקלין ויושב ודן ואני נדון לפניך ואת מתמלא עלי רחמים . א"ר חנינא בר יצחק לא זז משתטח והולך משתטח והולך . עד שהכנים
מרה"ד

## מתנות כהונה

יעקב לבניו : (לד) דכוותא . כלומר בפני עצמו : (לו) קינקלין . חדרים ופי' כמלך היושב לפנים מכל בתיו : (לה) טב דיגע כו'. טוב הוא שיגע ויפגע בי ולא בהם :

האבין די בהמות און חיות געזאגט עס איז גוט אזוי . איז דער פוקס אביסול געגאנגען און האט זיך געשטעלט . האט מען געזאגט צו אים וואס שטייסטו . האט דער פוקס געזאגט איך האב פאר געסין הונדערט משלים . האבין די בהמות און חיות געזאגט צום פוקס צוויי הונדערט משלים וועט אויך גענוג זיין . איז דער פוקס געגאנגען נאך אביסול און האט זיך געשטעלט . האט מען געזאגט צו אים וואס שטייסטו . האט דער פוקס געזאגט איך האב פאר געסין נאך הונדערט משלים . האבין זיי געזאגט צו אים הונדערט משלים וועט אויך גענוג זיין . איז דער פוקס ווייטער געגאנגען . ווי ער איז געקומען גאנץ פון דעם לייב האט ער זיך געשטעלט און האט געזאגט איך האב פאר געסין אלע משלים . נאר יעדער פון אייך זאל אליין גיין צום לייב אים איבער בעטין . אזוי איז געוועזן ביי יעקב אבינו . רבי יהודה בר סימון זאגט יעקב האט געזאגט צו זיינע ווייבער און קינדער איך האב כח מתפלל צו זיין פון אייערטוועגין . רבי לוי זאגט יעקב האט געזאגט צו זיינע ווייבער און קינדער איך האב כח מלחמה צו האלטין פון אייערטוועגין . ווי עשו האט גידארפט קומען האט יעקב צו טיילט די מוטערס מיט זייערע קינדער . און האט געזאגט צו זיי צו יעדערין פון אייך זאל אים זיין זכות ביי שטיין ער זאל גירעטעט ווערין פון עשו'ס הענט: (יא) וישם . די דינסטען מיט זייערע קינדער האט ער געשטעלט פאר אויס . דער נאך לאה מיט אירע קינדער . דער נאך יוסף און רחל . וועלכעס עס איז ביי אים ליבער געוועזן האט ער געשטעלט גאר צום לעצט . און יעקב איז געגאנגען פריער פאר אלע . ווי דער פסוק זאגט ווי די רחמנות פון אפאטער אויף זיינע קינדער . מיר האבין געלערנט רבי חייא האט געזאגט יעקב האט גיהאט רחמנות אויף זיינע קינדער אזוי ווי דער דערבארעמדיגסטער פאטער וואס האט רחמנות גיהאט אויף זיינע קינדער . ווער איז דאס געוועזן דער דערבארעמדיגסטער פאטער . רבי יהודה זאגט דאס איז געוועזן אברהם . ער האט רחמנות גיהאט אויף סדום און האט גיבעטין ביי גאט פון זייערט וועגין און האט געזאגט צו גאט פר מיטען פון דיר צו טאהן אזוי אזאך . רבי לוי זאגט יעקב איז געוועזן דער דערבארעמדיגסטער פאטער . ווייל ער איז נגיגאנגען פאר אוים פאר אלע ווייבער און קינדער . ער האט געזאגט בעסער זאל עשו מיך הרגנן און ניט זיי . יעקב האט זיך איינגיבויגין צו דער ערד זיבען מאהל . פאר וואס זיבען מאהל . ווייל דער פסוק זאגט זיבען מאהל וועט דער צדיק פאלין און וועט אויפשטיין . נאך אפשט איז פאר וואס האט יעקב זיך איינגיבויגין זיבען מאהל . ער האט געזאגט צו עשו שטעל דיר פאר אז דו זיצט ווי אמלך אין די זיבעטע שטוב צו משפטין מענטשין און איך ווער אויך געמשפט פאר דיר און דו האסט אויף מיר רחמנות . רבי חנינא בר יצחק זאגט יעקב האט ניט אויפגיהערט פון איינצובייגין זיך . ער איז גיגאנגען אביסול נעענטער צו עשו און האט זיך איינגיבויגין פאר אים . נאך
אביסול

מדה"ר למדה"ר: (יב) וירץ עשו לקראתו וישקהו. נקיד עליו א"ר שמעון בן אלעזר בכ"מ שאתה מוצא הכתב רבה על הנקודה אתה דורש את הכתב. הנקודה רבה על הכתב אתה דורש את הנקודה. כאן לא כתב רבה על הנקודה ולא נקודה רבה על הכתב אלא מלמד שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו. א"ל ר' ינאי (לז) אם כן למה נקוד עליו. אלא מלמד שלא בא לנשקו אלא לנשכו ונעשה צוארו של יעקב אבינו של שיש וקהו שיניו של אותו רשע. ומה ת"ל ויבכו אלא זה בוכה על צוארו (לח) וזה בוכה על שיניו. ר' אבהו בש"ר יוחנן מייתי לה מן הכא (שיר ו צוארך במגדל השן וגו'. וישא עיניו א"ר בנימין בר לוי לפי ששמענו חנינה בי"א שבטים ולא שמענו בשבט בנימין. והיכן שמענו להלן (בראשית מג) ויאמר אלהים יחנך בני: (יג) ותגשן השפחות הנה וילדיהן ותשתחוין ותגש גם לאה וילדיה וגו'. ביוסף כתיב ואחר נגש יוסף ורחל וישתחוו. אלא אמר יוסף הרשע הזה עינו רמה שלא יתלה עיניו ויביט את אמי. וגבהה קומתו וכסה אותה, הוא דכתיב ביה (בראשית מט) (לט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין. בן פורת רבית עלי עין. בן פורת רביית

יוסף

## מתנות כהונה

(לז) אם כן למה נקוד עליו. אלא לומר לקרוא ויסכו: (לט) בן פורת יוסף וגו'. בן פרות רביית יוסף בן פורת
(לח) וזה בוכה על פיו. ששיניו נעשו כשעוה: עלי עין בן פורת רביית יוסף עלי עין ר' ברכיה וגו'

---

אביסור גינאנגען נעבעטער און איין גיבויגין. און אזוי האט ער גיטאהן זיבען מאהל ביז ער איז גיקומען נאנט פון עשו. ביז עס איז גיווארין פון דין רחמנות: (יב) וירץ. עשו איז גילאפין געגין יעקב וישקהו און האט אים גיקושט. אויף דעםווארט וישקהו שטייט פינטעלאך. רבי שמעון בן אלעזר זאגט אלע ווערטער וואס זענען געפינטולט. נאר ניט דער גאנצער ווארט. אויב די אותיות וואס זענען אן פינטלאך זענען מער ווי די אותיות וואס מיט פינטלאך. דרשת מען די אותיות וואס אן פינטלאך. און אויב די אותיות וואס זענען מיט פינטלאך זענען מער ווי די אותיות וואס אן פינטלאך. דרשת מען די אותיות וואס מיט פינטלאך. דא איז דער גאנצער ווארט וישקהו געפינטולט. דאס לערנט און אז די רחמנות פון עשו איז דער וועקט און דער היצט גיווארין אויף יעקב און ער האט אים געקושט מיט דעם גאנצין הארץ. רבי ינאי זאגט אז וישקהו וואלט גישטאנען אן פינטעלאך וואלטין מיר אויך טייטשין ער האט אים גיקושט מיט דעם גאנצין הארץ. צו וואס זענען די פינטעלאך לערנען און אז פארקערט איז גיווען עשו האט ניט גיוואלט קושען יעקב נאר ער האט אים גיוואלט בייסין. נאר די האלדז פון יעקב איז גיווארין הארט אזוי ווי אמארמער שטיין האט עשו קאליע גימאכט די ציין. אז ער האט גיזעהן ער קען אים ניט בייסין האט ער אים שוין געקושט אבער ניט מיט דעם גאנצין הארץ. פרעגט דער מדרש אז עשו האט ניט גיקושט יעקב מיט דעם גאנצין הארץ וואס דען האבין זיי געווינט. נאר יעקב האט געווינט די האלדז האט אים וויי גיטאהן פון דעם ביס. און עשו האט געווינט. וואס די ציין האבין אים וויי געטאהן פון דעם ביס. רבי אבהו האט גיזאגט פון רבי יוחנן ס וועגין דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק שלמה המלך האט גיזאגט אויף יעקב דיין האלדז איז גיווארין אזוי ווי אמארעם פון עלפאנד ביין. עשו האט אויפגיהויבין זיינע אויגין און האט אקוק גיטאהן אויף די ווייבער און די קינדער פון יעקב. האט ער גיפרעגט ביי יעקב. ווער זענען די מענטשין. האט יעקב גיזאגט די פיר זענען מיינע ווייבער און דאס זענען די קינדער אשר חנן אלהים את עבדך. וואס זיי האבין גיפונען חן ביי גאט און ער האט זיי מיר גיגעבין. רבי בנימין בר לוי זאגט אויף די עלף קינדער האט יעקב גיזאגט אז זיי האבין גיפונען חן ביי גאט. אבער אויף בנימין געפינען מיר ניט אז ער האט אויך גיהאט חן. ווארום בנימין איז נאך דאמאלס ניט גיוועון גיבארין. ווא געפינען מיר אויף בנימין חן. נאר יוסף האט גיזאגט צו בנימין אלהים יחנך בני. מיין זוהן גאט זאל דיר געבין חן: (יג) ותגשן. די דינסטען בלהה און

זלפה

יוסף. בן פורת עלי עין (מ) בן פורת רביית יוסף ר' ברכיה בשם ר"ס אמר עלי (מא) לפרוע לך מן אותה העין: (יד) ויאמר מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי וגו'. כל אותה הלילה נעשו מה"ש כתות כתות וחבורות חבורות והיו פוגעין באילין דעשו והוון אמרין להון מן דמאן אתון. והן אומרין מן דעשו. והן אומרין (מב) הכו הכו יהבון להון. מן דבר בריה דאברהם. והן אומרין (מג) יהבון להון. מן דבריה דיצחק יהן אומרין יהבון להון. (מד) כיון דהוו אמרי מן דאחוי דיעקב אנן. הוון אמרין שבקון יהון מן דידן אינון. בצפרא א"ל מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי וגו'. א"ל אמרין לך כלום. א"ל (מה) מיכתת אנא נביהון. ויאמר למצא חן וגו'. ויאמר עשו יש לי רב מכות אחי יהי לך וגו'. ד"א ויאמר עשו יש לי רב וגו'. א"ר אייבו לפי שהיו הברכות (מו) מפוקפקות בידו והיכן (מז) נתאוששו לו כאן מן רא"ל אחי יהי לך אשר לך:

## מתנות כהונה

זהו בן פורת כמו פרות ככהיכא: (מ) בן פרוה כו'. פבין כפרות נתגדל יוסף ע"י חלומו של פרעה והה"כ דרש בן פורת כקריאתו לשון פריה ורביה שנתגדל ונתרבב על עינו של עשו: (מא) לפרוע לך. שברכו מדה כנגד מדה שלא ישלוט בו עין הרע והוא עולה ושולט על העין ולא העין עליו. כ"ג: (מב) הכו הכו יהבון לכון כו'. פי' היו נותנים להם מכות: (מג) יהבון כו'. תנו להם מכות: (מד) כיון דהוו כו'. שהיו אומרים משל אחיו של יעקב אנחנו היו מלאכי הברה אומרים הניחו להם משלנו הם: (מה) מיכתת כו'. מוכה אני אלא ש: (מו) מפוקפקות. שעדיין לא הודה עליהם עשו בנפש חפצה: (מז) נתאוששו. נתחזקו על קומן: (מח) מאליס

זלפה מיט זייערע קינדער האבין גיגענט צו עשו אונ האבין זיך איינגיבויגין פאר אים. דער נאך האט גיגענט לאה מיט אירע קינדער צו עשו אונ האבין זיך איינגעבויגין פאר אים. דער נאך האט גיגענט יוסף מיט זיין מוטער רחל צו עשו אונ האבין זיך איינגיבויגין פאר אים. פאר וואס פריער יוסף אונ אינטער אים רחל. נאר יוסף האט גיזאגט דער רשע עשו האט גרויסע אויגין טאמער וועט ער אקוק טאהן אויף מיין מוטער אונ זיא וועט אים גיפעלין. דריבער האט ער זיך גישטעלט פריער פאר די מוטער. האט גאט אויף גיהויבין דעם פנים פון יוסף העכער פון רחל אונ ער האט איר בדעקט. דאס האט יעקב גיזאגט אויף יוסף בן פורת יוסף בן פורת עלי עין. בן פורת יוסף מיינט מען אזוהן פון גרויסקייט איז יוסף ער איז גיווארין אמלך. בן פורת יוסף אזוהן פון גרויסקייט איז יוסף ער איז גיווארין אמלך פון וואנען האט ער זוכה גיוועזן צו די גרויסקייט. עלי עין. פון וועגין די אויג. ווייל ער האט פארשטעלט די אויג פון עשו זיא זאל ניט קוקען אויף זיין מוטער רחל. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי סימון ם וועגין עלי מיינט מען גאט האט גיזאגט צו יוסף אויף מיר איז די שולדיגקייט איך זאל דיר געבין שכר ווייל דו האסט פאר שטעלט די אויג פון עשו זיא זאל ניט קוקען אויף רחל (דער שכר איז גיוועזן אז אויף די קינדער פון יוסף האט ניט גיוועלטיגט קיין אויג (קיין עין הרע) זיי שלעכטס צו טאהן): (יד) ויאמר. עשו האט גיזאגט צו יעקב ווער איז די גאנצע מחנה וואס איך האב בגעגינט. די גאנצע נאכט זענען אראפ גיקומען מלאכים פון הימעל אונ האבין זיך גיטיילט קאמפאניעס ווייז אונ האבין בגעגינט די מענטשין פון עשו. אונ די מלאכים האבין גיפרעגט ביי די מענטשין וועמ'ס זענט איר. האבין זיי גיזאגט מיר זענען פון עשו. האבין די מלאכים גיזאגט איינער צום אנדערין שלאגט מען זיי גישלאגין. האבין די מענטשין גיזאגט מיר זענען פון אברהם ס אייניקיל. האבין די מלאכים ווייטער גישלאגין. האבין די מענטשין גיזאגט מיר זענען פון יצחק ס זוהן. האבין זיי ווייטער גישלאגין. ווי די מענטשין האבין גיזאגט מיר זענען פון יעקב ס ברודער. האבין די מלאכים גיזאגט לאזט זיי אפ. זיי זענען פון אונזערע. אין דער פריה האט עשו גיפרעגט ביי יעקב וועט איז גיוועזן די מענטשין וואס איך האב בגעגינט ביי נאכט. האט יעקב גיפרעגט ביי עשו די מענטשין האבין דיר עפעס גיזאגט. האט עשו גיענפערט איך בין גישלאגין גיווארין פון זיי. האט יעקב גיזאגט צו עשו איך וויל געפינען

לך. א"ר אלעזר אין קיום הגט אלא בחותמיו. שלא האמר שאילולא שריכה יעקב אבינו את אביו לא נטל הברכות. ת"ל אחי יהי לך אשר לך: (טו) ויאמר יעקב אל נא אם נא מצאתי חן בעיניך ולקחת מנחתי מידי כי על כן וגו' כראות פני אלהים: מה פני אלהים דין אף פניך דין. מה פני אלהים ולא יראו פני ריקם אף את ולא יראו פניך ריקם. קח נא את ברכתי אשר הובאת לך. א"ל כמה יגיעות יגעתי עד שתבא לידי אבל אתה (כח) מאליה היא באה אצלך. אשר הבאתי אכ"ב אלא אשר הובאת מאליה באה לידך. ויפצר בו ויקח. (כט) מיתחמי הזר וידיה פשוטה. ר' יהודה ב"ר סימון אמר (תהלים סח) מתרפס ברצי כסף (ל) מתיר את (לה) הפס ומתרצה בכסף. ר"ל סליק למשאל בשלמיה דרבינו. א"ל צלי עלי דהדא מלכותא בישא סגין. א"ל לא תסב מן בר אנש כלום וליה את יהיב כלום. מן דיתיב גביה אתא הדא איתתא טעינא ליה חדא דיסקרין והדא סכין בגווה קם נסב סכינא והדר לה (לב) דיסקרא. אתא זר (לג) בלדר מן מלכותא והמא יתה והמדה ונסבה. (לד) בפתי רמשא סליק ר"ל

## מתנות כהונה

כו. וכלירוף. פיגיעה שכגיעתי כס כרי כיה מתנה תבוכס כפיסטין סיד לכתרלות בככף: (לה) כפס. פיסת יהו: זהל הקטן זאת בעיניך: (כט) מתחמי כו'. סיס נרחס (לב) דיסקרין. קערה: (לג) בלדר. מובל מתגר כמלך: כמו שמינו רוגס לקבל וידיו פשוטות לקבל: (ל) מתיר (לד) בפתי כו'. לפנות כערב הזר ר"ל וסלך לבשוי כו. מתיר קברי אלגעותיו. ופושט ידו לסהרלות בככף.

חן אין דיינע אויגין. האט עשו גיזאגט צו יעקב איך האב שוין פיל מכות. מיין ברודער האלט דיר דיינע מענטשין. נאך אפשט איז עשו האט גיזאגט צו יעקב איך האב שוין פיל. מיין ברודער וואס דו האסט זאל גיהערין צו דיר. רבי אייבו זאגט ווייל די ברכות זענען גיווען ביי יעקב שוואך. ווא זענען זיי גישטארקט גיווארין. איצט אז עשו האט גיזאגט צו יעקב מיין ברודער וואס דו האסט זאל גיהערין צו דיר. רבי אלעזר זאגט אגט (אדער איין אנדער זאך וואס איינער שרייבט צום אנדערין) האט דאס ניט קיין ווערט ביז מען חתמת (מען שרייבט אויף דעם נאמען). דו זאלסט ניט זאגין ווען יעקב וואלט ניט גינארט זיין פאטער וואלט ער ניט גיווען גיבענטשט. זאגט די תורה עשו האט גיזאגט צו יעקב מיין ברודער האלט דיר וואס צו דיר גיהער: (טו) ויאמר. יעקב האט גיזאגט צו עשו איך בעט דיך אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין זאלסטו נעמען מיין מתנה פון מיין האנט ווייל איך האב גיזעהן דיין פנים איז ער ביי מיר אזוי טייער אזוי ווי איך וואלט גיזעהן פני אלהים. אזוי ווי דער פנים פון גאט איז משפט דיין פנים איז אויך משפט. אזוי ווי אז מען קומט זעהן דעם פנים פון גאט טאר מען ניט גיזעהן ווערין ליידיג (אז מען קומט אין בית המקדש מוז מען ברייגען קרבנות) אזוי דיין פנים וויל איך אויך ניט זעהן ליידיג. נאר זאלסט נעמען די מתנה וואס צו דיר איז געברייננגט גיווארין. יעקב האט גיזאגט צו עשו ווי פיל האב איך מיך געמאטערט ביז איך האב די בהמות פארדינט. און צו דיר קומען די בהמות גאר גרינג. עס שטייט ניט אשר הבאתי. וואס איך האב צו דיר געברייננגט. נאר עס שטייט אשר הובאת. עס איז צו דיר געברייננגט גיווארין. פון זיך אליין גאר אן מאטערנעש קומען די אלע בהמות צו דיר. יעקב האט שטארק גיבעטין ביי עשו ער זאל נעמען די מתנה. האט ער זיא גינומען. עס האט אויס גיזעהן אז ער וויל ניט נעמען די מתנה. און האט אויס גיצויגין די האנט צו נעמען. רבי יהודה ברבי סימון זאגט עס שטייט אין פסוק ביי עשו מתרפס ברצי כסף ער עפינט אויף די האנט און ער ווערט באוויליגט אז מען גיט אים געלט. ריש לקיש איז גיקומען צו רבי פרעגין וואס ער מאכט. האט ריש לקיש גיזאגט צו רבי בעט פון מיינעט וועגין ווארום די מלוכה איז אשלעכטע און מען איז מיך מצער. האט רבי גיזאגט צו ריש לקיש זאלסט גאר ניט נעמען פון קיין מענטש קיין מתנה. וועסטו ניט דארפין געבין צום מלכות. ווי ריש לקיש

למישאל בשלמיה דרבינו וחמא יתיה שחיק, א"ל למה את שחיק. א"ל ההיא סבינא (לה) דחמיתא יתה. אתא חד בלדר מן מלכותא חמא יתה וחמדה ונסבה. א"ל לא כן אמרית לך לא תיסב מן בר נש כלום ולית את יהיב כלום: (טז) חד (לו) עמא דארעא א"ל לר' הושעיא אין אמרית לך חדא (לז) מילתא טבא את אמרת בציבורא מן שמי. א"ל מה היא. א"ל כל אותן הדורונות שנתן יעקב אבינו לעשו עתידין עכו"ם להחזירן למלך המשיח לע"ל. מ"ט (תהלים עב) מלכי תרשיש ואיים מנחה ישיבו. יביאו אכ"ב אלא ישיבו. א"ל חייך מלה טבא אמרת ומן שמך אנא אומר לה: (יז) ויאמר אליו אדוני יודע כי הילדים רכים וגו'. (לח) זה משה ואהרן. והצאן והבקר עלות עלי אלו ישראל שנאמר (יחזקאל לד) ואתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם. ר' הונא בש"ר אחא אמר אילולא רחמיו של הקב"ה ודפקום יום אחד כבר מתו כל הצאן בימי אדריינוס. ר' ברכיה בשם ר' לוי אמר אדוני יודע כי הילדים רכים זה (לט) דוד ושלמה. והצאן
הבקר

## מתנות כהונה

בשלומו של רבינו וראה אותו שוחק: (לה) דחמיתא אמרת כו'. את אמרת אותו משמי בגבורה: (לח) זה כו'. שראית אותו אגבי סוס: (לו) עמא דארעא משה ואהרן. מצינו במשה ותרגמו את סילד וממנו נלמד גרסי'. פי' עם הארץ: כ"ג (לז) מלתא טבא את לאהרן יגיד עליו ריעו: (לט) דוד ושלמה. גבי שלמה

איז אזוי געזעסין געבין רבי איז גיקומען אאשה אונ האט גיברענגט צו רבי אשיסול אונ אין שיסול איז גילעגין אמעסער. האט רבי צו גינומען דעם מעסר אונ האט איר צוריק גיגעבין די שיסול. איז גיקומען אעלצטער פון מלך צו רבי אונ האט גיזעהן דעם מעסער איז ער אים גיפעלין אונ האט אים צו גינומען. פארין נאכט איז נאך אמאהל גיקומען ריש לקיש צו רבי פרעגין וואס ער מאכט. האט ריש לקיש גיזעהן ווי רבי לאכט. האט ריש לקיש גיפרעגט ביי רבי וואס ער לאכט. האט רבי גיזאגט צו ריש לקיש דעם מעסער וואס דו האסט גיזעהן. איז גיקומען צו מיר אעלצטער פון מלך אונ האט גיזעהן דעם מעסער איז ער אים גיפעלין אונ האט אים צו גינומען. האט רבי גיזאגט האב איך דען דיר ניט גיזאגט דו זאלסט ביי קיין מענטשין גאר ניט געמען וועסטו ניט דארפין געבין: (טז) חד. אעם הארץ האט אמאהל גיזאגט צו רבי הושיעא אז איך וועל דיר זאגין אגוטע זאך וועסטו דאס זאגין אין בית המדרש פון מיינעט וועגין. האט רבי הושיעא גיזאגט צום עם הארץ וואס איז די גוטע זאך. האט דער עם הארץ גיזאגט. די אלע מתנות וואס יעקב האט געגעבין צו עשו ווען משיח וועט קומען וועלין דאס די גוים אוועק געבין צוא אים. ווי דער פסוק זאגט די מלכים פון תרשיש אונ פון אנדערע אינזלען וועלין צו אים צוריק געבין אמתנה. עס שטייט ניט זיי וועלין געבין צו אים אמתנה. נאר עס שטייט זיי וועלין צוריק געבין. זיי וועלין צוריק געבין אלע מתנות וואס עשו האט גינומען פון יעקב. האט רבי הושיעא גיזאגט צום עם הארץ איך שווער ביי דיין לעבין דו האסט גיזאגט אגוטע זאך אונ איך וועל דאס זאגין פון דיין נאמען אין בית המדרש: (יז) ויאמר. יעקב האט געזאגט צו עשו מיין הערר ווייס אז די קינדער זענען יונג דאס מיינט מען משה אונ אהרן. די שעפסין אונ די רינדער זענען אויך יונג דאס מיינט מען דיא יודין. זיי ווערין גירופין שעפסין. ווי דער פסוק זאגט איר זענט מיינע שעפסין די שעפסין פון מיין פיטערונג איר זענט מענטשין. רבי הונא האט גיזאגט רבי אחא זאגט ווען ניט די רחמנות פון גאט מען וואלט זיי צו גיקלאפט איין טאג וואלטין די אלע שעפסין ניפיינגערט. וואלטין אלע יודין גישטארבין אין דיא צייט פון אדריינוס קיסר. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי לוים וועגין אזוי האט יעקב גיזאגט מיין הערר ווייס אז די קינדער זענען יונג דאס מיינט מען דויד אונ שלמה. די שעפסין אונ די רינדער זענען יונג דאס מיינט מען די יודין זיי ווערין גירופין שעפסין. רבי הונא האט גיזאגט פון רבי אחאס וועגין ווען ניט די רחמנות פון גאט וואלטין שוין ניפיינגערט די אלע שעפסין. אלע יודין. אין די צייט פון המן. יעקב
האט

והבקר עלות עלי אלו ישראל שנא' ואתן צאני וגו'. ר' הונא בש"ר אהא אמר אילולא רחמיו של הקב"ה כבר כלו הצאן בימי המן. יעבור נא אדוני לפני עבדו. א"ל מבקש את שנהא שותף עמך בעולמך. א"ל יעבור נא אדוני לפני עבדו. א"ל ואין אתה מתיירא מדוכסי ומן אפרכוי ומן אסטרטילי (אסטרלטי). א"ל ואני אתנהלה לאטי להוני (מ) להוני אני מהלך כמה דתימא (ישעיה ח) את מי השילוח ההולכים לאט. ד"א בפנים כרוכות אני מהלך כמה דתימא (ש"א כה) הנה היא לוטה בשמלה: (יח) (מא) עד אשר אבא אל אדוני שעירה. א"ר אבהו חזרנו על כל המקרא ולא מצאנו שהלך יעקב אבינו אצל עשו להר שעיר מימיו. אפשר יעקב אמתי היה ומרמה בו. אלא אימתי הוא בא אצלו לע"ל. הה"ד (עובדיה א) ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו וגו'. ויאמר לו עשו אציגה נא עמך וגו'. בקש ללוותו ולא קבל עליו. רבינו כד הוה סליק למלכותא הוה מסתכל בהדא פרשתא (מ) ולא היה נסיב ארמאה עמיה רד זמן לא אסתכל בה ונסב עמיה רומאין ולא הגיע לעכו (מא) עד שמכר הסוס שלו: (יט) וישב ביום ההוא עשו לדרכו שעירה. וד' מאות איש שהיו עמו היכן

## מתנות כהונה

פתיב טוב ילד מסכן וגבי דוד ממי כתיב בן מי זה הוה נסיב כו'. לא היה לוקח ארמאי עמו ללוות מבית כעלם פירש"י: (מ) להוני. פירש"י וכערון כנחת: (מ) ולא כמנן: (מא) עד שמכר כו'. פירש"י לשחון בדמים ועי'

האט גיזאגט צו עשו מיין הערר זאל גיין פאר אוים פאר זיין קנעכט. ער האט גיזאגט צו עשו דו ווילסט מיר זאלין זיין ביידע שותפים צו עולם הזה אונ צו עולם הבא. דאס וויל איך ניט. זאל מיין הערר גיין פאר אוים פאר זיין קנעכט. נעם דו עולם הזה. אונ איך וועל נעמען עולם הבא. האט עשו גיזאגט צו יעקב האסטו ניט מורא פאר מיינע שרים. האט יעקב גיזאגט ואני אתנהלה לאטי. איך וועל גיין פאמעלאך. איך וועל מיך היטען איך זאל זיי ניט דער צערענע. להוני אני מהלך. אונ איך וועל לעבין נאך מיין פארמעגין. ווי גאט וועט מיר געבין. וועלין זיי מיך ניט מקנא זיין. פון וואגען ווייסין מיר אז לאטי איז דער טייטש פאמעלאך. ווי דער פסוק זאגט די וואסער פון טייך שילוח ההולכים לאט. וואס גייען פאמעלאך. נאך אזאך האט יעקב גיזאגט צו עשו איך וועל גיין פארוויקולט דעם פנים. איך וועל מיך אלע מאהל בעהאלטין פאר דיינע שרים. ביז זייער בעם וועט אוועק גיין. לאטי איז דער טייטש פארוויקולט. ווי דער פסוק זאגט הנה היא לוטה בשמלה. אחימלך האט גיזאגט צו דוד די שווערד פון גלית איז איין געוויקולט אין אקלייד: (יח) עד. יעקב הט גיזאגט צו עשו איך וועל גיין פאמעלאך ביז איך וועל קומען צו מיין הערר אין שעיר. רבי אבהו האט גיזאגט מיר האבין גיזוכט אין גאנץ תורה נביאים אונ כתובים אונ מיר האבין גיט געפונען עס זאל שטיין אז יעקב איז גיווען ביי עשו אין שעיר. יעקב איז גיווען אאמתר מענטש זאל ער גינארין עשו. ער זאל זאגין ער וועט קומען צו אים אין שעיר אונ איז ניט גיקומען. נאר אויף ווען הט אים יעקב צו גיזאגט צו קומען צו אים אין שעיר ווען משיח וועט קומען. ווי דר פסוק זאגט די העלפרם (די ביידע משיחים משיח בן יוסף אונ משיח בן דוד) וועלין קומען צום בארג ציון (דר נאך וועלין זיי גיין צום בארג פון עשו (אין שעיר) צו משפטין די קינדער פון עשו. עשו האט גיזאגט צו יעקב איך וועל אפשטעלין ביי דיר פון מיינע מענטשין זיי זאלין דיך בעלייטין אין וועג. האט יעקב ניט געוואלט. ווען רבי האט גידארפט גיין צום מלך. אונ אגוי האט אים גיוואלט בעלייטין אין וועג. האט זיך רבי דער מאנט אין די פרשה אז יעקב האט ניט געוואלט די מענטשין פון עשו זאלין אים בעלייטין. האט ער ניט גינומען קיין גוי מיט זיך. אמאהל האט רבי פאר געסין אן די פרשה אונ האט מיט גינומען גוים. זיי זאלין אים בעלייטין אין וועג. איידער רבי איז נאך גיקומען ביז עכו האט ער גימוזט פאר קויפין זיין פערד. ער זאל האבין זיי צו געבין שוחד: (יט) וישב. אין דעמזעלביגען טאג איז עשו גיגאנגען צו זיין וועג אין זיין לאנד שעיר. פרעגט דער מדרש אונ די פיר הונדערט מענטשין וואס זענען

היכן הם . נשמטו כל או"א והלך לדרכו אמרו שלא נכוה בגחלתו של יעקב . איםתי פרע להם הקב"ה להלן (ש"א ל) ולא נמלט מהם איש כי אם ד' מאות איש נער אשר רכבו על הגמלים וינוסו : (כ) ויעקב נסע סכתה . כמה שנים עשה יעקב אבינו בסוכות . ר' אבא אמר י"ח חודש ; סוכות ובית וסוכות . ובבית אל ו' חדשים . ר' ברכיה בש"ר לוי אמר כל אותן חדשים שעשה בבית אל היה מכבד את עשו באותו דורון . ר' אבין בשם ר' חוניא אמר ט' שנים היה מכבד את עשו באותו דורון . ר' פנחס בשם ר' אבא כל אותן השנים שעשה יעקב אבינו בבית אל לא נמנע מלנסך נסכים . א"ר חנין כל מי שהוא יודע כמה נסוכים נסך יעקב אבינו בבית אל יודע לחשב את (מג) מי טבריא :

## פרשה עט

(א) ויבא יעקב שלם . (איוב ה) בשש צרות יצילך ובשבע לא יגע בך רע . (א) אין שית אינון אנא קאים בהון . ואין שבע אינון אנא קאים בהין (שם) ברעב פדך ממות . כי זה שנתים הרעב בקרב הארץ . (שם) ובמלחמה מידי חרב . יש לאל ידי לעשות עמכם רע . (שם) בשוט לשון תחבא . א"ר אהא

## מתנות כהונה

ורמב"ן : (מג) מי טבריא . כלומר כמם שא"א אפשר לשער מי טבריא כך א"א לידע מספר נסכיו : (א) אין

גיוען מיט עשו ווא זענען זיי גיוען . זיי זענען איינציגוויז געגאנגען יעדער צו זיין היים . זיי האבין מורא גיהאט זיי זאלין ניט גישטראפט ווערין פון גאט דורך יעקב . ווען האט זיי גאט ראס בצאהלט . שפעטער . ווען דוד המלך האט נאך געיאגט די עמלקים . אונ ער האט זיי גישלאגין זענען פיר הונדערט יונגע מענטשין וואס האבין געריטען אויף קעמלען אנטלאפין אונ זענען געבליבען לעבין . אין דעם זכות פון זייערע עלטערין וואס זענען אויך גיוען פיר הונדערט מענטשין אונ האבין ניט גיוואלט שלעכטם טאהן צו יעקב : (כ) ויעקב . יעקב האט גיצויגין צו די שטאט סוכות . ווי לאנג איז יעקב גיוועזן אין סוכות . רבי אבא זאגט אכטצעהן חדשים . אזומער וואס ער האט גימאכט סוכות (ביידלאך) . אונ אווינטער וואס ער האט געבאהט שטובין אונ נאך אמאהל אזומער וואס ער האט געמאכט נאך אמאהל ביידלאך . אונ אין בית אל איז ער גיוועזן זעקס חדשים . רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין די זעקס חדשים וואס יעקב איז גיוועזן אין בית אל . האט ער געשיקט מתנות צו עשו . ווייל ער האט נאך מורא גיהאט פאר אים . רבי אבין האט גיזאגט פון רבי נחוניא'ס וועגין ניין יאהר האט יעקב געשיקט צו עשו מתנות . ווייל ער האט נאך מורא גיהאט פאר אים . רבי פנחס האט גיזאגט פון רבי אבא'ס וועגין די אלע יאהרין וואס יעקב איז גיוועזן אין בית אל האט ער אלע מאהל גיגאסין ווין אויף דעם שטיין פון גאט'ס וועגין . רבי חנין זאגט דער וואס ווייס ווי פיל ווין יעקב האט גיגאסין אויף דעם שטיין אין בית אל . וועט ער וויסען צו ברעכענען ווי פיל וואסער עס איז דא אין דעם טייך פון טבריה . מען מיינט אזוי ווי מען ווייס ניט ווי פיל וואסער איז דא אין טייך פון טבריה . אזוי ווייס מען ניט צו ברעכענען ווי פיל ווין יעקב האט גיגאסין אויף דעם שטיין אין בית אל :

פרשה עט (א) ויבא יעקב איז גיקומען גאנץ . איוב האט גיזאגט אז עס וועט אויף דיר קומען זעקס צרות . וועט דיך גאט רעטין פון זיי . אונ די זיבעטע צרה וועט דיך ניט אנרירען שלעכטס צו טאהן . יעקב האט גיזאגט אויב עס דארף אויף מיר קומען זעקס צרות וועל איך קענען בשטיין ביי זיי אונ אויב עס איז דא פאר מיר זיבען צרות וועל איך אויך קענען בשטיין . וואס זענען די צרות . אז עס וועט זיין אהונגער וועט דיך גאט אויסלייזין דו זאלסט ניט שטארבין . ווי יוסף האט גיזאגט צו יעקב נאך צוויי יאהר וועט זיין הונגער אין לאנד אונ גאט האט מיך אהער געשיקט איך וועל דיך שפייזין . ווען עס וועט זיין אמלחמה וועט דיך גאט רעטין פון שווערד . ווי לבן האט

גיזאגט

אחא קשת לשי הרע שמי שבראו עשה לו מקום שיטמן בתוכו. (שם) ולא תירא משד כי יבא. זה עשו ואלופיו. (שם) לשד ולכפן השחק. זה לבן שבא כפין על סמונו לשודדו. (שם) כי עם אבני השדה בריתך וגו'. ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו. (שם) וידעת כי שלום אהלך. (ג) מעשה ראובן ובלהה (ד) מעשה יהודה ותמר. (שם) ופקדת נוך ולא תחטא. יעקב אבינו בן פ"ד שנה היה (ה) ולא ראה טפת קרי מימיו. (שם) וידעת כי רב זרעך וצאצאיך כעשב השדה. א"ר יודן לא נפטר יעקב אבינו מן העולם עד שראה (ו) ששים רבוא מבני בניו. (שם) תבא בכלה אלי קבר כעלות גדיש בעתו. ר' יצחק ורבנן. ר"י אמר (ו) תבא לח אלי קבר. ורבנן אמרי תבא (ז) בכולא אלי קבר מלא שאינו חסר כלום. שנאמר ויבא יעקב שלם: (ב) ויבא יעקב שלם. (תהלים קכ"ט) שיר המעלות רבת צררוני מנעורי יאמר נא ישראל. א"ל הקב"ה (ח) ויכלו לך. א"ל גם לא יכלו לי ויבא יעקב שלם. (שם לד) רבות רעות צדיק וגו'

## מתנות כהונה

(ב) כי. שם שם שמה אני אוכל לעמוד נגדם: אוני: (ו) ששים ריבוא. שנא' כי רב ונאמר וירם (ג) מעשה ראובן. שלא היה בו ממשות של עון: ויעצמו וכתם ששים רבוא היו: (ו) תבא לח בכלה. (ד) מעשה יהודה ותמר. למלוה ולפליטה גדולה היתה: דרש נוטריקון תבא בן ליחות: (ז) בכולא. קרי ביה בכ"ח (ה) לא ראה טפת קרי. שאמר ראובן אתה ראשית בחלוף כח' בא"ף וכמשפט אותיות אהח"ע: (ח) ויכלו

גיזאגט צו יעקב איך קען אייך מאכן שלעכטס נאר גאט האט צו מיר גיזאגט געבטין איך זאל דיר קיין שלעכטס מאכן. ווען עס וועט שוועבין דער צונג צו ריידין אויף דיר שלעכטס וועסטו זיין בעהאלטין. רבי אחא זאגט ווי שלעכט איז די עבירה פון ריידין לשון הרע. גאט וואס ער האט בשאפין די צונג האט ער גימאכט אארט (די מויל) דער צונג זאל איניווייניג זיין בעהאלטין. אונ דו וועסט ניט מורא האבין מאטער וועט מען דיך קומען רויבין. דו וועסט ניט מורא האבין פאר עשו מיט זיינע פירשטען. זיי וועלין דיר גאר ניקס מאכין. פאר רויב אונ פאר הונגער וועסטו לאכין. דאס מיינט מען לבן. ער איז גיקומען צו יעקב הונגעריג צו זיין געלט מאטער האט ער וועט ער זיי ביי אים אוועק גענומען. דיין פארבינדונג וועט זיין מיט די שטיינער פון פעלד. ווי דער פסוק זאגט ער האט גינומען די שטיינער פון דעם ארט אונ האט זיי געלייגט אונטער זיין קאפ. דו וועסט וויסען אז אין דיין גיצעלט וועט זיין פרידען. דאס איז די מעשה פון ראובן מיט בלהה. עס איז ניט גיוועזן קיין עבירה. אונ די מעשה פון יהודה מיט תמר איז אויך ניט גיוועזן קיין עבירה. דו וועסט געדיינקען דיין וואהנונג אונ וועסט ניט זינדיגען. וואָרום יעקב איז אלט גיוועזן פיר אונ אכציג יאהר אונ האט קיין מאהל ניט גיזעהן קיין טראפין זרע. דו וועסט וויסען אז דיינע קינדער זענען פיל אונ דיינע קינדער וועלין זיין ווי די גראז פון פעלד. רבי יודן זאגט יעקב אבינו איז ניט אוועק גיגאנגען פון דער וועלט ביז ער האט גיזעהן זעקס מאהל הונדערט טויזענד אייניקלאך. דו וועסט קומען בכלח צום קבר אזוי ווי מען נעמט אראפ תבואה פון פעלד אבין צו לייגין אין שייער אין דער צייט רבי יצחק אונ די רבנן קריגען. רבי יצחק זאגט בכלח איז דער טייטש מיט פייכטקייט. דו וועסט קומען צום קבר מיט דיינע גאנצע פייכטקייט דו וועסט ניט האבין קיין יסורים. די רבנן זאגין זאלסט ניט לייענען בכלח נאר בכלא. (אח' מיט אה' ווערט פאר טאהשט אין לשון קדש). דו וועסט קומען אין קבר אין גאנצין עס וועט דיר קיין גליד ניט פעלין. ווי דער פסוק זאגט יעקב איז גיקומען גאנץ. ער איז גיהיילט גיווארין אויף זיין זייט: (ב) ויבא. יעקב איז גיקומען גאנץ. גיהיילט אויף זיין זייט. דוד המלך האט גיזאגט דעם שיר המעלות אויף יעקב אבינו. ישראל (דאס איז יעקב) האט גיזאגט פיל צרות האב איך גיהאט פון מיין יוגענד. האט גאט גיזאגט צו יעקב האבין דיינע פיינד דיר גיקענט שלעכטס טאהן. האט יעקב גיזאגט ניין. זיי האבין זייער שלעכטס ניט אויסגעפירט. נאר יעקב איז גיקומען גאנץ (מיט געזונד אונ מיט זיין פארמעגין). דוד המלך האט גיזאגט פיל שלעכטס קומט

אויף

וגו'. רבות רעות זה עשו ואלופיו. צדיק זה יעקב. ומכולם יצילנו ה' ויבא יעקב שלם׃ (שם קכא) ה' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם. ישמור צאתך ויצא יעקב. ובואך ויבא יעקב שלם: (ג) ר' חייא בר אבא פתח (איוב ח) אם זך וישר אתה וגו' ושלם נות צדקך. אם זך וישר אתה היית אכ"כ אלא אתה. הא לשעבר (ט) לא היה צדיק. כי עתה יעיר עליך עתיד הקב"ה להתעורר עליך ולשלם לך כל צדקות שעשית. ולפי שכתוב (בראשית כה) ויעקב איש תם יושב אהלים לפיכך ויבא יעקב שלם. ר' ברכיה פתח (איוב כב) ותגזר אומר ויקם לך ועל דרכיך נגה אור. ותגזר אומר ויקם לך זה יעקב. ועל דרכיך נגה אור על (י) שני דרכיך נגה אור. לפי שכתוב (בראשית כח) אם יהיה אלהים עמדי וגו' (שם) והנה אנכי עמך ושמרתיך ושבתי בשלום אל בית אבי וכתיב ויבא יעקב שלם: (ד) ויבא יעקב שלם. כתיב (תהלים קכו) הזרעים בדמעה ברנה יקצרו. הזרעים בדמעה זה יעקב אבינו שזרע את הברכות בדמעה (בראשית כז) אולי ימושני אבי. ברנה יקצרו (שם) ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ. הלוך ילך ובכה (בראשית כט) וישא את קולו ויבך. נשא משך הזרע (יא) שנמשך למקום שעתיד

## מתנות כהונה

לך דרך כשלוה ותמיה: (ט) לא היה לדיק. איוב אבל משמע ושני הדרכים שם אחד בלכתו ואחד בשובו׃ יעקב איש תם מנעוריו: (י) שני דרכיך. דרכיך תרתי (יא) שנאמר. ע"י קבלת הברכות כברחו מפני עשו׃

---

אויף דעם צדיק. די פיל שלעכטס האבין גיטאהן עשו מיט זיינע קינדער. צו וועמען האבין זיי גיטאהן די שלעכטס. צום צדיק צו יעקב. אונ פון זיי אלע האט אים גאט גירעטעט. אונ יעקב איז גיקומען אהיים גאנץ. גאט וועט היטען דיין ארויס גיין אונ דיין קומען פון איצט ביז אייביג. ער וועט היטען דיין ארויס גיין דאס מיינט מען ווען יעקב איז ארויס גיגאנגען פון באר שבע האט אים גאט גיהיט. אונ ווען ער איז גיקומען צוריק אהיים האט אים אויך גאט גיהיט פון לבן אונ עשו אונ דעם מלאך אונ ער איז גיקומען גאנץ: (ג) רבי חייא בר אבא האט אנגיהויבין צו דרשנן מיט דעם פסוק. איוב האט גיזאגט אם זך וישר אתה אויב דו ביזט קלאהר אונ ריין פון עבירות אונ דו גייסט אין גלייכין וועג, עס שטייט ניט אויב דו ביזט גיוועזען ריין אונ גלייך. נאר עס שטייט אויב דוא ביזט איצט ריין אונ גלייך. ווען אפילו ער איז פריער קיין צדיק ניט גיוועזען נאר איצט איז ער אצדיק. וועט אויך גאט דער וועקין אויף דיר זיין רחמנות אונ וועט דיר געבין שכר פאר דיינע אלע צדקות וואס דו האסט גיטאהן׃ אונ וויל יעקב איז גיוועזען באמענטש וואס איז גיגאנגען מיט גאנצקייט אונ האט גילערנט תורה. דריבער איז ער געקומען אהיים גאנץ אן אפעלער. רבי ברכיה האט אנגיהויבין מיט דעם פסוק אזוי ווי דו וועסט גוזר זיין אזוי וועט זיין אונ אויף דיינע וועגין וועט שיינען אליכטיגקייט. אזוי ווי דו וועסט גוזר זיין אזוי וועט זיין. דאס מיינט מען ווי יעקב האט גוזר גיוועזען אזוי איז גיוועזען. אויף דיינע וועגין וועט שיינען אליכטיגקייט. אויף די ביידע וועגין פון יעקב איז גיוועזען ליכטיג. ווען ער איז גיגאנגען צו לבן אונ ווען ער איז גיגאנגען פון לבן. ווייל גאט האט אים צו גיזאגט איך וועל זיין מיט דיר. אונ זעל דיך היטען אונ דו וועסט צוריק קומען מיט שלום צו דיין פאטער דריבער איז יעקב גיקומען אהיים גאנץ: (ד) ויבא. יעקב איז גיקומען גאנץ. דוד המלך האט גיזאגט די וואס זייען מיט טרערין וועלין שניידין די תבואה מיט געזאנג. די וואס זייען מיט טרערין דאס מיינט מען יעקב אבינו. ער האט גיזייעט די ברכות מיט טרערין. ער האט געוויינט טאמער וועט אים דער פיטער אנטאפין אונ וועט דער קענען אז ער איז ניט עשו. אונ האט געשניטען מיט געזאנג. דער פאטער האט אים גיבענטשט גאט זאל דיר געבין טאה פון הימעל אונ פעטקייט פון די ערד. יעקב איז גיגאנגען אונ האט געוויינט ווי דער פסוק זאגט ווען ער האט דער זעהן רחל האט ער געוויינט. נושא משך הזרע. איז ער

שעתיד להזרע משם. דכתיב (שם כח) וקח לך משם אשה (שם) וישלח יצחק את יעקב
וילך פדנה ארם אל לבן בן בתואל. בא יבא ברנה נשא אלמתיו. אתי טעין (יב) עולימא
ועולימותא: (ה) ויבא יעקב שלם. שלם בגופו. לפי שכתוב (שם לב) והוא צולע על
ירכו ברם הכא שלם בגופו. שלם בבניו לפי שכתוב בו (שם) אם יבא עשו אל המחנה
והכהו והיה המחנה ברם הכא שלם בבניו. שלם בממונו אע"ג דא"ר אבון בש"ר אחא
ט' שנה היה מכבד יעקב אבינו את עשו באותו הדורון ברם הכא שלם בממונו. ר'
יוחנן אמר שלם בתלמודו. אבל יוסף שכח שנא' (שם מא) כי נשני אלהים את כל עמלי
ולהלן הוא אומר (משלי טז) (יג) נפש עמל עמלה לו: (ו) ויחן את פני העיר. חנן את
הפנים שבעיר התחיל משלח להם דורונות. ד"א ויחן את פני העיר התחיל מעמיד
(יד) הטליסין ומוכר בזול. הדא אמרה שאדם צריך להחזיק טובה למקום שיש לו הנאה
ממנו. רשב"י ור' אלעזר בריה (טו) הוו טמירין במערתא י"ג שנה ביומא דשמדא, והיו
אוכלים חרובין של (טז) גרודא עד שהעלה גופן חלודה. לסוף י"ג שנין (יז) נפק יתיב
על תרע מערתא חמא חד צייר קאים וצייר צפורין. וכד הוה שמע ר' שמעון ברת
קלא

## מתנות כהונה

(יב) עולימין ועולימתא. נערים ונערות ודרך אלימותיו בהיגוף עיין באנ"ף: (יג) נפש עמלה. בעמל התורה קמיירי קרא: (יד) הטליסין. הגונים הטלים כמו הזעלים: (טו) הוו טמירין כו'. היו נחבאים שנה מפני המלכות, (טז) גרודא. פי' הערוך יבשים כלומר גרועים:

(יז) נפק כו'. ר"ש יצא לו על הפתח המערה ראה צייד עופות אחד שעמד וצד עופות וכשהיה ר"ש שמע בת קול אומרת מן השמים דימוס רחמים ונצלה מפגה היה אותו עוף ניצול וברח וכשהיה שומע בבת קול אומרת הספקולא והוא לשון מיתה ועונש היה אותו עוף

---

גיצויגין געוואָרין אונ איז גיגאַנגען צו דעם אָרט וואס ער וועט פון דאָרט האָבין קינדער.
ווי יצחק האט גיזאָגט צו יעקב זאָלסט גיעמען אַווייב פון פדן ארם. אונ יצחק האט אַוועק געשיקט
יעקב אונ ער איז גיגאַנגען אין פדן ארם צו לבן דער זוהן פון בתואל. אונ יעקב איז
צוריק געקומען פון פדן ארם מיט געזאַנג. נושא אלומותיו. ער האט גיטראָגין זיינע
קינדער יונגלאך אונ מיידלאך: (ה) ויבא. יעקב איז געקומען גאַנץ. גאַנץ מיט זיין גוף.
ווייל ער האט געלאַהמט אויף זיין זייט. איז ער היינט געקומען גאַנץ מיט זיין גוף.
גאַנץ מיט זיינע קינדער. ווייל פריער האט ער צו טיילט זיינע קינדער אויף צוויי טייל
אונ ער האט גיזאָגט אויב עשו וועט קומען צו איין מחנה אונ וועט איהם שלאָגין וועט
די אַנדערע מחנה גירעטעט ווערין. אָבער אויף איין מחנה האט ער גירעכענט זיא וועט
געהרגת ווערין. איצט איז ער געקומען גאַנץ מיט אַלע קינדער. גאַנץ מיט זיין געלט
וואָרום רבי אבין האט גיזאָגט פון רבי אחא ט ווענין גיין יאָהר האט יעקב גיגעבין מתנות
צו עשו. פון דעסט וועגין איז ער גיקומען גאַנץ מיט זיין פאר מעגין. גאט האט איהם אַלץ
באַלד צוריק גיגעבין. רבי יוחנן זאָגט יעקב איז גיקומען גאַנץ מיט זיין תורה. ער האט
ניט פאר געסין זיין לערנען ביי לבן. אָבער יוסף האט פאר געסין זיין לערנען אין מצרים.
וואָרום ער האט גיזאָגט גאט האט מיך געמאַכט פאר געסין את כל עמלי. אונ עמלי
מיינט מען תורה ווי דער פסוק זאָגט נפש עמל עמלה לו. די נשמה וואס מאַטערט זיך
אין די תורה. מאַטערט זיא זיך פאר זיך. איר שכר אויף עולם הבא וועט נאר זיין פאר
איר אַליין: (ו) ויחן את פני העיר. יעקב האט מכבד גיוועזן די גרויסע לייט פון שטאָט
אונ האט געשיקט צו זייא מתנות. נאך אַפשט איז יעקב האט גישאַהן אטובה צוא די
בעלנטשין פון שטאָט. ער האט גימאַכט קראָמען אונ האט פאר קויפט אַלץ וועלוועלער.
פון דאַנען זעהן מיר אַז אמענטש דאַרף טאָהן אטובה צוא דעם אָרט וואס ער האט הנאה
פון איהם. רבי שמעון בן יוחאי אונ זיין זוהן רבי אלעזר זענען גיוועזן בעהאַלטין אין
אַקעלער דרייצעהן יאָהר אין די צייטין וואס דער מלך האט גזר גיוועזן מען זאָל זיך
שמדין. זייא פלעגין עסין שלעכטע באָקסין. אונ ווייל זייא זענען גיזעסין אין קעלער אַזוי
לאַנג איז גיוואָרין זייערע קערפערס אַזוי ווי פאַרשימולט. נאך דרייצעהן יאָהר איז רבי

שמעון

קלא אמרה מן שמיא דימוס. פסגא. וכד הוה שמע ברת קלא אמרה ספקולא. הות מתצרא ונלכד. אמר ציפור מבלעדי שמיא לא מתצרא (יח) עאכ"ו נפש דבר נש. (יט) נפק ואשבח מיליא משרכן ונתבטלה הגזירה. (כ) אתון ואסחון בהדא בי בני דבית מוקד דטבריא. א"ל בריה כל הדא טבתא עבדת לן טבריא ול"ת אנן מדכן יתה מן קטוליא. אמר צריכין אנו לעשות טובה כדרך שהיו אבותינו עושים שהיו עושין (כא) איטלסין ומוכרין בזול. אמר צריכין אנן לדכיא טבריא. מה עבד נסב (כב) תרמוסא והוה מקצץ תרמוסא (כג) ושדי קצוצותיה (כד) ומקלק בשוק. (כה) וכל אתרא דהוה קטילא סלק (כו) ואינון מפקין ונפקין. וכ"מ שלא היתה שמה טומאה תרמוסא (כז) עומדת; והוא מציין אי זה מקום טומאה ומקום טהרה (כח) עד זמן דדכי יתה מן קטיליא. (כט) המתיה חד כותי עם דארעא אמר לית אנא אזיל (ל) ומדחיך בהדין סבא דיהודאי. (לא) אית
דאמרי

## מתנות כהונה.

ל"מד ונלכד נפת הכ"ד אמר ר"ש לפור אינו ניצוד בלעדי גזירה מן השמים: (יח) עאכ"ו נפש בן אדם לפיכך אלך לי אל מקומי ואם אינו נגזר מן השמים לא אמות ואם נגזר חס ושלום לא יועיל בריחתי: (יט) נפק כו'. יצא ומצא שדברי הגזירה היו בטלים: (כ) אתון כו'. באו ר"ש ובנו ורחצו עצמן בבית המרחץ של בית מוקד שבטבריא פי' במי חמין של טבריא א"ל בנו לר"ש כל אלו הטובות עשתה לנו עיר טבריא ואין אנו מטהרין השווקים מן המתים: (כא) אטלסין. חניות: (כב) תורמסא. לפי שנודע לו שבשוק טבריא היה בחזקת טהרה בימים קדמונים ע"י עדות שקילן בן זכאי הם תורמוסי תרומה: (כג) שדי קצ'ציתיה גרסינן. פירו' והשליך הקליפות: (כד) ומקלק. השליך: (כה) וכל אתרא כו'. וכל מקום שהיה שם מת קבור היה עולה וה' היה ע"י לחש שהיה לוחש ר"ש על התורמסין: ה"ג בילקוט: (כו) ואינון מפקין ונפקין. פי' והם היו מוציאין אותן לקוברן בחוץ לעיר: (כז) עומדת במקומו. ולא היה מת עולה מתחתיו: (כח) עד זמן כו'. כלומר לא זז מלעשות ככה עד שטהרו מכל וכל: (כט) המתיה כו'. ראה אותו כותי אחד עם הארץ אמר וכי לא אלך לשחוק וללעוג בזה זקן היהודים: (ל) ומדחיך. מלעיג לשון חוכא ואטלולא: (לא) אית דאמרי כו'. יש אומרים

---

שמעון ארויס גיגאנגען פון קעלער און איז געזעסן ביי די טיר פון קעלער. האט ער געזעהן אפאנגער שטייט און פאנגט פייגיל (עופות). אז רבי שמעון האט געהערט אקול פון הימעל וואס זאגט דעם ווארט דימוס. איז די פייגיל אנטלאפן און גירעטעט געווארין. אז ער האט געהערט דער קול זאגט דעם ווארט ספקולא. איז די פייגיל געפאנגען געווארין. האט רבי שמעון גיזאגט אפייגיל ווערט ניט געפאנגען אז מען איז ניט גוזר פון הימעל. אמענטש קען געוויס ניט געפאנגען ווערין אז מען איז ניט גוזר פון הימעל. איז ער ארויס גיגאנגען פון דעם קעלער און האט גיטראפין אז די גזרה וואס איז געווען מען זאל זיך שמדין איז שטיל געווארין און עס איז בטל געווארין. איז גיגאנגען רבי שמעון מיט זיין זוהן רבי אלעזר אין די באד וואס איז געווען אין טבריה מיט ווארעמע וואסער האט רבי אלעזר גיזאגט צו זיין פאטער אזוי אטובה האט אונז די שטאט טבריה גיטאהן און מיר וועלין זיא גיט ריין מאכין פון די קברים וואס דארט זענען דא. האט רבי שמעון גיזאגט מען דארף טאהן די שטאט טבריה אטובה אזוי ווי יעקב אבינו האט גיטאהן צו די שטאט מענטשין פון שכם ער האט גימאכט קראמען און האט פאר קויפט אלץ וואלוויל. אזוי דארפין מיר ריין מאכין די שטאט טבריה פון די קברים (ווארום אי טבריה זענען אמאהל גיהרגת געווארין פיל מענטשין. און מען האט זיי בגראבין אי שטאט. האט מען ניט גיוואוסט וועלכער ארט איז אקבר. און איז טמא. און וועלכער ארט איז ריין פון די טומאה). וואס האט רבי שמעון גיטאהן ער האט גינומען תורמסי (אזוי אפרי) און האט זיי צו שניטען און האט גיווארפין די שטיקער אין גאס. אויף דעם ארט וואס אינווייניג איז גילעגין אמת איז דער מת ארויס גיקומען האט מען אים ארויס גינומען פון קבר און מען האט אים בגראבין אויסער די שטאט. און אויף דעם ארט וואס דארט איז קיין מת ניט געווען. איז דאס שטיקל תורמוס געבליבען ליגען. און רבי שמעון האט בעצייכענט וועלכער ארט איז ריין און וועלכער ארט איז ניט ריין, ביז ער האט די גאנצע שטאט ריין גימאכט פון די מתים. אגוי האט געזעהן וואס רבי שמעון האט דא גיטאהן האט ער גיזאגט איך מוז גיין לאכין פון דעם אלטען יוד. אנדערע זאגן
דער

דאמרי מן הדין שוקא דגרגינא ואית דאמרי מן הדין שוקא דסקאי נסב קטיל וטמריה בשוקא דהוי מדכי. בצפרא אזל א"ל אמריתון דרבי בן יוחאי טבריא (לב) אתון המה הדין קטילא (נ"א אזל (לג) לגביה א"ל לא דכיתא שוק פלן. א"ל הין. (לד) א"ל ואין אפיקית לך מיתין מן בתרך. א"ל גוד (לה) חמי ליה) צפה רשב"י ברוה"ק שהוא נתנו שם. אמר גוזר אני על (לו) העליון שירד ועל (לז) התחתון שיעלה והוה כן. (לח) וסליק ושבת בביתיה ועבר בהדין מגדלא דצבעיא שמע קלא דנקאי ספרא אמר לא אמריתון דרבי בר יוחאי לטבריא אמרון אשכחון חד קטילא. אמר יבא עלי אם אין בידי הלכות כשער ראשי על טבריא שהיא טהורה (לט) חוץ מזה ומזה. ואתה לא היית במנין עמנו שנטהרה. פרצת גדרן של חכמים עליך נאמר (קהלת י) ופורץ גדר ישכנו נחש. מיד נעשה גל של עצמות. עבר (מ) בהדא בקעתא דבית נטופה חמא חד בר נש קאים ומלקט ספיחי שביעית. א"ל ולא ספיחי שביעית הן. א"ל ולא אתה הוא

שהתרת

## מתנות כהונה

בשוק. מת אחד משוק גרגינא והכניסו אותו בשוק של טבריה היה ר"ש מטהרו ולבוקר הלך ואמר להם אל כעם היהודים לא אמרתם שטיהר ר"ש מקום טבריא: ה"ג רש"י ז"ל: (לב) אתון תמי הדין כו'. פירוש לשון בולו והלא המת הזה: (לג) לגביה. אזל ר"ש וא"ל לא טיהרת בשוק פלוני ועל אותו שוק שטמן בו אותו מת אמר כן: (לד) ואין אפיקת. ואם בתוצאת לך מת מה מתחתיך מה תאמר: גוד לשון משיכה והוצאה כלו' הוצא המת כאשר אמרת: (לה) חמי ליה. ראה אותו כותי לר"ש את הקבר: (לו) העליון. אותו כותי: (לז) התחתון. המת הטמון: (לח) וסליק. ר"ש עלה והיה עושה שבת בביתו והיה עובר לפני מגדל צבעים והיה שמע קול איש דנקאי ספרא שאמר לבריות לא אמרתם שטיהר ר"ש את טבריא והלא אמרו שמצא אחריו מת אחד אמר ר"ש יבא עלי כך וכך אם לא כו': (לט) חוץ מזה כו'. חוץ ממקום זה וזה ועל אותן מקומות היית עמנו במנין שנטהרו: (מ) בהדא בקעתא. בבקעה זו של מקום בית נטופה

דער גוי האט גינומען אמת פון די גאס גרגינאי אנדערע זאגין ער האט גינומען דעם מת פון די גאס סקאי און האט דעם מת בגראבין אין די גאס וואס רבי שמעון האט שוין ריין גימאכט אין דער פריה איז דער גוי גיקומען צו די יודין און זאגט צו זיי איר זאגט אז רבי שמעון האט שוין ריין גימאכט טבריה. קימט זעהט אין איין ארט ליגט נאך אמת בגראבין. אנדערע זאגין דער גוי איז גיקומען צו רבי שמעון און האט גיזאגט צוא אים דו האסט שוין ריין גימאכט יענע גאס. האט רבי שמעון גיזאגט יא. האט דער גוי גיזאגט צו רבי שמעון און אז איך וועל דיר ווייזין אז אין די גאס ליגט נאך אמת וואס וועט זיין. האט רבי שמעון גיזאגט צום גוי נעם ארויס דעם מת וועלין מיר אים זעהן. רבי שמעון האט אבער געוואסט מיט רוח הקדש אז דער גוי האט איצט גיבריינגט אהער דעם מת. האט רבי שמעון גיזאגט איך בין גוזר אויף דעם גוי וואס ער שטייט אויף די ערד ער זאל אריין אין די ערד. און אויף דעם מת וואס ליגט אין די ערד בין איך גוזר ער זאל ארויס קומען פון די ערד. איז אזוי גיווארין. איז רבי שמעון גגאנגען אויף שבת צו זיך אהיים. און ער איז פאר ביי געגאנגען פאר דעם ארט מגדל צבעים האט ער גיהערט וויא דער למדן דנקאי זאגט צו אנדערע מענטשין איר זאגט אז רבי שמעון האט ריין גימאכט די שטאט טבריה. איך האב גיהערט זאגין אז מען האט נאך זיין ריין מאכין גיפונען אמת. האט רבי שמעון גיזאגט זאל אויף מיר קומען די און די יסורים אויב איך האב ניט דינים ווי פיל מיינע האר פון קאפ זענען אז די שטאט טבריה איז טהור. אויסער צוויי ערטער זענען דא וואס איך וויים אז זיי זענען טמא. און דו אליין ביזט גיווען געציילט מיט אונז צווישען די רבנן וואס האבין גיזאגט אז טבריה איז טהור. דו גייסט אויס ברעכין די וואנט וואס די חכמים האבין גימאכט (דו גייסט צו ווארפין דעם דין וואס די חכמים האבין געפסקת). דער וואס צו ברעכט די וואנט וואס די חכמים האבין גימאכט. וועט אים בייסין א שלאנג. איז באלד געווארין פון דעם מענטש א ביינער. דער נאך איז רבי שמעון געגאנגען נעבין די פעלדער פון בית נטופה האט ער גיזעהן ווי א מענטש שטייט און קלייבט די ערד פירות וואס האט

גיוואקסין

שהתרת: לא כך תנינן ר"ש אומר כל הספיחין מותרין חוץ מספיחי הכרוב שאין כיוצא בהם בירקות שדה. א"ל והלא (מא) חבירי חולקים עלי פרצת גדירן של חכמים ופורץ גדר ישכנו נחש. (מב) וכן הות ליה: (ז) ד"א ויחן את פני העיר. נכנס (מג) בע"ש עם דמדומי חמה מבעוד יום וקבע תחומין מבעוד יום. הדא אמרה ששימר יעקב את השבת קודם שניתן. ויקן את חלקת השדה אשר נטה שם אהלה וגו' במאה קשיטה. אמר ר' יודן ב"ר סימון זה אחד מג' מקומות שאין או"ה יכולין להונות את ישראל לומר גזולים הן בידכם. ואלו הן מערת המכפלה. וביהמ"ק. וקבורתו של יוסף. מערת המכפלה דכתיב (בראשית כג) וישמע אברהם אל עפרון וישקול אברהם לעפרון. ביהמ"ק דכתיב (דה"י א) ויתן דוד לארנן במקום וגו'. וקבורתו של יוסף ויקן את חלקת השדה. (מד) יעקב קנה שכם: (ח) רבי חייא רבה ור' שמעון ב"ר ור' שמעון בר חלפתא (מה) שכחון מילין מן התרגום (מו) ואתון להדא תגרא דערביא למלפיניה מן תמן. שמעין קליה דאמר לחבריה תלי הדין יהבא עלי. שמעון מנה יהבא משוי (מז) שנא' (תהלים נה) השלך:

## מתנות כהונה

דהלא מן הדס עומד ולוקט ספיחי שביעית: (מא) חבירי. חכמים פליגי כהם עליו ואוסרין: (מב) וכן הוות ליה. כן היה לו שנשכו נחש: (מג) בערב שבת כו'. ויחן דייק לשון מנוחה של שבת: ס"ג רש"י (מד) יעקב קנה שכם ועצמות יוסף נקברו בשכם כמו שנאמר ואת עצמות יוסף קברו בשכם: (מה) שכחון כו'. שכחו היכות מן התרגום ולא ידעו מה הוא: (מו) ואתון כו'. ובאו לסוחר ערבי ללמוד אותם משם שמעו קול שאמר לחבירו הרם זה יהבה עלי והבינו משם שיהבה היא משוי: (מז) שנא' כו'.

---

גיוואקסין פון זיך אליין אין דעם יאהר פון שמטה. האט רבי שמעון גיזאגט צו דעם מענטש האבין דען די פירות ניט געוואקסין אין שמטה. האט דער מענטש גיזאגט צוא רבי שמעון האסטו דען אליין ניט מתיר גיוועזן די פירות. האבין מיר דען ניט גילערנט רבי שמעון זאגט אלע ערד פירות וואס וואקסט פון זיך אליין אום שמטה זענען מותר. אויסער די כרוב וואס וואקסט פון זיך אליין אום שמטה איז אסור. ווייל עס איז ניטא זייער גלייכין צווישען אלע גרינווארג וואס וואקסט אין פעלד. האט רבי שמעון גיזאגט מיינע חברים קריגען דאך אויף מיר אונ זיי זאגין עס איז אסור. אונ דער דין איז ווי זיי זאגין. האסטו אויס גיבראכין די וואנט וואס די חכמים האבין גימאכט. דער וואס ברעכט אויס די וואנט וואס די חכמים האבין גימאכט. וועט אים בייסין א שלאנג. אונ אזוי איז גיוועזן א שלאנג האט אים גיבאהן אבים אונ ער איז גישטארבין: (ז) דבר אחר. נאך אפשט איז יעקב האט גירוהט פאר די שטאט שכם. ער איז גיקומען צו די שטאט שכם ערב שבת ווען די זוהן האט אנגיהויבין טונקעל ווערין אונ עס איז נאך גיוועזן טאג אונ ער האט נאך גיקענט ביי טאג אפ מעסטן ביז ווי ווייט עס איז א תחום שבת צוויי טויזנד איילין. פון דאנען ווייסין מיר אז יעקב האט געהיט שבת נאך איידער גאט האט גיבאטין אויף דעם שבת. אונ יעקב האט גיקויפט די שטיק פעלד וואס ער האט אויף איר גישטעלט זיין גיצעהלט. אונ ער האט גיגעבין פאר די פעלד וואס ער האט גיקויפט הונדערט קשיטה. רבי יודן ברבי סימון זאגט דאס איז איינע פון די דריי ערטער וואס די גוים קענען ניט צערענען אויף די יודין אונ זאגין איר האט דם נעגוזלת. דאס זענען די דריי ערטער. די מערת המכפלה. דער ארט פון בית המקדש. אונ דער ארט וואס מען האט בגראבין יוסף. ביי די מערת המכפלה שטייט אברהם האט גיהערט וואס עפרון האט גיזאגט אז ער וויל פיר הונדערט טאלער האט אברהם אפגיוואגין דאס געלט אונ האט גיגעבין צו עפרון. ביי דעם בית המקדש שטייט דוד האט גיגעבין צו ארונה פאר דעם פלאץ פופציג טאלער. ביי דעם ארט וואס יוסף איז בגראבין גיווארין שטייט יעקב האט גיקויפט די שטיק פעלד פאר הונדערט קשיטה (אזוי א מטבע). יעקב האט גיקויפט שכם אונ אין שכם איז יוסף בגראבין גיווארין: (ח) רבי חייא רבה אונ רבי שמעון ברבי אונ רבי שמעון בר חלפתא האבין פאר געסין ווערטער פון תרגום. זענען זיי געקומען צוא א סוחר פון

ערביא

השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך. ועיד שמעון קליה דערבי דאמר לחבריה מה את מכסא בי והיה ריצה לומר מה את (מח) מעסה בי דכתיב (מלאכי ג) ועסותם רשעים כי יהיו אפר. ועיד שמעון שאמרה איתתא לחברתה (מט) אתון סחיא והיא השיבה ואני שבילה וגלמודה. גלמודה אנא נדה. שוב שמע איתתא אחרת (נ) אומרת אשאיל לי מבנייך ואמרה שאילי לי מטאטיך שנא' (ישעיה יד) וטאטאתיה במטאטא השמד נאם ה' צבאות. (נא) אתון מעוררה לליותיך (איוב ג) העתידים עורר לויתן. (נב) השאילי לי בסיתתיך אפיק הדא כסיתא למרעיא: (ט) במאה קשיטה. א"ר אבא ב"כ בק' (נג) אונקיות בק' (נד) טלאים בק' סלעים. א"ר סימון קו"ף (נה) קמיליא סמ"ך סלעים טי"ת (נו) טריו"ן. יו"ד ה"א מה עבדית הכא. ר' יהושע דסכנין בש"ר לוי אלו (נז) חליות דדייקניתא שרבכן להגהן בנזמים. ומי כוהב את האינה. א"ר ברכיה יו"ד ה"א כותב את האונה. ומי מעיד (נח) על האונה י"ה מעיד על האונה הוא (נט) יו"ד ה"א של קשיטה.

הה"ד

## מתנות כהונה

כלומר זהו שנא' השלך על ה' יהבך לא היו יודעין מקודם מהו ועכשיו הבינו שהוא משא: (מח) מעסה. לשון דריכה ודמיסה וכן פי' הרד"ק בספר מלאכי וגם למדו פירושו מהון דברי הערבי רק שהיה עלג לשון שאמר מכסה במקום מעסה: (מט) אתון כו'. בואו ורחצו: גלמודה כזה ר"ל שהיתה נדה ואמרה גלמודה ונמצאו למדין בגלמודה דקרא הוא נדה: (נ) אומרת. רצתה לומר השאילני לי מבניין ופירושו מכבדה ואמרה מטאטיך ופ"ת דמטאטא דקרא היינו מכבדת. ה"ג רש"י:

(נא) אתון מעוררה כו'. פירוש תבוא מקוננות להספידך ושמע מיניה דלויתן דקרא פי' קינה: ה"ג (נב) השאילי לי כסותך. ופירשו מרגליותיך או כתם שלך: (נג) אונקיות מין כלים: (נד) טלאים כו'. קשיטה נוטריקון קדרים קו"ף אונקיות שי"ן סלעים טי"ת טלאים: (נה) קמיליא כו'. ור' סימון גם הוא דרש קשיטה נוטריקון קמיליא מצאתי בלשון לעז"ן הוא מין כלי: (נו) טריו"ן פירש"י שם מטבע על שם טורייניס: (נז) חליות. תכיות קטנות מזהב או אבנים טובות: (נח) על האונה גרסי'. ופירשו

עַרְבִיָא זיי זאָלין פון איהם לערנען די תרגום ווערטער. האָבין זיי געהערט ווי דער סוחר זאָגט צו זיין חבר תלי הדין יהבא עלי. גיב די משא אויף מיר. האָבין זיי געוואוסט אז יהבא איז דער טייטש אמשא. אונ אזוי זאָגט דוד המלך וואַרף אויף גאָט יהבך (דיין משא) אונ ער וועט דיך שפייזין. נאָך האָבין זיי געהערט ווי דער סוחר זאָגט צו זיין חבר מה את מכסה בי. דער סוחר האָט ניט גוט גירעדט. ער האָט גידאַרפט זאָגין מה את מעסה בי (וואס טרעטסטו אויף מיר) האָט ער געזאָגט מכסה בי. דער פסוק זאָגט אויך אזוי ועסותם רשעים כי יהיו אפר. איר וועט צו טרעטין די רשעים זיי וועלין ווערין אש. נאָך האָבין זיי געהערט ווי איין אשה האָט געזאָגט צו די אנדערע אשה קום מיר וועלין אונז באָדין. האָט זיא געענטפערט ואני שכובה וגלמודה. איך בין היינט אליין. איך בין אנדה. ווייסין מיר אז גלמודה איז אנדה. נאָך האָבין זיי געהערט ווי איין אשה האָט געוואָלט זאָגין צו די אנדערע אשאיל לי מבנייך (באָרג מיר דיין בעזים). האָט זיא געזאָגט שאילי לי מטאטיך (באָרג מיר דיין בעזים). ווייסין מיר אז מטאטא איז א בעזים. ווי דער פסוק זאָגט וטאטאתיה במטאטא השמד. גאָט זאָגט איך וועל זיא אויסקערין מיט א בעזים פון פאַרטיליגונג. נאָך האָבין זיי געהערט ווי איין אשה האָט געזאָגט צו די אנדערע אתון מעוררה לוויתיך. קען זאָל קומען דיך בעקלאָגין. ווייסין מיר אז איוב האָט געזאָגט העתידים עורר לויתן. איז דער טייטש זיי זענען אנגיבריים צו דער וועקין א קלאג. נאָך האָבין זיי געהערט ווי איין אשה זאָגט צו די אנדערע השאילי לי כסיתתיך (באָרג מיר א מטבע) אפיק הדא כסיתא למרעיא. גיב די מטבע צו דיין חברתה. אונ כסיתא איז דער זעלביגער וואָרט קשיטה. וואס שטייט אין דער תורה. איז קשיטה א מטבע: (ט) במאה קשיטה. יעקב האָט גיגעבין פאר די פעלד הונדערט קשיטה. וואס איז קשיטה. רבי אבא בר כהנא האָט געזאָגט הונדערט קשיטה איז הונדערט אונקיות (קעסלען). אונ הונדערט שעפסין. אונ הונדערט טאַלער. רבי סימון זאָגט דער וואָרט קשיטה איז א ראשי תיבות. דער קוף איז קמיליא (כעמלען). דער שי"ן איז ווי א סמ"ך מאכט דאס סלעים (טאַלערס). דער טי"ת מאכט טריון (א מטבע). ווי מאכט דער יו"ד מיט די ה"א פון וואָרט קשיטה. רבי יהושע פון סכנין האָט געזאָגט

פון

הה"ד (תהלים קכב) ששם עלו שבטים שבטי יה עדות לישראל להודות לשם ה'. יה מעיד עליהן שהן בני אבותיהן אף כאן העיד: (י) ויצב שם מזבח ויקרא לו אל. אמר ר"ל ויקרא לו אל אלהי ישראל אמר אתה אלוה בעליונים (ס) ואני אלוה בתחתונים, ר' הונא בשם ר"ל אמר אפילו חזן הכנסת אינו נוטל שררה לעצמו ואתה היית נוטל שררה לעצמך מחר בתך יוצאה ומתענה. (סא) הה"ד ותצא דינה בת לאה:

**פרשה פ** (א) ותצא דינה בת לאה. (יחזקאל טז) הנה כל המשל עליך ימשל לאמר כאמה בתה. יוסי מעונאה תרגם (ח) בכנישתהון דמעונא (הושע ה) שמעו זאת הכהנים והקשיבו בית ישראל ובית המלך האזינו. אמר עתיד הקב"ה ליטול את הכהנים ולהעמידן בדין ולאמר להם למה לא יגעתם בתורה לא הייתם נהנים מכ"ד מתנות כהונה. ואינון אמרין ליה לא יהבין לן כלום. והקשיבו בית ישראל: למה לא הייתם נותנים לכהנים כ"ד מתנות כהונה שכתבתי לכם בתורה. ואינון אמרין ליה על אילין דבי נשיאה דהוו נסבין כולא. בית המלך האזינו כי לכם המשפט. שלכם היה וזה יהיה משפט הכהנים. (ב) לפיכך לכם ועליכם מדה"ד (ג) נהפכת. שמע ר' וכעס, (ד) בפתי רמשא סליק ר"ל שאיל בשלמיה דרבי ופייסי' עלוהי מעונאה. א"ל ר' צריכן אנו

## מתנות כהונה

שטר מכירה: (יט) יו"ד ה"א. שנבארו במלת קשיטה ׃ (ס) ואני אלוה. אלהי ישראל דרש כאילו אמר אני ישראל גם אנכי נקרא אלוה: (סא) הה"ד והוא כו' לפיכך סמך לו ותצא דינה כו' ׃ (א) ב כנישתא דמעון. בית הכנסת של מעון והוא שם מקום נטבריא ׃ על אילין כו'. על אלו של בית הנשיא הוא התלונה ספס לקחו הכל: כי לכם המשפט גרסי'. פירוש שלכם היה להזהיר העם על זה ואתם פרצתם כנגדו ׃ (ב) לפיכך לכם כו'. משפט דרש לשון עונש כדה"א כה משפטיך אתה תגלה: (ג) נהפכת גרסי'. ר' היה נביא לפיכך כעס ׃ (ד) בפתי

---

פון רבי לוי'ס וועגין דאס זענען הליות און דייקניתא (שטיקער גאלד און בריליאנטין) וואס מען מאכט פון דעם אויערינגלאך. ווער האט געשריבען דעם שטר מכירה אז די פעלד איז פארקויפט צו יעקב. רבי ברכיה האט גיזאגט דער יו"ד ה"א גאט האט געשריבען דעם שטר מכירה. ווער איז גיוועזען דער עדות אויף דעם שטר מכירה. דער יו"ד ה"א. גאט איז דער עדות אויף דעם שטר מכירה. דאס איז דער יוד ה"א פון ווארט קשיטה. ווי דער פסוק זאגט דארט זענען אויפגיגאנגען די שבטים שבטי יה עדות לישראל. דער נאמען י"ה (גאט) זאגט עדות אויף די יודין אז זיי זענען די קינדער פון זייערע עלטערין. אזוי דא זאגט אויך דער נאמען י"ה עדות אז די פעלד איז פארקויפט גיווארין צו יעקב ׃

(י) ויצב. יעקב האט דארט גישטעלט אמזבח און ער האט אים גירופין אל. ריש לקיש זאגט ער האט גערופין צו אים אל אלהי ישראל. יעקב האט גיזאגט צו גאט דו ביזט אגאט הויבין אין הימעל און איך בין אגאט אונטען אויף די ערד. (ווארום אז גאט איז גוזר אגזרה קען זיא דער צדיק מבטל זיין. און אז דער צדיק איז גוזר הגזרה איז גאט מקיים די גזרה). רבי הונא האט גיזאגט פון ריש לקיש וועגין אפילו אגבאי פון אשוהל נעמט ניט אליין קיין גרויסקייט. און דו נעמסט זיך אזוי אגרויסקייט צו רופין אויף זיך דו ביזט אגאט. מארגין וועט דיין טאכטער ארויס גיין און וועט גיפייניגט ווערין.

ווי דער פסוק זאגט דינה די טאכטער פון לאה איז ארויס גיגאנגען אין שכם:

**פרשה פ** (א) ותצא. דינה די טאכטער פון לאה איז ארויס גיגאנגען אין שכם. דער נביא יחזקאל האט גיזאגט אויף דיר וועט גיזאגט ווערין דער משל ווי די מוטער אזוי די טאכטער. לאה איז גיוועזען אאויסגייערין און איר טאכטער דינה איז אויך גיוועזען אאויסגייערין. יוסי מעונאה האט גיזאגט אין די שוהל פון מעונא. דער נביא הושע האט גיזאגט איר כהנים הערט נאר דאס וואס איך וועל אייך זאגין. איר הויזגעזינד ישראל און די הויזגעזינד פון מלך פארנעמט מיינע רייד. דער נביא האט גיזאגט גאט וועט נעמען די כהנים און וועט זיי שטעלין צום משפט און וועט זאגין צו זיי פאר וואס האט איר ניט

גילערונג

אנו להחזיק טובה לעכו"ם שהן מכניסין (ה) מומסין (ו) לבתי טרטייאות ולבתי קרקסאות שלהם ומשחקין בהם כדי שלא יהיו משיחין אלו עם אלו ויבאו לידי קטטה בטלה. יוסי מעונאה אמר ( ) מלה דאורייתא ואקפדת עלוהי. א"ל ויודע הוא בדברי תורה כלום. א"ל הין. (ח) ואולפן קביל. א"ל הין. (ט) ואי שאילנא ליה מגייב. א"ל הין. אם כן יסק להכא. (יא) וסליק לגביה. א"ל מהו דכתיב (יחזקאל טז) הנה כל המשל עליך ימשל לאמר כאמה בתה. א"ל כבת כן אמה כדור כן נשיא כמזבח כן כהניו. (יב) הבא אמרי לפום גנתא גננא. א"ל ר"ל עד כדון לא חסילית מן מפייסיה על הדא ואתה מייתי לן אוחרי. עיקרו של דבר הנה כל המשל מהו א"ל (יג) לית תורתא עגישא עד דברתה בעיטא. (יד) לית איתתא זניא עד דברתה זניא. א"ל א"כ לאה אמנו זונה היתה. אמר להם ותצא לאה לקראתו וגו'. יצאה מקושטת כזונה לפיכך ותצא דינה בת לאה:

וכחכי

## מתנות כהונה

פג. לפנות הערב עלה ר"ל ושאל בשלומו של ר' והיה מפייסו על יוסי מעונאה: (ה) מומסין. פירושו מצאתי בתב"א שהוא כסוי פני בצורת פרצוף אדם מגונה שנקרא בלשון לעז מומוס: (ו) בתי טרטיאות כו'. מקומות שצוחקין שם מיני שחוק וזיהול: (ז) מלה דאורייתא כו'. דבר מן התורה ואתה פוגס עליו: (ח) ואולפן קביל. פירש"י ולימודו קבלה בידו שהיה סבר שמעצמו דרש כן: (ט) ואי שאילנא כו'. ואם אשאלנו דברי תורה ידע להשיב: (יא) וסליק כו'. ועלה ר' יוסי מעונאה אצל ר': (יב) הבא אמרי כו'. כן אמרו המושלים לפי הגנה כן הגנן שעובד אותו וגם דבריו אלו היה דברי קיטור כלפי ר' ועי"כ א"ל ר"ל עד עתה לא סיימתי עדיין לפייסו על האחד ואתה מביא לנו אחרת: (יג) לית

---

געלערנט תורה. האט איר דען ניט גענומען די פיר און צוואנציג מתנות וואס געהערין צום כהן. האט איר דאך געהאט פרנסה פאר וואס האט איר ניט געלערנט תורה. וועלין די כהנים זאגין מען האט אונז גאר ניט געגעבין. וועט גאט פרעגין בייא די יודין פאר וואס האט איר ניט געגעבין צו די כהנים די פיר און צוואנציג מתנות וואס איך האב געשריבען אין די תורה איר זאלט זייא געבין. וועלין די יודין ענטפערין ווייל אלץ וואס מיר האבין געדארפט געבין צו די כהנים האט דער נשיא צו גענומען. וועט גאט זאגין צו די הויזגעזינד פון מלך מיט אייך וועל איך האבין אמשפט. געהערין דען די פיר און צוואנציג מתנות צו אייך. דאס געהער דאך צו די כהנים. דריבער וועט דער מדת הדין קומען אויף אייך און איר וועט געשטראפט ווערין. ווי רבי האט געהערט די רייד איז ער געווארין מיט כעס. דארום רבי איז געווען אנשיא. פארין נאכט איז געגאנגען ריש לקיש צו רבי און האט אים איבער געבעטין אויף די רייד פון יוסי מעונאה. האט ריש לקיש געזאגט צו רבי מיר דארפין דאנקען די גוים ווייל זייא געמען אריין בילדער פארשטעלטע אין זייערע טעאטער שטובין און אין זייערע פארזאמלונגען. און ווייל זייא זענען בעשעפטיגט מיט דעם פערגעניגען שמועסין זייא ניט איינער מיט דעם אנדערין קומען זייא ניט צו קריג. און יוסי מעונאה האט געטייטשט אפסוק אין דער תורה מיט מוסר. בייזטו בייז אויף אים. האט רבי געזאגט צו ריש לקיש ווייס דען יוסי מעונאה תורה. האט ריש לקיש געזאגט יא ער ווייס. האט רבי געזאגט גמרא ווייס ער אויך. האט ריש לקיש געזאגט יא. האט רבי געזאגט אז איך וועל אים פרעגין תורה וועט ער וויסען צו ענטפערין. האט ריש לקיש געזאגט יא. האט רבי געזאגט זאל יוסי מעונאה אהער קומען. איז יוסי געקומען צו רבי האט רבי געזאגט צו יוסי וואס מיינט דער פסוק הער עם זאגט משלים וועט אויף דיר זאגין דעם משל ווי די מוטער אזוי די טאכטער. האט יוסי געזאגט ווי די טאכטער אזוי איז די מוטער. ווי דער דור אזוי איז דער נשיא. ווי דער מזבח אזוי זענען די כהנים. דא זאגט מען ווי דער גארטין אזוי איז דער גערטנער. האט יוסי מעונאה איצט מער דער צערינט רבי. האט ריש לקיש געזאגט צו יוסי מעונאה איך האב נאך ניט געענדיגט איבער צו בעטין רבי אויף דיינע פריערדיגע רייד. ברענגסטו נאך צו אנדערע רייד. זאג מיר נאר דעם עיקר פון דער זאך וואס איז דער משל אזוי ווי די מוטער איז די טאכטער. האט יוסי מעונאה געזאגט ווען ווייס מען אז דער אקס איז אשטויסער. אז מען זעהט די

טאכטער

(ב) וכחכי איש גדודים חבר כהנים (טו) דרך ירצחו שכמה כי זמה עשו (הושע ו). כשם שהלסטים הללו יושבים על הדרך והורגים בני אדם ונוטלים ממונם כך עשו שמעון ולוי לשכם. אלא כחבר כהנים אתמהא. כשם שהכהנים הללו נחברים על הגורן ליטול את חלקם כך עשו שמעון ולוי לשכם. שנא׳ דרך ירצחו שכמה מדרך ירצחו שמעון ולוי לשכם. הכזונה וגו׳ אמרו מה הם נוהגין בנו כבני אדם של הפקר ומי גרם ותצא דינה בת לאה. (מ״ב יד) החוח אשר בלבנון שלח אל הארז אשר בלבנון זה חמור אבי שכם. שלח אל הארז זה יעקב: תנה את בתך לבני לאשה שכם בני חשקה נפשו בבתכם. (שם) ותעבר חית השדה ותרמס ואת חמור ואת שכם בנו הרגו. מי גרם ותצא דינה בת לאה: (ג) ר׳ יהודה בר סימון פתח (משלי כז) אל תתהלל ביום מחר ואת אמרת (בראשית ל) וענתה בי צדקתי ביום מחר. מחר בתך יוצאה ומתענה הה״ד ותצא דינה וגו׳. ר׳ חנינא בשם ר׳ אבא הכהן ב״ר אלעזר פתח (איוב ו) למס מרעהו חסד. מנעת חסד מן אחוך היא נסבת לאיוב שאינו לא

## מתנות כהונה

פירש׳ עניבא אין יודעין נסרה נגהגיה עד סרוחין בתה תכלה גם היא זונה: עד לשכם. חברי כהנים: כשם בתה נוגחת: (יד) ליה אתהא כו׳. אין כאשה מונה פאין כו׳. עד בבכב: (טו) דרך ירצחו כו׳. פירש״י מן כדין

באבטער זייגע שטויסט. ווייס מען אז זיין פאטער איז אויך אשטויסער. ווען ווייס מען אויף אאשה אז זיא איז אזונה. אז מען זעהט די טאכטער אירע איז מונה ווייס מען אז די מוטער איז אויך אזונה. האט ריש לקיש גיזאגט ווי דו זאגסט איז דאך אונזער מוטער לאה גיוועזן אזונה. ווייל דינה האט מונה גיוועזן. האט יוסי מעונאה גיזאגט עס שטייט אין פסוק לאה איז ארויס גיגאנגען געגין יעקב. זיא איז גיוועזן געצירט אזוי ווי אזונה. דריבער איז איר טאכטער דינה אויך ארויס גיגאנגען אונ האט מונה גיוועזן: (ב) וכחכי איש גדודים. (אזוי ווי עס ווארטין אקאמפאניע מענטשין) חבר כהנים (אבהעפטונג פון כהנים) דרך ירצחו שכמה כי זמה עשו. דו מיינסט אזוי ווי גזלנים זיצען אויף דעם וועג אונ הרגנן מענטשין אונ נעמין צו זייער געלט. אזוי האט שמעון אונ לוי גיטאהן צו שכם. ניין. ניט אזוי האבין זיי גיטאהן. נאר ווי אבהעפטונג פון כהנים. וואס טוהען דען די כהנים. אזוי ווי די כהנים בהעפטין זיך צו דעם שייער תבואה צו נעמען זייער חלק תרומה אונ מעשר. אזוי האבין זיך בהעפט שמעון אונ לוי אויף שכם. ווי דער פסוק זאגט דרך ירצחו שכמה. די וועג איז אזוי גיוועזן. דער דין איז אזוי גיוועזן אז שמעון אונ לוי זאלין הרגנן שכם. זאלין זיי דען מאכין אונזער שוועסטער אזוי ווי אזונה. זענען מיר דען הפקר מענטשין וואס מען זאל מיט אונז טאהן וואס מען וועט וועלין. ווער האט גיברייננט צו דעם. דינה זאל ארויס גיין. ווייל זיא איז די טאכטער פון לאה. דער פסוק זאגט דער דארין פון וואלד האט געשיקט צום טענין בוים. דער דארין פון וואלד דאס איז חמור דער פאטער פון שכם. האט געשיקט צום טענען בוים דאס איז יעקב. גיב דיין טאכטער פאר אווייב צו מיין זוהן שכם גלוסט צו האבין אייער טאכטער פאר אווייב. איז דורך גיגאנגען אחיה פון פעלד אונ האט צו טרעטין דעם דארין. דאס מיינט מען שמעון אונ לוי האבין געהרגת דעם חמור מיט זיין זוהן שכם. ווער האט גיברייננט צו דעם. וואס דינה די טאכטער פון לאה איז ארויס גיגאנגען אין דיא שטאט שכם: (ג) רבי יהודה בר סימון האט אנגיהויבין דרשנן די פרשה מיט דעם פסוק דו זאלסט דיך ניט לויבין מיט מארגענדיגען טאג. יעקב האט גיזאגט מארגין וועט אויף מיר עדות זאגין מיין פרומקייט. מארגין וועט דיין טאכטער ארויס גיין אונ וועט גיפייניגט ווערין. רבי חנינא זאגט רבי אבא הכהן בררבי אלעזר האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק למס מרעהו חסד. ער האט פארמיטען פון זיין חבר חסד. יעקב האט ניט גיוואלט טאהן חסד מיט זיין ברודער עשו. ער האט בעהאלטין זיין טאכטער דינה ער האט מורא גיהאט טאמער

וועט

לא כר ולא מהול. לא בקשת להשיאה למהול הרי היא נשאת לערל. א בקשת
להשיאה דרך היתר הרי נשאת דרך איסור : (ד) ותצא דינה וגו'. ר' תנחומא פתח
(קהלת ז) אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי. ר' יהושע בש"ר לוי
פתח (משלי ח) והפרעו כל עצתי הה"ד (בראשית ב) ויבן ה' אלהים את הצלע. ויבן
(פז) התבונן מהיכן לבראותה וכו'. ר"ל (יז) מייתי לה מהכא ויבן שם מזבח. ר' ברכיה
בשם ר' לוי אמר לאחד שהיה בידו ליטרא אחת של בשר וכיון שגלה אותה ירד
העוף והטפה ממנו. כך ותצא דינה בת לאה מיד וירא אותה שכם בן חמור. ר'
שמואל בר נחמן אמר (יח) שגלה בה דרועה. וישכב אותה ויענה. וישכב אותה כדרכה
ויענה שלא כדרכה. ויעקב שמע כי טמא את דינה בתו והחריש יעקב הה"ד
(משלי יא) ואיש תבונות יחריש : (ה) ובני יעקב באו מן השדה כשמעם איסי בן
יהודה אמר ד' מקראות אין להם הכרע. ואלו הן (יט) שאת (כ) ארור (כח) וקם
משוקדים

## מתנות כהונה

ראתו לבכה כי זמם עשו כד"א הכוונה יעבה וגו' : (עז) התבונן. ויבן דרש לשון הבונה מדלא כתיב ויבנה : (יז) מייתי לה מן הכא. על איזו עין בקרת עצמו אלום ירע לו זה : (יח) שגלה בה דרועה. י"ל נתגלה נס זרוע כלה וחזו וירא : (יט) שאת. אם תטיב שאת והוא לשון סליחה או שאת אם לא תטיב והוא לשון כביכול עון : (כ) ארור אפס כי עז או עקרו שור ארור כלומר שור של שכם בכוח מארור כנען : (כח) וקם. הנך שוכב עם אבותיך

---

וועט עשו זיא וועלין געמען פאר אווייב. וועט זיא זיין אווייב צו איוב. וואס ער איז ניט
קיין גר אונ ניט געמלת. דו האסט ניט געוואלט איר געבין פאר אווייב צו אזעלכין וואס
איז געמלת. וועט זיא חתונה האבין מיט אזעלכין וואס איז ניט געמלת. דו האסט ניט געוואלט
חתונה מאכין דיין טאכטער. ווי עס דארף זיין. וועט זיא חתונה האבין ניט ווי דער דין
(ד) ותצא. דינה די טאכטער פון לאה איז ארויס גיגאנגען אין די שטאט שכם. רבי
תנחומא האט אנגיהויבין די פרשה מיט דעם פסוק אמאנס פערזאהן האב איך גיפונען
איינעם פון טויזענד. אונ אאשה האב איך איינע פון טויזענד אויך ניט גיפונען. רבי יהושע
פון רבי לוי'ס וועגין האט אנגיהויבין די פרשה מיט דעם פסוק איר האט גישטערט
מיינע אלע עצות. ווארום עס שטייט אין פסוק ויבן ה' אלהים את הצלע. גאט האט
גיקלערט פון וועלכין גליד פון אדם זאל ער באשאפין זיין ווייב. אונ ער האט איר באשאפין
פון דער זייט ניט פון פוס. זיא זאל ניט זיין אאומלויפערין. אונ זיא איז דאך אאומלויפערין.
רבי לוי זאגט פון דעם פסוק יעקב האט גיבאהט אמזבח אונ ער האט זיך גירופין אל
(אגאט) דריבער איז ער גישטראפט גיווארין (ווי עס שטייט אין סוף פרשה עט) : רבי
ברכיה האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין איינער האט גיהאלטין אין האנט אפונט פלייש ווי
ער האט גיעפונט די האנט איז גיקומען אפויגיל אונ האט די פלייש אוועק געכאפט. אזוי
איז גיוועזן ביי דינה. ווי זיא איז נאר ארויס גיגאנגען האט איר באלד דער זעהן שכם אונ
האט איר גיכאפט צו זיך. רבי שמואל בר נחמן זאגט די האנט פון דינה האט זיך
אויפגידעקט האט שכם גיזעהן איר שיינקייט. ער איז גילעגין מיט איר אונ האט איר
גיפייניגט. ער איז גילעגין מיט איר ווי מיט אווייב; אונ ער האט איר גיפייניגט ווייל ער
איז גילעגין מיט איר ניט ווי די וועלט טוהט נאר אזוי ווי מיט אזכר. יעקב האט גיהערט
אז שכם האט פאר אונרייניגט זיין טאכטער דינה. האט יעקב געשוויגען. ווי דער פסוק
זאגט דער קלוגער שווייגט : (ה) ובני יעקב באו מן השדה כשמעם ויתעצבו. איסי בן
יהודה זאגט פיר פסוקים זעגען דא וואס מען ווייס ניט ווי אזוי מען זאל זייא לייענען. דאס
זענען זיי. שאת. ארור. וקם. משוקדים (עס שטייט אין פסוק אם תיטיב שאת ואם לא
תיטיב. אז מען וויל קען מען לייענען. אם תיטיב שאת. אויב דו וועסט גוט זיין וועט מען
דיר מוחל זיין. אונ אז מען וויל קען מען לייענען שאת ואם לא תיטיב. דו וועסט טראגין
דיין עבירה אויב דו וועסט ניט גוט זיין. עס שטייט אין פסוק ברצונם עקרו שור ארור
אפם כי עז. אז מען וויל קען מען לייענען ברצונם עקרו שור ארור. מיט זייער ווילע

(כב) משוקדים. ר״ תנחומא מוסיף חדא ובני יעקב באו מן השדה כשמעם. או
(כג) כשמעם ויתעצבו האנשים. וכן לא יעשה. אפי׳ בא״ה שמשעה שלקה העולם
בדור המבול עמדו וגדרו עצמן מן העריות: (ו) וידבר חמור אתם לאמר. ר״ל
אמר בג׳ לשונות של חבה חבב הקב״ה את ישראל. בדביקה בחשיקה ובחפיצה.
בדביקה (דברים ד) ואתם הדבקים. בחשיקה (שם ז) לא מרובכם מכל העמים חשק
ה׳. ובחפיצה (מלאכי ג) ואשרו אתכם (כד) כל הגוים וגו׳. ואנו למדים אותה מפרשתו
של רשע הזה. בדביקה ותדבק נפשו: בחשיקה שכם בני חשקה נפשו בבתכם.
בחפיצה כי חפץ בבת יעקב; ר׳ אבא בר אלישיב מוסיף אף תרתין. באהבה ודיבור.
באהבה (שם ה) אהבתי אתכם. בדיבור (ישעיה מ) דברו על לב ירושלם. ואנו למדים
מפרשתו של רשע הזה. באהבה ויאהב את הנערה. בדיבור וידבר על לב הנערה.
וכי

## תוספות חיים

וקס לתתיית המינים לו וקס העם הזה וגו׳ ׃ (כב) משוקדים. פ״נ (כג) כשמעם ויתעצבו האנשים וכן לא יעשה אפי׳ ׃
במנורה ארבעה גביעים משוקדים או משוקדים כפתוריה ׃ פ״נ (כד) כל הגוים וגו׳ וסיפיה דקרא כי תהיו אתם ארץ חפץ ׃

האבן זיי אויס געריסען דעם פארפלוכטין אקם. אונ אז מען וויל קען מען לייענען ארור
אפם כי עז. פארפלוכט זאל זיין זייער כעם ער איז שטארק. עס שטייט אין פסוק הנך
שוכב עם אבותיך וקם העם הזה וזנה. אז מען וויל קען מען לייענען הנך שוכב עם אבותיך
וקם. וועסט שטארבין מיט דיינע עלטערין. אונ וועסט אויפשטיין. אונ אז מען וויל קען
מען לייענען וקם העם הזה וזנה. דאס פאלק וועט אויפשטיין אונ וועט דינען עבודה זרה.
עס שטייט אין פסוק ארבעה גביעים משוקדים בכפתוריה ופרחיה. אז מען וויל קען מען
לייענען ארבעה גביעים משוקדים. פיר בעכער אויס געקלאפט. אונ אז מען וויל קען מע
לייענען משוקדים בכפתוריה ופרחיה. אויס גיקלאפט זאל זיין אירע עפיל אונ אירע בלומען:
רבי תנחומא זאגט נאך א פסוק ובני יעקב באו מן השדה כשמעם ויתעצבו. אז מען וויל
קען מען לייענען ובני יעקב באו מן השדה כשמעם. די קינדער פון יעקב זענען גיקומען
פון פעלד (פאר די צייט). אזוי ווי זיי האבין נאר גיהערט אין פעלד פון שכם מיט דינה.
אונ אז מען וויל קענען מען לייענען כשמעם ויתעצבו. די קינדער פון יעקב זענען געקומען
אהיים פון פעלד צו זייער צייט אונ זיי האבין אין פעלד גאר ניט גיהערט. ווי זיי האבין
אבער אין דער היים גיהערט פון דינה מיט שכם האבין זיי גימרויערט. האבין די קינדער
פון יעקב גיזאגט אזוי ווערט ניט גיטאהן אפילו ביי גוים. ווארום פון דער צייט. וואס דער
מבול איז גיוועזן האבין אלע פעלקער אויף זיך גינומען זיי זאלין ניט מזנה זיין: (ו) וידבר.
חמור האט גירעט מיט יעקב אונ זיינע קינדער. ריש לקיש זאגט מיט דרייערליי ווערטער
פון ליבשאפט האט גאט גירעט צו די יודין. בדביקה. בחשיקה. בחפיצה. בדביקה.
מיט בהעפטונג. ווי עס שטייט אין פסוק ואתם הדבקים. איר זענט בהעפט צו גאט.
בחשיקה. מיט גלוסטונג. ווי עס שטייט אין פסוק לא מרובכם מכל העמים חשק ה׳ בכם.
ניט ווייל איר זענט מעהר פון אלע פעלקער האט גאט אייך גיגלוסט. בחפיצה מיט
בגערונג. ווי עס שטייט אין פסוק ואשרו אתכם כל הגוים אלע פעלקער וועלין אייך לויבין
כי תהיו אתם ארץ חפץ. ווייל איר וועט זיין א בגערינגע לאנד צו גאט. אונ די דריי
ווערטער אז זיי ווייזין אויף ליבשאפט לערנען מיר פון די רייד וואס חמור האט גירעט צו
יעקב. דביקה. בהעפטונג. חמור האט גיזאגט ותדבק נפשו. שכם האט זיך בהעפט מיט
ליבשאפט צו דינה. בחשיקה. מיט גלוסטונג. חמור האט גיזאגט מיין זוהן שכם חשקה
נפשו בבתכם. גלוסט מיט ליבשאפט צו אייער טאכטער. בחפיצה מיט בגערונג. חמור
האט גיזאגט כי חפץ בבת יעקב מיין זוהן שכם וויל די טאכטער פון יעקב פאר א ווייב.
רבי אבא בר אלישיב זאגט נאך צוויי ווערטער פון ליבשאפט האט גאט גיזאגט צו די יודין
אהבה אונ דבור. אהבה ליבשאפט. גאט האט גיזאגט צו די יודין אהבתי אתכם. איך
האב

וכי יש לך אדם שמדבר על הלב אלא דברים שמישבים את הלב. אמר לה אביך בשביל שדה אחת ראה כמה בזבז וכמה ממון הכריע. אני שיש לי ליתן לך כמה נטעים וכמה שדות בית זרע (כה) עאכ"ו: (ז) והתחתנו אתנו. א"ר אלעזר לעולם אין ישראל נותן אצבעו בתוך פיו של עכו"ם תחלה אלא א"כ נותן עכו"ם אצבעו תחלה בתוך פיו של ישראל. התחתנו אותנו ולא תתחתן בם הם אמרו והתחתנו אותנו הם תבעו תחלה. הרבו עלי מאד מהר ומתן. מוהר (כו) פרנון מתן פראפורנון. ויענו בני יעקב את שכם וגו'. מה אתה סבור (כז) רמיות דברים יש כאן רוה"ק אומרת אשר טמא את דינה אחותם וגו'. ויאמרו אליהם לא נוכל לעשות הדבר הזה לתת את אחותנו לאיש אשר לו ערלה כי חרפה וגו'. ר' נחמיה אמר היכן מצינו שנקראת ערלה חרפה מן הכא כי חרפה היא. מקניהם וקנינם וגו' (כח) סברון למחפת ואתחפתון. וישמעו אל חמור

## מתנות כהונה

(כה) עאכ"ו כו'. שהרגו ליה: (כו) פרנון מוהר: ה"ג במדב"ן פירא פורנן ופי' בו נכסי מלוג: (כז) רמיה דברים כו'. כלומר אם נפשך לומר שבני יעקב עשו שלא כדין וברמיה כדכתיב במרמה לפיכך רוח הקודש כו' ודייק מדכתיב ויענו אשר טמא ואם דברי בני יעקב הוא היך עם אשר טמא וכי שאל אותם אם טמא אחיהם אם לא שענו אותו אשר טמא כו': (כח) סברון למחפת כו'. כלומר הסבו לתת אותם בבית יד שלהם כלומר לפגע בהם כרצונם והם נתנו

---

האב איך ליב. דבור. רעדין. נאך האט געזאגט צו די נביאים דברו על לב ירושלים. איר זאלט רעדין אויף די הארץ פון ירושלים גוטע רייד אונ טרייסטונג. אונ דאס רעדען מיר פון די רייד וואס חמור האט גירעט צו יעקב. באהבה. מיט ליבשאפט. ויאהב את הנערה. ער האט ליב גיהאט דאס מיידיל. בדבור. מיט רייד. וידבר על לב הנערה. ער האט גירעט אויף דאס הארץ פון דאס מיידיל. אז מען רעט איינעם אויפין הארץ. רעט מען צו אים אזעלכע רייד וואס ברוהיגען דאס הארץ. ליבליכע רייד אונ טרייסטונג. שכם האט גיזאגט צו דינה זעה נאר פאר אקליין שטיקול פעלד ווי פיל געלט דיין פאטער האט גיגעבין אונ איך קען דאך דיר געבין אזוי פיל פעלדער אונ אזוי פיל בוימער. דארפסטו דאך זיך בהעפטין מיט מיר דו זאלסט זיין מיין ווייב: (ז) והתחתנו. שכם האט גיזאגט צו יעקב איר וועט אייך מתחתן זיין מיט אונז. רבי אלעזר זאגט קיין מאהל שטעקט ניט אריין דער יוד זיין פינגער צום גוי אין מויל ער זאל אים בייסין. נאר פריער שטעקט אריין דער גוי זיין פינגער צום יוד אין מויל ער זאל אים בייסין די גוים האבין פארלאנגט פון יעקב ער זאל זיך מתחתן זיין מיט זיי. אונ נאך האט גיזאגט ער זאל זיך ניט מתחתן זיין מיט זיי. די גוים האבין גיזאגט צו יעקב ער זאל זיך מתחתן זיין מיט זיי. האבין זיי פריער פארלאנגט פון יעקב ער זאל זיך בהעפטין מיט זיי. ווייל זייא האבין גיוואלט צו נעמען דאס פארמעגין פון יעקב. ווי זיי האבין גיזאגט זייערע בהמות אונ זייער פארמעגין וועט בלייבין ביי אונז. שכם האט גיזאגט צו יעקב הייסט מיר געבין פיל מוהר אונ מתן וועל איך געבין. מהר איז כתובה אונ מתן איז מתנות. וואס זאלין זיין איר אייגענע. די קינדער פון יעקב האבין גיזאגט צו שכם זיי זאלין זיך מל זיין. דו מיינסט אז דאס איז אפאלשקייט. האט נאך גיזאגט זיי זענען גירעכט. פאר וואס האט שכם מטמא גיוועזן זייער שוועסטער דינה. די קינדער פון יעקב האבין גיזאגט צו שכם מיר קענען ניט טאהן אזוי אזאך צו געבין אונזער שוועסטער צו אזוי אמענטש וואס איז ניט געמלת ווארום דאס איז ביי אונז אשאנדע. רבי נחמיה זאגט ווא געפינען מיר אז ניט געמלת איז אשאנדע. פון דעם פסוק. וואס יעקב'ס קינדער האבין גיזאגט צו שכם אז עס איז ביי זיי אשאנדע צו זיין ניט געמלת: דיא מענטשין פון שכם האבין גיוואלט אריין נעמען יעקב מיט זיינע קינדער אין זייער הארביל. זיי האבין גיזאגט זייער גאנץ פארמעגין וועט בלייבין ביי אונז. זענען זיי אריין גיגעבין גיווארין אין דעם הארביל פון יעקב'ס קינדער. האבין יעקב'ס קינדער צו גינומען זייער פארמעגין אלע מענטשין פון שטאט שכם האבין גיטאהן ווי חמור מיט זיין זוהן שכם

האבין

חמור ואל שכם בנו וגו'. הוה (כט) חד מנהון נכנס לעיר טעין טובילתיה וא"ל תא גזור. והוה אמר שכם נסיב וסגבאי קטע: (ח) ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים. תמן תנינן (ל) מרחיצין את הקטן. דבי ר"מ מרחיצין את המילה. א"ר יוסי את תני מרחיצין את הקטן. א"ר זעירא (לא) בכל שעה הוה ר' יוסי א"ל (לב) תני מתניתך דתנן אין סונעים לא שמן ולא חמין מעל גבי המכה בשבת ולא עוד אלא שמזלפין חמין על גבי המכה בשבת. וא"ת מרחיצין את המילה (לג) מאי שנא היא מכת קטן ממכת גדול. אלא ללמדך מרחיצין את הקטן כל גופו מה שאין כן בגדול אלא ע"ג המכה בלבד. ר"א בן עזריה אומר מרחיצין את הקטן ביום השלישי של מילה שחל להיות בשבת. א"ר יעקב בר אחא בכל שעה הוה ר' יוחנן ור' יונתן מפקידין חייתא ואמרי להון כל (לד) שקועין (לה) שאתון עבדין בחולא הוון עבדין בשבתא ביום השלישי שחל יהיות בשבת. שמואל אמר (לו) מפני הסכנה. א"ל ר' יוסי אם מפני הסכנה (לז) נעשה לו חמין בשבת. דתנן מהסם אדם (לח) אלונתית ונותנה על גב מכתו

## מתנות כהונה

בנית ידם של בני יעקב. כה אמרו מקניהם וקנינם הלא לנו היא ובני יעקב באו על העיר בטח וגו': (כט) חד מנהון. אחד מבני העיר היה בא לעיר מן השדה וכמו מגבאי והיה טוען עליו משאוי והיו בני העיר אומרין לו בא והמול עצמך וספרו לו מעשה שכם ואמר הוא שכם כבא אבה ומגבאי יקטע ויכרות ערלתו: (ל) מרחיצין את הקטן. משמע כל גופו מרחיצין את המילה פי' המילה לבדה ולא כל הגוף: (לא) בכל שעה. אף בשבת: (לב) תני מתניתך כלומר יפה שנית שבוודאי מרחיצין אותו אף בשבת: (לג) מ"ש היא מכת קטן. ולמה ליה לתנא למיתני מרחיצין את מכת מילתו: (לד) שקועין. כל בקיאים כלומר כל מיני רפואות שאתם בוקים ומתקנין: היתה המילדות בעוסקין בתיקון הולד ורפואתו: ה"ג בירושלמי (לה) שאתון עבדין בחולא כו', פי' שאתם עושין בחול עשו ג"כ ביום השלישי שחל להיות בשבת: (לו) מפני סכנה. מדכתיב ביום הג' בהיותם כואבים כואב אינו אומר אלא כואבים בשעה שכל איבריהם כואבים עליהם: (לז) נעשה לו חמין. בניחותא: (לח) אלונתית. בגד שמסתפגין

---

האבין פון זיי פאר לאנגט. אונ האבין זיך געמלת. אז איינער איז גיקומען אין שטאט מיט סחורה אדער מיט איין אנדער משא. האט מען גיזאגט צו אים ער זאל זיך מל זיין. האט ער גיענטפערט שכם וויל געמען אוייב זאל מגבאי זיך מל זיין (דער וואס האט דאס גיזאגט האט גיהייסין מגבאי): (ח) ויהי. עס איז גיוועזן דעם דריטען טאג נאך דעם מל זיין אונ זיי זענען נאך גיוועזן קראנק. דארט האבין מיר גילערנט מען מעג באדין אקינד אום שבת. דבי רבי מאיר האבין גיזאגט נאר די מילה מעג מען ארומוואשין אום שבת. האט רבי יוסי גיזאגט דו זאלסט לערנען מען מעג באדין אקינד אום שבת. רבי זעירא זאגט צו יעדער צייט מעג מען באדין דאס קינד. אפילו אום שבת. רבי יוסי האט גיזאגט לערין נאך אמאהל דיין לערנונג ווארום דער דין איז אזוי. ווארום מיר האבין גילערנט מען מעג גיסען בוימאייל אונ ווארעמע וואסער אויף אמכה אום שבת. אונ מען מעג שפריצען ווארעמע וואסער אויף אמכה אום שבת. אז דו וועסט זאגין אז נאר די מילה מעג מען באדין אום שבת. געוויס אז מען מעג. איז דען ערגער די מכה פון אקינד ווי די מכה פון אגרויסין מענטש. נאר די משנה מיינט אקינד נאך דעם מל זיין מעג מען אים אין גאנצין באדין אום שבת. אבער ביי אגרויסען מענטש מעג מען נאר גיסען ווארעמע וואסער אויף די מכה. רבי אליעזר בן עזריה זאגט מען מעג באדין אקינד דעם דריטען טאג נאך דעם מל זיין אז עס איז אום שבת. רבי יעקב בר אחא זאגט רבי יוחנן אונ רבי יונתן פלעגין אלע מאהל זאגין צו די הייבאמס אלע זאכין וואס איר טוהט צום קינד נאך דעם מל זיין אומדערוואכין. זאלט איר טאהן אום שבת אויך. אויב דער דריטער טאג פון מל זיין איז אום שבת. שמואל זאגט ווייל דאס קינד איז גאך אין אסכנה. האט רבי יוסי גיזאגט אויב עס איז אסכנה דארף מען מעגין אנווארעמען וואסער אום שבת פון ווייגעטוועגין מיר האבין גילערנט אמענטש מעג אנווארעמען אהאנטטוך אום שבת אונ לייגין אויף זיין מכה. אבער ער טאר ניט געמען אשיסול פול מיט ווארעמע וואסער אונ שטעלין אויף דעם בויך אום שבת. אבער צו לייגין ווארעמע וואסער פון וועגין ארפואה מעג ער יא. רבי יהושע

מנהו בשבת לא יטיל עריבה מלאה חמין ויתנה על כריסו בשבת. אבל המין לרפואתו
מותר אריב"ל לית כאן אסור אלא מותר: (מ) ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי.
ממשמע שנא' שמעון ולוי ידענו שבני יעקב הם. אלא בני יעקב שלא נטלו עצה
מיעקב. שמעון ולוי שלא נטלו עצה זה מזה. אחי דינה (לט) וכי אחות שניהם היתה
והלא אחות כל השבטים היתה אלא לפי שנתנו אלו נפשם עליה נקראת על שמם
ודכוותה (שמות טו) ותקח מרים הנביאה אחות אהרן וכי אחות אהרן היתה והלא
(מ) אחות שניהם היתה. אלא לפי שנתן אהרן נפשו עליה לפיכך נקראת על שמו.
ודכוותה (במדבר כה) ועל דבר כזבי בת נשיא מדין אחותם וכי אחותם היתה והלא
בת אומתן היתה אלא לפי שנתנה נפשה (מח) על אומתה נקראת אומתה על שמה.
איש חרבו. ר' אלעזר אומר (מב) בני י"ג שנה היו. שמואל שאל ללוי בר סיסי א"ל
מהו דין דכתיב ויבאו על העיר בטח. א"ל בטוחים היו על (מג) כחו של זקן. ולא
היה יעקב אבינו רוצה שיעשה בניו אותו המעשה וכיון שעשו בניו אותו מעשה אמר
מה אני מניח את בני ליפול ביד או"ה. מה עשה נטל חרבו וקשתו ועמד לו על
פתחה של שכם. אמר אם יבואו או"ה להזדווג להם לבני אני נלחם כנגדן. הוא דהוא
א"ל ליוסף (בראשית מח) ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך וגו'. והיכן מצינו שנטל
יעקב

## מתנות כהונה

כי לאמר הרמילה: (לט) וכי אחות שניהם. בלבד היתה: יבואו על אומתה: (מב) בן י"ג. שאז נקרא איש חשוב
(מ) אחות שניהם. של משה ואהרן: (מח) על אומתה. למגות: (מג) כוחו משמע. כוחו וגבורתו ממש:
שהפקירה עצמה לזנות ולהריגה בשביל להחטיא ישראל כלה

---

בן לוי זאגט עס איז נאר ניט אסור צו לייגן ווארעמע וואסער אום שבת וועגן ארפואה.
אפילו די רבנן האבן אויך ניט געאסרת. נאר עס איז מותר: (מ) ויקחו. די צוויי קינדער
פון יעקב שמעון אונ לוי האבן גינומען זייערע שווערדין. אז מיר זאגין שמעון אונ לוי
ווייסין מיר דאך אז מען מיינט יעקבס קינדער. צו וואס שטייט יעקבס קינדער. נאר דער
פסוק וואנדערט זיך. זיי זענען קינדער פון יעקב אונ האבן ניט גיפרעגט ביי יעקב אויב
זיי זאלין הרגנן די מענטשין פון שכם אדער ניין. שמעון אונ לוי. זיי האבן ניט גינומען
קיין עצה איינער פון אנדערין. זיי האבן ניט גיפרעגט ביי יענע ברידער נאר זיי האבין
גיטאהן ווי זיי האבין גיוואלט. די ברידער פון דינה. איז דען דינה גיוועזן די שוועסטער
נאר פון שמעון אונ לוי. זיא איז דאך גיוועזן אשוועסטער פון אלע ברידער. נאר ווייל
זיי האבין זיך מוסר נפש גיוועזן פאר איר. דריבער ווערט זיא גירופין אויף זייער נאמען.
נאך אזוי אגלייכין זאגט דער פסוק מרים די נביאה די שוועסטער פון אהרן. איז זיא דען
גיוועזן נאר אהרנס שוועסטער. זיא איז דאך גיוועזן משהס שוועסטער אויך. נאר ווייל
אהרן האט זיך מוסר נפש גיוועזן פאר איר. דריבער ווערט זיא גירופין אויף זיין נאמען.
נאך אזוי אגלייכין זאגט דער פסוק פון וועגן כזבי די טאכטער פון דעם נשיא פון מדין
זייער שוועסטער. איז זיא דען גיוועזן אשוועסטער פון גאנץ מדין. זיא איז דאך נאר
גיוועזן גיבארין פון דעם פאלק מדין. נאר ווייל זיא האט זיך מוסר נפש גיוועזן פאר איר פאלק ווערט
דאס גאנצע פאלק גירופין אויף איר נאמען. שמעון אונ לוי יעדער האט גינומען די
שווערד. רבי אלעזר זאגט זיי זענען אלט גיוועזן צו דרייצעהן יאהר. שמואל האט גיפרעגט
ביי לוי בר סיסי וואס מיינט דער פסוק זיי זענען גיקומען אויף די שטאט זיכער. האט לוי
גיזאגט זיי זענען גיוועזן פאר זיכערט אויף דעם זכות פון יעקב. יעקב האט ניט גיוואלט
זיינע קינדער זאלין הרגנן די שטאט שכם. נאר ווי זיי האבין דאס שוין גיטאהן. האט
יעקב גיזאגט וועל איך דען לאזין מיינע קינדער זאלין פאלין אין די הענט פון די פעלקער
וואס האט יעקב גיטאהן. ער האט גינומען זיין שווערד אונ זיין פיילע בויגין אונ האט
זיך גישטעלט ביי די טיר פון די שטאט שכם. ער האט גיזאגט אויב די פעלקער וועלין
קומען מלחמה האלטין מיט מיינע קינדער. וועל איך גיגין זיי מלחמה האלטין. דאס
האט

יעקב אבינו חרבו וקשתו בשכם. שנאמר (כט) אשר לקחתי מיד האמרי בחרבי ובקשתי: (י) ואת חמור ואת שכם בנו וגו׳ ויקחו את דינה. ר׳ יודן אמר (מד) גוררין בה ויוצאין. א״ר הונא הנבעלת לערל קשה לפרוש. אר״ה אמרה (מה) ואני אנה אוליך את חרפתי. עד שנשבע לה שמעון שהוא (מו) נוטלה. הה״ד (בראשית מו) ושאול בן הכנענית בן דינה שנבעלה לכנעני. ר׳ יהודה ור׳ נהמיה ורבנן. ר״י אמר שעשתה כמעשה כנענים. ר״נ אמר שנבעלה מחוי שהוי בכ״ל כנענים. ורבנן אמרי נטלה שמעון (מז) וקברה בארץ כנען. ויאמר יעקב אל שמעון ואל לוי עכרתם אותי. רבנן אמרי צלולה היתה החבית ועכרתם אותה. מסורת היא בידי הכנענים שהם עתידין ליפול בידי. אלא שאמר הקב״ה עד (מח) אשר תפרה בששים רבוא. א״ר יהודה בר סימון עכורה היתה החבית (מט) וצללנו אותה. ויאמרו הכזונה. אמרו מה הם נוהגים בנו כבני אדם של הפקר. מי גרם ות צא דינה

יאמר

## מתנות כהונה

(מד) גוררין בה. היו גוררין אותה בעל כרחה: מהם תולשם לא מה אהד מבני יעקב בארץ כנען ומנ (מה) ואני אנה כו׳. ליבנא דקרא נקט גבי תמר אהות כם כך נקראת כבנענית. (מח) אבר תפרם כו׳. והם הכבלכוז: (מו) נוטלה. טבא הוהו להבם יקודם כהן הורה היו יודעין זה ולא מבגיהים על העתיד לבא: (מט) וצללנו אוהרו אחת ואחות: (מז) וקברם בארץ כנען. כי כם אותם. שאחר כל האומות ישמעו וירלו ולא יזידון עוד

דאס יעקב גיזאגט צו יוסף איך האב דיר געגעבן שכם. דאס וועט זיין דיין חלק בזונדער. מער פון דיינע ברידער. וואס איך האב גינומען פון אמורי מיט מיין שווערד אונ מיט מיין פיילע בויגן. ווא געפינען מיר אז יעקב האט גינומען זיין שווערד אונ זיין פיילע בויגן ביי שכם. וואס ער זאגט איך האב גינומען שכם פון אמורי מיט מיין שווערד אינ מיט מיין פיילע בויגן. נאר ווי מיר זאגין פריער אז ער איז גיקומען אין שכם מיט זיין שווערד צו בעשיצען אויף זיינע קינדער: (י) ואת חמור. שמעון אונ לוי האבין געהרגת דעם חמור אונ זיין זוהן שכם אונ זייא האבין גינומען זייער שוועסטער דינה. רבי יודן זאגט דינה האט ניט גיוואלט גיין האבין זיי איר ארוים גישלעפט פון דארטין. רבי הונא זאגט די אשה וואס אגוי האט מיט איר מזנה גיוועזן. איז איר שווער זיא זאל זיך אפשיירין פון אים. רבי הונא זאגט דריבער האט דינה ניט גיוואלט אוועק גיין ווייל זיא האט זיך גישעמט זיא האט גיזאגט ווא הין וועל איך פירען מיין חרפה. ביז שמעון האט גישווארין ער זאל זיא נעמען פאר אווייב. ווי דער פסוק זאגט דער זוהן פון שמעון האט גיהייסין שאול דער זוהן פון די כנענית. דער זוהן פון דינה וואס זיא האט מזנה גיוועזן מיט דעם כנעני (מיט שכם). רבי יהודה אונ רבי נחמיה אונ די רבנן קריגען. רבי יהודה זאגט דריבער רופט מען דינה כנענית ווייל זיא האט גיטאהן אזוי ווי די כנענים (די כנענים זענען אויך מזנה). רבי נחמיה זאגט דריבער רופט מען דינה כנענית ווייל זיא האט מזנה גיוועזן מיט שכם וואס ער איז פון די חוים וואס זיי ווערין גירעכענט צו די כנענים. די רבנן זאגין דריבער רופט מען דינה כנענית ווייל שמעון האט איר בגראבין אין לאנד כנען. אונ נאר דינה איז גישטארבין אין כנען. אבער אלע קינדער פון יעקב זענען גישטארבין אין מצרים אונ זענען בגראבין גיווארין אין מצרים. יעקב האט גיזאגט צו שמעון אונ לוי איר האט מיך פארמישט. די רבנן זאגין אזוי האט יעקב גיזאגט צו זיינע קינדער די פאס איז גיוועזן קלאר. אונ איר האט איר פארמישט. מיין קאפ איז גיוועזן איצט ריין אן זארג. אונ אן מורא. אונ איצט האט איר אויף מיר געבריינגט אמורא. די כנענים ווייסין אז זיי דארפין פאלין אין מיין האנט. נאר נאך ניט איצט. ווארום גאט האט גיזאגט אז איך וועל גימערט ווערין מיט קינדער זעקס מאהל הונדערט טויזנד. דאמאלס וועלין די כנענים פאלין אין מיין האנט אבער ניט איצט. רבי יהודה בר סימון זאגט די קינדער האבין גיזאגט צו יעקב פארקערט איז די פאס גיוועזן פארמישט אונ מיר האבין זיא קלאר גימאכט. זיין איצט זענען מיר קליין גיוועזן ביי די פעלקער. אונ איצט וועלין זיי שוין פאר אונז

מורא

**פרשה פא** (א) ויאמר אלהים אל יעקב קום עלה וגו'. (משלי כ) מוקש אדם ילע קדש ואחר נדרים לבקר. הבא מארה לאדם שהוא אוכל קדשים (א) בלועו. תני ר' חייא הבא מארה לאדם שהוא נהנה מן ההקדש (ב) ואין הקדש אלא ישראל שנא' (ירמיה ב) קדש ישראל לה'. ואחר נדרים לבקר. א"ר ינאי איחר אדם את נדרו (ג) נתבקרה פנקסו: (ב) ויאמר אלהים אל יעקב קום עלה בית אל וגו'. (משלי ל) אם נבלת בהתנשא ואם זמות יד לפה. בן עזאי ור"ע. בן עזאי אומר אם נבלת עצמך בד"ת סופך להתנשא בהם. ואם זמות יד לפה אם (ד) נזדמנו אחריך דברים יד לפה. חד ידע תרין לא ידעין. ר"ע אמר (ה) מי גרם לך להתנבל בד"ת ע"י שנשאת את עצמך בהון. רבינו הוה עבר על (ו) סימוניא ויצאו אנשי סימוניא לקראתו. א"ל ר' תן לנו אדם אחד שיהא (ז) מקרא אותנו (ח) ושונה אותנו

והן

## מתנות כהונה

לנזוג כמו מנהג הפקר: (א) בלועו. בבית בליעתו: (ב) ואין הקדש כו'. כלומר כמו שיקולל את מועל בהקדש ממש כך יקולל הנהנה מישראל: כ"ג (ג) נתבקרה פנקסו תדע לך שכן יעקב אבינו על ידי שאיחר נדרו נתבקרה פנקסו: ★ (ד) נזדמנו כו'. שאומרים עליך דברי סרה שאינו אל תנבל להשיב ולהתקוטט עם מוציא סרה בדברי ריב ומזה שבראוי אף אם א' יודע בו לא ידעו שנים ואח"כ יתגלה לכל ולא ישקט במסרה: (ה) מי גרם לך להתנבל. שתתביים בד"ת שלא תדע להשיב לאמרים אמת ע"י שנשאת והגבהת עצמך: (ו) סימוניא. שם מקום: (ז) מקרא. לומד אותו מקרא:

---

סורא האבין. זיי האבין גיזאגט זאל אונזער שוועסטער זיין ווי אזונה. זאלין מיר רעדן זיין ביי די פעלקער ווי הפקר. זיי זאלין מיט אונז טאהן ווי זיי ווילען. ווער האט אבער געבריינגט צו די אלע זאכין. דינה וואס זיא איז ארויס גיגאנגען אליין פון שטוב:

**פרשה פא** (א) ויאמר. גאט האט געזאגט צו יעקב גייא אין בית אל. שלמה המלך האט גיזאגט מוקש אדם ילע קודש. עס זאל קומען אשטרויכלונג אונ אפלוכונג צו דעם מענטש וואס עסט אין זיין האלדז אזעלכע הייליגקייט וואס ער טאר ניט עסין. רבי חייא האט גילערנט עס זאל קומען אפלוכונג צו דעם מענטש וואס האט הנאה פון אזעלכע הייליגקייט וואס ער טאר ניט הנאה האבין. אונ אז ער האט הנאה פון איודין אזוי הנאה וואס ער טאר ניט פון אים הנאה האבין למשל ער האט ביי אים גענבת גענגזלת, זאל אויך קומען אויף אים אפלוכונג. וויל יודין ווערען אויך הייליג. וויא דער פסוק זאגט קדש ישראל לה'. יודין ווערען הייליג צו גאט. נאך האט שלמה גיזאגט ואחר נדרים לבקר. רבי ינאי זאגט אזוי מיינט שלמה. ואחר נדרים. דער וואס פארשפעטיגט צו בצאהלין זיין נדר. ווערט נאך געזוכט זיין כוך. אויב ער האט עפעס נאך עבירות שטראפט מען אים באלד: (ב) ויאמר. גאט האט גיזאגט צו יעקב גייא אין בית אל. שלמה המלך האט געזאגט אם נבלת בהתנשא ואם זמות יד לפה. בן עזאי אונ רבי עקיבא קריגען אין פשט פון דעם פסוק. בן עזאי זאגט אזוי מיינט שלמה אם נבלת אויב דו האסט דיך פאר מיאוסת דורך דער תורה. בהתנשא וועט זיין דיין סוף דו וועסט גרויס ווערין דורך די תורה. ואם זמות. אונ אויב איינער האט זיך מיט דיר געקריגט אונ האט אויף דיר גירעט שלעכטס. יד לפה זאלסטו האלטין די האנט אויף דיין מויל. אונ זאלסט אים ניט ענטפערין. וואריום אז דו וועסט פאר שווייגן וועט ער שוין ניט מער רעדין וועט נאר דער איינער וויסען. אבער צוויי וועלין ניט וויסען. אבער אז דו וועסט אים צוריק זידלען וועט ער אויף דיר רעדין פארפיל מענטשין. אנדערע וועלין גלויבין וואס ער זאגט אויף דיר. אפילו עס וועט זיין ליגען. עס איז אבער שווער מען זאל זיך פאר ענטפערין פאר פיל מענטשין. רבי עקיבא זאגט אזוי מיינט שלמה אם נבלת. אויב דו ביזט פארמיאוסט אונ פארשעמט גיווארין דורך די תורה. מען האט ביי דיר גיפרעגט תורה אונ האסט ניט גיוואסט צו ענטפערין. דאס איז וויל דו האסט דיך גרויס גיהאלטין מיט דער תורה. רבי איז אמאהל גיקומען אין סימוניא זענען די מענטשין פון סימוניא ארויס גיגאנגען געגין אים. אונ האבין גיזאגט צו אים רבי גיב אונז אמענטשין ער זאל מיט אונז לערנען תנ"ך אונ

משניות

ודן את דיננו. נתן להם ר' לוי בר סיסי. ועשו לו בימה גדולה והושיבו אותו למעלה
ממנה. נתעלמו ד"ת מפיו. שאלו אותו שלשה שאלות א"ל גדמת יבמה היאך חולצת
ולא השיבן. (ט) רקקה דם מהו ולא השיבן כלום. אמרו דלמא לית הוא (י) בר
אולפן. בר אגדה הוא. נשאליה קראי אמרון ליה מהו דין דכתיב (דניאל י) את הרשום
בכתב אמת. אם אמת למה רשום ואם (יא) רשום למה אמת. ולא השיבן. וכיון
שראה שצרתו צרה השכים בבקר והלך לו אצל רבינו. א"ל (יב) מה עבדין לך אנשי
סימוניא. א"ל אל תזכירני צרתי ג' שאלות שאלו אותי ולא יכולתי להשיבן. א"ל ומהו
אינון. א"ל גדמת במה היא חולצת. א"ל והא [לא] היית יודע להשיב. א"ל אין אפי'
בשיניה אפי' בגופה. רקקה דם מה הוא. א"ל ולא היית יודע מה להשיב. א"ל אם
היה בו צחצוחית של רוק הרי הוא כשר ואם לאו הרי זה פסול. אבל אגיד לך את
הרשום בכתב אמת אם אמת למה רשום ואם רשום למה אמת. א"ל ולא היית יודע
להשיב. א"ל רשום עד שלא נגזרה גזירה אמת משנגזרה גזירה. ומה הוא חותמו
של

## מתנות כהונה

(ח) ושונה. לומד אותו משנה: (ט) רקקה דם. ביבמה (יא) רשום. משמע רשימה בעלמא שאינו אמת וכתיב אחרי
שחלצה ורקקה לפני היבם: (י) בר אולפן. בן הלכות: אמת: (יב) מה עבדין לך. מה עשו לך שחזרת לכאן הנה:

---

משניות און זאל משפטין אונזערע דין תורות. האט רבי זיי געגעבין אמענטשין רבי לוי
בר סיסי. און די מענטשין פון סימוניא האבין געמאכט פאר רבי לוי א גרויסע בימה און
האבין אים געזעצט אויף די בימה. האט רבי לוי' פארגעסין דאס לערנען. די מענטשין
פון סימוניא האבין גיפרעגט ביי רבי לוי דריי שאלות. איין שאלה איז געוועזן איבמה וואס
האט ניט קיין הענט ווי אזוי נעמט זיא חליצה. האט ער זיי ניט גיענטפערט. אז דיא
יבמה האט געשפיגען מיט בלוט איז דאס גענוג ביי חליצה אדער ניין. האט ער זיי ניט
גיענטפערט. האבין זיי גיזאגט טאמער איז ער ניט קיין למדן אין דינים איז ער אלמדן אין
דרשות פון פסוקים. מיר וועלין אים פרעגין פסוקים. האבין זיי גיזאגט צו אים וואס מיינט
דער פסוק הרשום בכתב אמת. עס איז געצייכנט מיט אמתה שריפט. געצייכנט מיינט
מען אויף דער וויילע. דער נאך וועט מען אפמעקין. און אמת מיינט מען עס איז געשריבען
אויף אייביג. אויב עס איז אמת איז דאך ניט געצייכנט. און אויב עס איז געצייכנט
איז דאך ניט אמת. האט ער זיי ניט גיענטפערט. ווי רבי לוי האט גיזעהן אז ער איז
אין אגרויסע צרה. איז ער אויפגישטאנען גאנץ פריה און איז גיגאנגען צו רבי. האט
רבי גיזאגט צו רבי לוי וואס האבין דיר גיטאהן די מענטשין פון סימוניא. האט רבי לוי
גיזאגט צו רבי דער מאן מיך ניט מיינע צרות. דריי שאלות האבין זיי ביי מיר גיפרעגט
און איך האב ניט געוואוסט צו ענטפערין. האט רבי גיזאגט צו רבי לוי וואס זענען די שאלות.
האט רבי לוי גיזאגט איין שאלה איז איבמה וואס האט ניט קיין הענט וויא אזוי נעמט זיא
חליצה (זיא קען דאך ניט אראפ נעמען דעם שוך פון זיין פוס). האט רבי גיזאגט צו רבי
לוי דאס האסטו ניט געוואוסט צו ענטפערין. האט רבי לוי גיזאגט איך ווייס. וויא אזוי זיא
קען נעמט זיא אראפ. מיט די ציין מיט אנדערע גלידער פון איר קערפער. האט רבי
לוי גיזאגט די אנדערע שאלה איז געוועזן. אז די יבמה האט אויס געשפיגען בלוט. ווי איז
דער דין. האט רבי גיזאגט צו רבי לוי דאס האסטו ניט געוואוסט צו ענטפערין. האט רבי
לוי גיזאגט איך ווייס. אויב אין די בלוט איז געוועזן אביסעל שפייאכץ. איז א גוטע חליצה.
און אויב עס איז געוועזן נאר בלוט אן א טראפין שפייאכץ איז דאס ניט קיין חליצה. האט
רבי לוי גיזאגט די דריטע זאך איז דער פסוק איך וועל דיר זאגין וואס עס איז געצייכנט
מיט אמתה שריפט. אויב אמת איז ניט געצייכנט און אויב געצייכנט איז ניט אמת.
האט רבי גיזאגט צו רבי לוי דאס האסטו ניט געוואוסט צו ענטפערין. האט רבי לוי גיזאגט
איך ווייס. איידער עס ווערט גזר פון גאט ווערט נאר גיצייכנט. און דאס קען אפגימעקט

ווערין

של הקב"ה. רבינו בשם ר' ראובן אמר אמת. (יג) מהו אמת אמר ר"ל אל"ף בראשון
של אותיות מ"ם באמצע תי"ו בסוף על שם (ישעיה מד) אני ראשון ואני אחרון וגו'.
א"ל ולמה לא השיבות אותן כשם שהשיבות אותי. א"ל עשו לי בימה גדולה והושיבו
אותי עליה למעלה הימנה (יד) וטפת רוחי עלי ונתעלמו ממני ד"ת. קרא עליו המקרא
הזה (משלי ל) אם נבלת בהתנשא. א"ר אבא ב"כ אם חשבת בלבך דבר מצוה
לעשות ולא עשית. נוח לך ליתן זמם על פיך ולא לפסוק. א"ר יודן מה ידך סמוכה
לפיך כך יהיה נדרך סמוך לפיך. רבנן אמרי (טו) מה ידך קודם לפיך כך (טז) יהיה
נדרך קודם לפיך. תדע לך שכן שהרי יעקב אבינו ע"י שאיחר נדרו נתבקרה פנקסו.
שנאמר (בראשית לה) ויאמר אלהים אל יעקב קום עלה בית אל ושב שם ועשה
שם מזבח. א"ר אבא ב"כ (יז) בשעת עקתא נדרא בשעת רווחא שיטפא. א"ר לוי
(יח) מהולהך חרשה אקיש עלה. א"ל הקב"ה יעקב שכחת נדרך קום עלה בית אל
לביתו של אל ועשה שם מזבח לאל הנראה אליך. ואם אין אתה עושה כן הרי אתה
כעשו

## מתנות כהונה

(יג) מהו אמת. מהו הרמז של אמת להיות חותמו של הקב"ה: (יד) וטפת רוחי. ונפה רוחי כלומר נתנחה רוחי עלי: וטפת לשון הנפה: (טו) מה ידך כו'. אם זמות ותעבת נדור נדר יד לפה מה ידך כו': (טז) יהא נדרך קודם לפיך. פירש"י בתפרים ואח"כ תגדור כדי שלא תבא לידי איחור: (יז) בשעת עקתא כו'. בעת צרה נדרת ובעת הרווחה וכלה בטף ועבר מדעתך לשלמו: (יח) מה להן חרשה כו'. פירש"י אם הנפה בלך חרשת מלהשמיע קולה הקים והכא

---

ווערין. עס זאל ווערין אנדערש. אז עס איז שוין נגזר געווארין. איז אמת עס קען שוין
אנדערש ניט ווערין. ווי איז די חתימה פון גאט. רבי האט געזאגט פון רבי ראובן'ס וועגין
די חתימה פון גאט איז דער ווארט אמת. וואס איז די טייערקייט פון ווארט אמת אז
דאס זאל זיין די חתימה פון גאט. ריש לקיש זאגט ווייל דער אלף איז דער ערשטער פון
די אותיות. דער מם איז דער מיטען פון די אותיות. דער תי"ו איז דער לעצטער פון די
אותיות. דאס ווייזט אז גאט איז געווען. און ער איז. און ער וועט זיין. האט רבי געזאגט
צו רבי לוי פאר וואס האסטו זיי ניט געענפערט ווי דו האסט מיר געענפערט. האט רבי
לוי געזאגט זיי האבין געמאכט פון מיינטוועגין אגרויסע בימה און האבין מיך געזעצט אויף
די בימה בין איך ביי מיר גרויס געווארין האב איך פארגעסין דאס לערנען. האט רבי
געלייענט אויף רבי לוי דעם פסוק אם נבלת בהתנשא. אויב דו ביזט פארשעמט געווארין
דורך די תורה. דו האסט ניט געוואוסט צו ענפערין. דאס איז ווייל דו ביזט ביי זיך
גרויס געווען. רבי אבא בר כהנא זאגט אז דו האסט געטראכט אין הארצין צו טאהן אמצוה
און דו האסט ניט געטאהן. וואלט בעסער געווען דו זאלסט געגעבין אשלאס אויף דיין
מויל און דו זאלסט גאר ניט צו זאגין די מצוה צו טאהן. רבי יודן זאגט אזוי ווי דיין
האנט איז נאנט צו דיין מויל. אזוי זאל זיין דער נדר נאנט צו דיין מויל. ביי יעדער
זאך וואס דיר וועט טרעפין זאלסטו טאהן אנדר צו טאהן אמצוה. אין דעם זכות וועסטו
געהאלפין ווערין. די רבנן זאגין אזוי ווי דיין האנט איז פריער פאר דיין מויל. אזוי זאל
זיין דיין נדר פריער פאר דיין מויל. אויב ביי דיר איז אנגעגרייט שוין צו בצאהלין דיין
נדר זאלסטו טאהן אנדר. און אויב דו האסט ניט באלד צו בצאהלין. זאלסטו ניט קיין
נדר טאהן ווארום אז דו וועסט פארשפעטיגען צו בצאהלין דעם נדר קענסטו דער ווייל
געשטראפט ווערין. איך וועל דיר ווייזין אז עס איז אזוי. ווייל יעקב אבינו האט ניט
בצאהלט אזוי געשווינד זיין נדר. האט מען באלד געזוכט זיין מעשים אויב עס איז דא אים
וואס צו שטראפין (און ער איז געשטראפט געווארין. וואס רחל איז געשטארבין). ווי דער
פסוק זאגט גאט האט געזאגט צו יעקב גיי אין בית אל און זיין דארט ביז דו וועסט
מאכין דעם מזבח (וואס דו האסט אנדר געטאהן ווען דו ביזט אנטלאפין פאר דיין ברודער
עשו) רבי אבא בר כהנא זאגט גאט האט געזאגט צו יעקב ווען דיר איז שלעכט געווען
האסטו אנדר געטאהן און ווען דיר איז גוט געווארין האסטו דיין נדר פארגעסין. רבי לוי

זאגט

בעשו. מה עשו נודר ואינו מקיים אף אתה נודר ואינך מקיים: (ג) ויאמר יעקב אל ביתו. א"ר כרוכפדי א"ר יוחנן אין אנו בקיאים בדקדוקי ע"ז כיעקב אבינו דתנן המוצא כלים ועליהם צורת חמה צורת לבנה צורת דרקון יוליכם לים המלח. א"ר יוחנן (יט) כל כסות בכלל ע"ז. ויתנו אל יעקב רבי ישמעאל ב"ר יוסי סליק לצלאה בירושלם. עבר בהדין (כ) פלטנוס וחמא יתיה חד (כא) שמראי. א"ל להיכן את אזיל. א"ל (כב) מסיק מצלי בהדא ירושלם. א"ל ולא טב לך מצלי בהדא טורא בריכא ולא בההיא (כג) קלקלתא. א"ל אומר לכם למה אתם דומים לכלב שהיה להוט אחר הנבלה כך לפי שאתם יודעים שע"ז טמונה תחתיו דכתיב (כד) ויטמן אותם יעקב לפיכך אתם להוטין אחריו. (כה) אמרין דין בעי מנסבה (פירוש מאחר שזה יודע שע"ז טמונה שם ודאי יקחנה) ונתייעצו עליו להרגו קם וערק בליליא: (ד) ויסעו ויהי חתת אלהים. א"ר

## מתנות כהונה

עליה ותשמיע קולה לנפות גם קמת כך יעקב שתק ובכח את נדרו וקים הקב"ה עליו לעורר אותו לשלמו: (יט) כל כסות. דייק מדכתיב והחליפו שמלותיכם משמע ליה שהיו מכסות על אלהי נכר: (כ) פלטנוס פי' כר פלטיי"ש בלע"ז: (כא) שמראי. אדם אחד מהשמרונים: (כב) מסיק מצלי כו'. לעלות ולהתפלל לתוך ירושלים א"ל וכי לא טוב להתפלל בהר המבורך הזה ולא בזאת כאשפה. כ"נ (כג) קיקלתא אמר ליה אומר כו'. ר' ישמעאל אמר לאותו שמראי אומר לכם כו': (כד) ויטמן אותם כו'. ובאותו הר היו עומדין ומדברין בו: (כה) אמרין וכו' כשמראים אמרו זה לזה מאחר שזה יודע שע"ג טמונה בוודאי ילך בלילה ויקחנו ונתייעצו

---

זאגט די וועלט זאגט אז די זיפ דיינע זענען די לעכלאך פארשטאפט געווארין מיט מעהל . אונ עס קען ניט זיפען . דארף מען שטארק קלאפין די זייטין פון די זיפ . די מעהל פון די לעכלאך זאל דורך פאלין . וועט מען קענען ווייטער זיפען . אזוי איז געוועזן ביי יעקב אז דער זכרון זיינער איז פארמאכט געווארין פון צו געדיינקען זיין נדר . האט גאט אויף אים דער וועקט ער זאל זיך דער מאנען . גאט האט געזאגט צו יעקב דו האסט פארגעסין דיין נדר גייא אין בית אל (אין די שטוב פון גאט) אונ מאך דארט א מזבח צו גאט וואס ער איז גיזעהן געווארין צו דיר . אונ אויב דו וועסט אזוי ניט טאהן . ביזטו דאך אזוי ווי עשו . אזוי ווי עשו איז ניט מקיים זיינע נדרים . אונ דו ווילסט אויך ניט מקיים זיין דיין נדר : (ג) ויאמר . יעקב האט געזאגט צו זיינע קינדער אונ אלע אנדערע מענטשין פון זיין שטוב . איר זאלט אפטאהן די עבודה זרות וואס איר האט גינומען פון שכם . רבי כרוספדאי האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין מיר ווייסין ניט די דינים פון עבודה זרה אזוי ווי יעקב אבינו האט געוואוסט . ווארום מיר האבין גילערנט אז איינער געפינט כלים אונ אויף זיי איז דא א צורה פון די זון אדער א צורה פון די לבנה אדער א צורה פון א שלאנג זאל ער די כלים אריין ווארפין אין געזאלצענעם ים . וואס קיינער שיפט זיך דארט ניט . וועט דאס קיין יוד ניט נעמען . רבי יוחנן זאגט אלע קליידער פון די עבודה זרה איז אסור אזוי ווי די עבודה זרה . אונ די קינדער האבין דאס אלץ גיגעבין צו יעקב . רבי ישמעאל ברבי יוסי איז אמאהל גיגאנגען צו ירושלים ער זאל דארט מתפלל זיין . ווי ער איז גיגאנגען אין וועג . האט אים גיזעהן א גוי פון שומרון . האט דער גוי גיזאגט צו רבי ישמעאל וואו היין גייסטו . האט רבי ישמעאל גיזאגט איך גיי מתפלל זיין אין ירושלים . האט דער גוי גיזאגט צו רבי ישמעאל איז דען ניט בעסער מתפלל צו זיין אויף דעם גיבענטשטין בארג גריזים אונ ניט אין דעם פארפלוכטין ירושלים . האט רבי ישמעאל גיזאגט צום גוי איך וועל דיר זאגין צו וואס איר זענט גלייך . צו א הונט וואס לויפט נאך א נבלה . אזוי זענט איר . ווייל איר ווייסט אז אונטער דעם בארג איז בעהאלטין עבודה זרות וויא דער פסוק זאגט יעקב האט בעהאלטין די עבודה זרות פון שכם אונטער דעם בוים וואס נעבין דעם בארג דריבער לויפט איר צו דעם בארג . האבין די כותים פון שומרון גיזאגט אז דער רבי ישמעאל ווייס אז דא ליגט א עבודה זרה וועט ער זיא געוויס צו נעמען האבין זיי אים געוואלט הרגנן איז ער ביי נאכט אנטלאפין : (ד) ויסעו . יעקב מיט

קינדער

א"ר שמואל בג' מקומות נתכנסו או"ה לעשות מלחמה עם בני יעקב ולא הניח להם הקב"ה דכתיב ויסעו ויהי חתת אלהים. שנית בימי יהונתן שנא' (שמואל א יד) ותרגז הארץ ותהי לחרדת אלהים. שלישית בימי יהושע בקשו לרדוף ולא הניח הקב"ה להם. והיכן נתכנסו לחצור דכתיב (יהושע יא) רק כל הערים העומדות על תלם לא שרפם ישראל זולתי את חצור לבדה שרף יהושע. ר' אלעזר אמר במסורת שרפה הקב"ה אמר למשה ומשה אמר ליהושע: (ה) ויבא יעקב לוזה. שכל מי שנכנס לתוכה הרטיב מצות ומע"ט כלוז. ותמת דבורה מינקת רבקה וגו' ויקרא שמו אלון בכות. ר' שמואל בר נחמן אמר לשון יונית הוא אלון אחר עד שהוא משמר אבלה של דבורה באה ליה בשורתא שמתה אמו. הה"ר וירא אלהים אל יעקב וגו' ויברך אותו מה ברכה ברכו. ר' אחא בשם ר' יונתן אמר ברכת אבלים ברכו:

**פרשה פב** (א) וירא אלהים אל יעקב. כתיב (תהלים פו) עשה עמי אות לטובה. מדבר בדוד ומתקיים ביעקב. אות. ע"ש שנא' (בראשית לא) ואם כה יאמר עקודים

## מתנות כהונה

נכרוג את ר' ישמעאל ועמד ר' ישמעאל בלילה וברח:

קינדער האָבּין גיצויגין פון שכם. און די מורא פון גאָט איז גיוועזן אויף אַלע שטעט וואָס אַרום זיי. רבּי שמואל זאָגט אין דריי אָרטער האָבּין זיך די גוים פאַרזאַמעלט מלחמה צו האַלטין מיט די קינדער פון יעקב (מיט די יודין). און גאָט האָט זיי ניט גילאָזין. ווי דער פסוק זאָגט זיי האָבּין גיצויגין און די מורא פון גאָט איז גיוועזן אויף אַלע שטעט וואָס אַרום זיי. דאָס צווייטע מאָהל איז גיוועזן אין די צייט פון יהונתן דער זוהן פון שאול המלך. ווי דער פסוק זאָגט די ערד האָט געציטערט און עס איז גיפאַלין אויף די גוים אַגעטליכע ציטערנעש. דאָס דריטע מאָהל איז גיוועזן אין די צייט פון יהושע. האָבּין די גוים געוואָלט נאָך יאָגין די יודין האָט זיי גאָט ניט גילאָזין. וואו האָבּין זיי זיך פאַרזאַמעלט אויף די יודין. אין די שטאָט חצור. ווי דער פסוק זאָגט נאָר די אַלע שטעט וואָס שטייען אויף זייערע פונדאַמענטין האָבּין די יודין ניט פאַרבּרענט נאָר די שטאָט חצור אַליין האָט יהושע פאַרבּרענט. רבּי אלעזר זאָגט עס איז גיזאָגט גיוואָרין צו יהושע ער זאָל די שטאָט חצור פאַרבּרענען. גאָט האָט דאָס גיזאָגט צו משה און משה האָט דאָס גיזאָגט צו יהושע: (ה) ויבא. יעקב איז גיקומען אין די שטאָט לוז ווער עס קומט אַריין אין די שטאָט לוז ווערט ער פייכט מיט מצוות און מעשים טובים אַזוי ווי אַנוס. דבורה די האַם פון רבקה איז גישטאָרבּין און מען האָט איר בּגראָבּין אונטער דעם אַלון און מען האָט גירופין דעם אָרט אַלון בכות. רבּי שמואל בּר נחמן זאָגט אויף יונית איז אַלון דער טייטש איין אַנדערער. אַלון בכות איז דער טייטש איין אַנדער געוויין. ווען יעקב האָט נאָך גיטרויערט אויף דבורה. האָט מען אים גיזאָגט אַז די מוטער זיינע איז גישטאָרבּין. דריבּער זאָגט דער פסוק גאָט איז גיזעהן גיוואָרין צו יעקב און האָט אים גיבּענטשט וואָס האָט ער אים גיבּענטשט. רבּי אַחא האָט גיזאָגט פון רבּי יונתן ם וועגין ער האָט איש גיבּענטשט די בּרכה וואָס מען בּענטשט אַאָבל:

**פרשה פב** (א) ויראָ. גאָט איז גיזעהן גיוואָרין צו יעקב. דוד המלך האָט גיזאָגט צו גאָט טוה מיט מיר אַצייכין צו גוטען. דוד האָט דאָס גיבּעטין און מקוים איז דאָס גיוואָרין בּיי יעקב. אַצייכין צו גוטען האָט גאָט גיטאָהן צו יעקב. ווו דער פסוק דאָגטסיעדער מאָהל וואָס לבן האָט פאַרטאַהשט דאָס לוין פון יעקב. איז גיקומען אַמלאך און האָט גימאַכט אַז די שעפסין זאָלין גיבּאָרין ווי לבן האָט איצט אָפּגעמאַכט מיט יעקב למשל לבן האָט גיזאָגט צו יעקב דיין לוין זאָל זיין עקודים. האָבּין אַלע שעפסין גיבּאָרין עקודים. מיינע שונאים זאָלין זעהן ווי דו האָסט מיר גיהאָלפין. די שונאים מיינט מען

עקדים יהיה שכרך וגו׳. יראו שונאי. זה עשו ואלופיו. עוזרתני. בצרה של שכם דכתיב ויהי חתת אלהים על הערים, ונחמתני. בברכת אבלים. כתיב (תהלים כד) מי יעלה בהר ה׳ ומי יקום וגו׳ נקי כפים וגו׳ ישא ברכה מאת ה׳ וגו׳. כתיב (ירמיה לא) כה אמר ה׳ צבאות וגו׳ עוד יאמרו וגו׳ יברכך ה׳ נוה צדק הר הקדש וגו׳. כתיב (משלי כח) איש אמונות רב ברכות זה יעקב. (שם) ואץ להעשיר לא ינקה זה עשו. כתיב (שם י) ברכת ה׳ היא תעשיר וגו׳ ואץ להעשיר לא יעשיר אכ״כ אלא לא ינקה. זה עשו הרשע שנתחתן ביהודית ובשמת ומחלת להרבות עושר שאין לו נקוי עולמים. כתיב (יואל ד) ונקיתי דמם לא נקיתי וגו׳ הה״ד (עמוס א) על רדפו בחרב אחיו ושחת רחמיו: (ב) וירא אלהים אל יעקב עוד בבאו. ר׳ יצחק פתח (שמות כ) מזבח אדמה תעשה לי. והרי דברים ק״ו ומה אם זה שבנה מזבח לשמי הרי אני נגלה עליו ומברכו יעקב שאיקונין שלו קבועה בכסאי עאכ״ו. וירא אלהים אל יעקב. ר׳ לוי פתח (ויקרא ט) ושור ואיל לשלמים וגו׳. והרי דברים ק״ו ומה זה שהקריב איל לשמי הרי אני נגלה עליו ומברכו יעקב שאיקונין שלו קבועה בכסאי עאכ״ו. וירא אלהים (דברים כח) ברוך אתה בבאך וברוך אתה בצאתך. כבואו לבית חמיו נטען ברכות ואל שדי יברך אותך.

---

עשו מיט זיינע שרים. דו האסט מיר גיהאלפין ביי די צרה פון שכם. אונ די מורא פון גאט איז גיוועזן אויף אלע שטעט וואס ארום די קינדער פון יעקב. אונ דו האסט מיך גיטרייסט מיט די ברכה פון אבלים. עס שטייט אין פסוק ווער ווערט אויף גיין אויף דעם בארג פון גאט. אונ ווער ווערט שטיין אויף זיין הייליגען ארט. דער וואס האט ריינע הענט פון גזלה. ער ווערט טראגין א ברכה פון גאט. נאך זאגט דער פסוק גאט ווערט דיך בענטשין פון זיין הייליגען וואהנונג אונ פון זיין הייליגען בארג. נאך זאגט דער פסוק דער מענטש וואס גייט מיט אמת ווערט ער האבין פיל ברכות. דאס איז יעקב. דער וואס איז גיאיילט רייך צו ווערין ווערט ניט ריין בלייבין. דאס איז עשו. עס שטייט אין פסוק די ברכה פון גאט ווערט רייך מאכין אונ עס ווערט קיין טרויעריקייט זיין ביי דעם רייכקייט. אבער דער וואס איז געאיילט רייך צו ווערין ווערט ניט ריין בלייבין. עס שטייט ניט ער ווערט ניט רייך ווערין. נאר עס שטייט ער ווערט ניט ריין בלייבין. רייך ווערט ער זיין נאר ער ווערט ניט ריין בלייבין פון עבירות. דאס איז עשו. ער האט זיך מתחתן גיוועזן מיט יהודית אונ מיט בשמת אונ מיט מחלת ער זאל דורך זיי רייך ווערין. ער ווערט אבער אויף אייביג ניט ריין ווערין פון עבירות. ווי דער פסוק זאגט איך וועל ריין מאכין עשו פון זיינע עבירות. אבער אויף דעם בלוט וואס זיי האבין פאר גאסין וועל איך זייא ניט ריין מאכין. אויף דעם וואס ער האט געיאגט זיין ברודער מיט דעם שווערד אונ ער האט פארדארבין זיינע רחמנות פון אים וועל איך אים ניט מוחל זיין: (ב) ויּרא. גאט איז גיזעהן גיווארין צו יעקב נאך אמאהל ווען ער איז געקומען פון פדן ארם. רבי יצחק האט אנגיהויבין דרשנן דעם פסוק דו זאלסט מאכין פון מיינעטוועגין א מזבח פון ערד. וועל איך קומען צו דיר אונ וועל דיך בענטשין. גאט זאגט מאראך אז א מענטש באהט א מזבח פון מיינעט וועגין ווער איך גיזעהן צו אים אונ בענטש אים. יעקב וואס זיין בילד איז אין מיין שטוהל וועל איך אים געוויס בענטשין. גאט איז גיזעהן גיווארין צו יעקב. רבי לוי האט אנגיהויבין דרשנן דעם פסוק איר זאלט שעכטין אקס אונ א ווידער אויף שלמים ווארום היינט ווערט גאט גיזעהן ווערין צו אייך. זאגט גאט מאראך אז מען איז מקריב א אקס אונ א ווידער פון מיינעטוועגין ווער איך גיזעהן צו אים אונ בענטש אים. יעקב וואס זיין בילד איז אין מיין שטוהל וועל איך אים געוויס בענטשין. דער פסוק זאגט גיבענטשט זאלסטו זיין ווען דו ווערסט קומען אונ גיבענטשט ווערסטו זיין ווען דו ווערסט ארויס גיין. אז יעקב איז גיקומען צו זיין שווער איז ער גיוועזן בעלאדין מיט ברכות. ווי יצחק האט

בצאתו מבית חמיו נטען ברכות: (ג) וירא אלהים אל יעקב. (ישעיה מד) מקים דבר עבדו ועצת מלאכיו ישלים. ר' ברכיה בש"ר לוי אמר משמקים דבר עבדו אין אנו יודעין שעצת מלאכיו ישלים. אלא מלאך אחד נגלה על יעקב אבינו וא"ל עתיד הקב"ה להגלות עליך בבית אל ולהחליף את שמך ואני עתיד לעמוד שם. הה"ד (הושע יב) בית אל ימצאנו ושם ידבר עמנו. ידבר עמו אכ"כ אלא ושם (א) ידבר עמנו. ונגלה עליו הקב"ה לקיים דבריו של מלאך. ירושלם שכל הנביאים מתנבאין עליה עאכ"ו שיקיים דברי נביאיו: (ד) וירא אלהים אל יעקב עוד. ר' יוסי בר"ח אמר עוד כבראשונה (ב) מה ראשונה ע"י מלאך אף השניה ע"י מלאך. א"ר ברכיה עוד איני מיחד שמי על בריה אלא עליך ולא על אחר שנא' (שמות ו) וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב ולא אחר עמם. א"ר יודן עוד פעם אחרת אני נגלה עליך. ויברך אותו. מה ברכה ברכו ר' אסי בשם ר' יונתן אמר ברכת אבלים ברכו: (ה) ויאמר לו אלהים אני אל שדי פרה ורבה. ר' יודן בשם רבי יצחק אמר הייתי אומר ראובן כבר הוא מבחוץ. (ג) שמעון כבר הוא מבחוץ. ובנימין כבר יצא מחלצי ועדיין הוא במעי אמו

## מתנות כהונה

(א) ידבר עמנו. כרי פגם סוף יעמוד שם: ראשונה מבית אביו עוד פעם אחרת כפרשה ויגש: (ב) מה ראשונה ע"י מלאך. הלכ"א פי' על יציאתו (ג) מבחוץ. כלומר כבר נולד וכן שמעון וכל השבטים א"כ עו

---

גיזאגט צו יעקב נאך ווען דיך בענטשין. אונ ווען יעקב איז ארויס גיגאנגען פון זיין שווער איז ער אויך גיוועזן בעלאדען מיט ברכות: (ג) ויירא. גאט איז גיזעהן גיווארין צו יעקב. דער נביא ישעיה האט גיזאגט גאט שטעלט אויף די רייד פון זיין קנעכט אונ די עצה פון זיינע מלאכים מאכט ער גאנץ. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי לוים ווענין אז גאט שטעלט אויף די רייד פון זיין קנעכט ווייסין מיר דען ניט אז די עצה פון די מלאכים וועט ער גאנץ מאכין. נאר איין מלאך איז גיזעהין גיווארין צו יעקב אונ האט גיזאגט צו אים גאט וועט גיזעהין ווערין צו דיר אין בית אל אונ וועט אומטאהשין דיין נאמען אונ איך וועל אויך דארט זיין. ווי דער פסוק זאגט אין בית אל וועט ער אים טרעפין אונ דארט וועט ער רעדין מיט אונז. עס שטייט ניט דארט וועט ער רעדין מיט דיר. נאר עס שטייט ער וועט דארט רעדין מיט אונז. מיט יעקב אונ מיט דעם מלאך. אונ גאט האט אזוי גיטאהן ער איז גיזעהן גיווארין צו יעקב מקיים צו זיין די רייד פון מלאך. אויף ירושלים וואס אלע נביאים האבין אויף איר גיזאגט זייערע נביאות. וועט געווים גאט מקיים זיין די רייד פון די נביאים: (ד) ויירא. גאט איז גיזעהן גיווארין צו יעקב נאך אמאהל. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט דאס אנדערע זעהונג איז גיוועזן אזוי ווי די ערשטע זעהונג. אזוי ווי די ערשטע זעהונג איז גיוועזן דורך א מלאך. אזוי איז די אנדערע זעהונג אויך גיוועזן דורך א מלאך. רבי ברכיה זאגט גאט האט גיזאגט צו יעקב איך וועל ניט רופין מיין נאמען אויף קיין בשעפעניש. נאר אויף דיר. אבער ניט אויף קיין אנדערין. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט איך בין גיזעהן גיווארין צו אברהם יצחק יעקב. אבער ניט צו איין אנדערין מיט זיי. רבי יודן זאגט גאט האט גיזאגט צו יעקב נאך אמאהל וועל איך גיזעהן ווערין צו דיר. ווען ער האט אים גיבענטשט. וועלכע ברכה האט ער אים גיבענטשט. רבי אסי האט גיזאגט פון רבי יונתנס ווענין דיא ברכה פון אבלים האט ער אים גיבענטשט: (ה) ויאמר. גאט האט גיזאגט צו יעקב איך בין אל שדי (דער גאט וואס קען גענוג טאהן צו די גאנצע וועלט). זאג איך דיר דו וועסט דיך פרוכטבארין אונ מעהרען די: וועסט נאך האבין קינדער. רבי יודן האט גיזאגט פון רבי יצחקס ווענין יעקב האט גיזאגט וועלכע קינדער מיינט גאט וועלין פון מיר גיבארין ווערין. ראובן איז שוין גיבארין גיווארין. שמעון איז שוין גיבארין גיווארין (אונ אזוי אלע קינדער ביז בנימין) בנימין איז שוין פון מיר ארויס גיגאנגען ער איז שוין ביי זיין מוטער אין בויך. דער נאך האב איך

אמך: הזרתי ואפרתי (ד) גוי זה בנימין וקהל גוים (ה) זה מנשה ואפרים. דכתיב (בראשית מח) וזרעו יהיה מלא הגוים. ר׳ ברכיה ור׳ חלבו ור׳ שמואל בר נחמן ומלכים מחלציך יצאו זה (ו) ירבעם ויהוא. רבנן אמרי אפשר אבנר אדם צדיק (ז) והוא חולק על מלכות בית דוד. אלא מדרש דרש והמליך את איש בושת הה״ד (פס לה) ומלכים מחלציך יצאו זה שאול ואיש בושת. (ז) ומה ראו לקרב ולרחק בפלגש בגבעה. אלא מקרא קראו ורחקו אותו. מקרא קראו וקרבו אותו מיד. מקרא קראו ורחקו אפרים ומנשה (ח) כראובן ושמעון יהיו לי. מקרא קראו וקרבו גוי וקהל גוים (ט) יהיה ממך: (ך) ר׳ יודן ור׳ איבו ור׳ משין בן נגרי (נגדין) בש״ר יוחנן אמרו עתידין בניך לעשות גוי כקהל עמים. (י) מה קהל עמים מקריבין בשעת איסור במות אף בניך מקריבים
בשעת

## מתנות כהונה

מה אמר ליה גוי וקהל גוים ודמיה אלו דיבר כבעה שבניך ליוסף: (ד) גוי זה בנימין. כיון שעדיין לא נולד כשרו עליו שככל גוק אחר כאחים: (ה) זה אפרים ומנשה. גוים הרתי משמע: (ו) ירבעם ויהוא. פי׳ רש״י אחד מאפרים ואחד ממנשה: (י) יהיה חולק על מלכות בית דוד שהמליך א״ש בנת בן שאול: (ז) מה ראו לרחק ולקרב גרסינן בבתחלה רחקו וגזו אותם לבל יתן אחד מהם בתו לבני בנימין ואחר כך קרבו אותם וכתיבו כנ״ל: (ח) כראובן ושמעון וגו׳. אפרים ומנשה יהיו בכלל שנים עשר שבטים והיה להם להוציא שבט זה לוי ש״לא לעבודה כהמכן ובנימין שבידיהו ולפיכך רחקוהו ואמרו א״ש ממנו לא יתן לבנימין אשה עכ״ל: (ט) יהיה ממך. משמע שממך יהיה עוד גוי אחד בארץ וזה נאמר על בנימין ועדיין לא נולד בעת ההיא ולכן הוכרחו להתיר הנדר ומה שאמר אפרים ומנשה כראובן ושמעון לא לה״א בנימין לגמרי קאתי אלא

---

געזאגט. אפאלק וועט געבארין ווערין פון מיר האט גאט געמיינט בנימין. און אפארזאמלונג פעלקער האט מען געמיינט מנשה מיט אפרים. ווי דער פסוק זאגט די קינדער פון אפרים וועלין זיין פוהל מיט פעלקער (אזוי האט יעקב געזאגט ווען ער איז געגאנגען בענטשין זיין זוהן יוסף). רבי ברכיה און רבי חלבו און רבי שמואל בר נחמן האבין געזאגט וואס גאט האט געזאגט צו יעקב מלכים וועלין פון דיר געבארין ווערין. האט ער געמיינט ירבעם און יהוא. די רבנן זאגין אבנר איז דאך געוועזן אצדיק ווי אזוי האט ער געקריגט אויף די מלוכה פון דוד. נאר אבנר האט געדרשת אפסוק אז איש בושת דער זוהן פון שאול מעג זיין אמלך. עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו יעקב מלכים וועלין ארויס גיין פון דיינע לענדין. זיי וועלין פון דיר געבארין ווערין. אלע קינדער זענען דאך שוין געוועזן געבארין. נאר בנימין וועט נאך געבארין ווערין. וועלין פון בנימין זיין מלכים. אז מען זאגט מלכים איז דאך ניט ווייניגער ווי צוויי. און איין מלך פון בנימין איז שוין געוועזן. דאס איז שאול. דארף זיין אמווייניגסטין נאך אמלך איש בושת דער זוהן פון שאול. פרעגט דער מדרש בייא די מעשה פון די פלגש אין גבעה (שופטים קפיטול כ). פאר וואס האבין די יודין דער ווייטערט פון זיך דעם שבט בנימין. דער נאך האבין זיי אים באלד דער נענטערט צו זיך. נאר פריער האבין זיי גילערונט פון אפסוק אז מען דארף אים דער ווייטערין. דער נאך האבין זיי גילערונט פון אפסוק אז מען דארף אים דער נענטערין. האבין זיי אים באלד דער נענטערט. זיי האבין גילערונט פון אפסוק אז מען דארף בנימין דער ווייטערין ווארום יעקב האט געזאגט אז אפרים און מנשה זענען בייא מיר ווי ראובן און שמעון. איז דאך שוין דא פערצעהן קינדער. און עס דארף נאר זיין צוועלף. איינער ווערט ניט גירעכונט דאס איז דער שבט לוי. דער אנדערער וועט זיין דער שבט בנימין. דער נאך האבין זיי גילייענט אפסוק אז מען דארף בנימין דער נענטערין ווארום גאט האט געזאגט צו יעקב אפאלק און אפארזאמלונג פון פעלקער וועט זיין פון דיר. דעם פאלק האט גאט געמיינט אויף בנימין. די פעלקער האט גאט געמיינט אויף מנשה און אפרים. ווען מיט אז בנימין ווערט גירעכונט בזונדער אויסער אפרים און מנשה. און אפרים איז פאר שבט לוי. און מנשה איז פאר שבט יוסף. זענען נאר צוועלף שבטים: (ך) רבי יודן און רבי איבו און רבי משין בן נגרי האבין געזאגט פון רבי יוחנן ס׳ וועגין גאט האט געזאגט צו יעקב דיינע קינדער וועלין אמאהל זיין ווי אלע פעלקער. אזוי ווי אלע פעלקער זענען מקריבים
קרבנות

בשעת איסור במות. ר' חנינא מייתי לה מהכא (מ"א יח) ויקח אליהו י"ב אבנים וגו' אשר היה דבר ה' אליו לאמר ישראל יהיה שמך. שמשעה שנהן לו השם הזה (יח) נאמר לו גוי וקהל גוים יהיה ממך. ר' שמלאי מייתי לה מהכא (שופטים יח) ויקראו שם העיר דן (יב) כשם דן אביהם אשר יולד לישראל. שמשעה שנא' לו השם הזה נאמר לו גוי וקהל גוים יהיה ממך. ר' יוחנן מייתי לה מהכא (דברים לג) עמים הר יקראו שם יזבחו זבחי צדק. (יג) משיעשו בניך כעמים להרו של זבולון שם יזבחו זבחי איסור במות אכ"כ אלא זבחי צדק. צדקה אני עושה עמהם ומקבל את קרבנם. (יד) אלא גוי וקהל גוים יהיה ממך לחייב על כל שבט ושבט דברי ר"ש ור' יהודה אומר לחייב על כל קהל וקהל: (ז) ויעל מעליו אלהים. אמר ר"ל האבות הן המרכבה. שנא' (בראשית יז) ויעל אלהים מעל אברהם. ויעל מעליו אלהים. (שם

והנה

## מתנות כהונה

שיקראו פניהם שבטים חלוקים כהלכה ושמעון ולא יהיו שכהם נכללים לשבט אחד: (י) מה קהל עמים מקריבים כו' פירש"י הגוים מקריבים כו'. וכן עשה אליהו: (יח) נאמר לו גוי כו'. ומדפרש ר' יוחנן על הקרבות איסור במות: (יב) כשם דן כו'. עד גוי וקהל גוים משמע שילא ממנו גוי שיעבדו ע"ז כקהל הגוים: (יג) משיעשו בניך כעמים. שיקריבו בבמה בשעת איסור במות לשר של זבולון יהיו נקראים ושם יזבחו זבחי איסור במות אין כתיב אע"פ שהיא בשעת איסור במות אמר זבחי צדק: (יד) אלא גוי כו'. כתב הה"א כלומר כיתר איסור הבמה לאליהו למדנו מפסוק עמים הר יקראו להרו של זבולון

---

קרבנות אויף אבמה ווען מען טאר ניט מקריב זיין אויף אבמה. אזוי וועלין דיינע קינדער מקריב זיין קרבנות אויף אבמה ווען מען וועט ניט טארין מקריב זיין אויף אבמה. רבי חנינא זאגט דאס פון דעם פסוק. אליהו הנביא האט גינומען צוועלף שטיינער אזוי ווי די צוועלף קינדער פון יעקב וואס גאט האט צו אים גיזאגט דיין נאמען וועט זיין ישראל. פון דער צייט וואס גאט האט אים גירופין ישראל האט ער צו אים גיזאגט אפאלק אונ אפאר זאמלונג פון פעלקער וועט זיין פון דיר. דיינע קינדער וועלין זיין ווי די פעלקער. אליהו הנביא האט מקריב גיוועזן אויף אבמה ווען מען האט ניט גיטארט מקריב זיין. רבי שמלאי זאגט דאס פון דעם פסוק זיי האבין גירופין דעם נאמען פון די שטאט דן אזוי ווי דער נאמען פון זייער פאטער דן וואס ער איז גיבארין צו ישראל. פון דער צייט וואס גאט האט אים גירופין ישראל האט ער צו אים גיזאגט אפאלק אונ אפארזאמלונג פון פעלקער וועט זיין פון דיר דיינע קינדער וועלין זיין ווי די פעלקער. זייא וועלין דינען עבודה זרה ווי אלע פעלקער. ווי זיי האבין געדינט צו די גאלדענע קאלב וואס ירבעם האט גישטעלט אין די שטאט דן. רבי יוחנן זאגט דאס פון דעם פסוק די פעלקער וועלין זיי רופין צום בארג דארט וועלין זיי שעכטין קרבנות וואס זענען צדק. אז דיינע קינדער וועלין ווערין אזוי ווי די פעלקער דארט וועלין זיי מקריב זיין קרבנות אויף אבמה ווען מען וועט ניט טאהרין מקריב זיין אויף אבמה. אונ זיי וועלין גיין צום בארג פון זבולן שטייט ניט זיי וועלין דארט שעכטין אשעכטונג אויף אבמה וואס מען טאר ניט. נאר עס שטייט זיי וועלין שעכטין אשעכטונג פון צדק (גירעכטיגקייט). זאגט גאט איך וועל מיט זיי טאהן צדקה אונ וועל אן נעמען זייער קרבן אפילו עס וועט זיין אויף אבמה. נאר וואס דען מיינט מען אפארזאמלונג פון פעלקער וועט זיין פון דיר. דאס ווייזט נאר אויף איין אנדער זאך. אז אלע יודין צו זאמען האבין געדינט עבודה זרה דארף יעדער שבט בזונדער ברייננען אקרבן. דארף מען ברייננען צוועלף קרבנות. דאס מיינט מען צו מחייב זיין יעדער שבט בזונדער. ווארום יעדער שבט ווערט גירופין אגאנצע פארזאמלונג ווי אלע יודין צו זאמען (אונ אזוי דארף שטיין "לחייב על כל שבט ושבט כדברי רבי שמעון ורבי יהודה שאומרים (הוריות דף ה) לחייב על כל קהל וקהל": (ז) ויעל. גאט איז ארויף גיגאנגען פון אויף אים. זעהט מען אז גאט איז גיווען אויף יעקב. זאגט ריש לקיש די אבות זענען גיווען אמרכבה צו די שכינה. גאט האט גירוהט אויף זיי. ביי אברהם שטייט ויעל אלהים מעל אברהם. גאט איז ארויף גיגאנגען פון אויף אברהם. ביי יעקב שטייט ויעל מעליו אלהים. גאט איז ארויף גיגאנגען

פון

כה) והנה ה׳ נצב עליו. ויצב יעקב מצבה וגו׳ ויסך עליה נסך ויצק עליה שמן.
(טו) כמלא פי הפך. ויסעו מבית אל ויהי עוד כברת הארץ. א״ר אליעזר בן יעקב
בשעה שהארץ הלולה ככברה (טז) והבר מצוי. רבנן אמרי כבר הבר מצוי ועונת
הגשמים עברה ועדיין השרב לא בא: (ח) ותלד רחל ותקש בלדתה. שלשה הן
שנהקשו בשעת לידתם ומתו כשהן חיות. ואלו הן רחל (יז) ואשת פנחס ומיכל בת
שאול. רחל ותלד רחל ותקש בלדתה. אשת פנחס (ש״א ד) וכלתו אשת פנחס.
מיכל שנא׳ (ש״ב ו) ולמיכל בת שאול לא היה לה ולד עד יום מותה. א״ר יהודה
בר סימון עד יום מותה לא היה לה ביום מותה היה לה. הה״ד (דה״א ג) הששי
יתרעם לעגלה אשתו. ולמה הוא קורא איתה עגלה א״ר יהודה בר סימון (יח) שפעת
כעגלה ומתה: (ט) ויהי בהקשתה בלדתה וגו׳. ב׳ תלמידים משל ר׳ יהושע (יח) שינו
עטיפתן בשעת השמד פגע בהם (יט) סרדיוט אחד אמר להם אם אתם בניה של תורה
(כ) הנו נפשכם עליה. ואם אין אתם בניה (כא) למה אתם נהרגים עליה. אמרו לו
בניה

## מתנות כהונה

בכות כר הרמ״ל ופסוק בוי וקהל גוים אתא לחייב על כל סבט כו׳: (טו) כמלא פי הפך שכפע לו מן הסמים כמלא פי הפך: (טז) והבר. כדגן היה מצוי מפני שהארץ הולה לפולא פירותיה וכברת דרש נוטריקון. ל׳ כברה ולשון בר ז׳(יו) אשת פנחס. בן עלי הכהן: (יח) ש פעת. פלעקס: (יח) שינו עטיפתן. עטיפת כותנה שלא יכירום שהם יהודים: (יט) סרדיוט. ממונה מבית המלך והכיר אותם שהם יהודים: (כ) הנו נפשכם. ולמה שניתם כסותכם: (כא) למה אתם נהרגים. למה לא תשמדו

פו׳ אויף אים. נאך שטייט ביי יעקב והנה ה׳ נצב עליו. גאט שטייט אויף אים. יעקב
האט גישטעלט אמצבה אונ האט אויף איר גיגאסין ווין. אונ האט אויף איר גיגאסין
אייל. אפולען קריגעל אייל האט מען אים גיגעבין פון הימעל. אונ די אייל האט ער
גיגאסין אויף דעם שטיין. זיי האבין גיצויגין פון בית אל (יעקב מיט זיין פאמיליע). אונ
עס איז נאך גיוועזן כברת ארץ צו קומען ביז אפרת. וואס מיינט מען כברת ארץ. רבי
אליעזר בן יעקב זאגט כברת איז דער טייטש אזוי. די תורה דער ציילט אז עס איז גיוועזן
אפרוקענע צייט וואס די ערד זעהט אויס ווי עס וואלט אין איר גיוועזן קליינע לעכלאך ווי
אזיפ. אונ דאמאלס איז די רעכטע צייט פון זומער וואס עס איז דא גייע קארין. די
רבנן זאגין אזוי מיינט דער פסוק קארין איז שוין לאנג גיוועזן אונ די צייט פון רעגין איז
שוין אריבער גיגאנגען נאר די היץ איז נאך ניט געקומען: (ח) ותלד. רחל האט אנגיהויבין
גיבארין אקינד אונ עס איז איר שווער גיוועזן צו גיבארין. דריי ווייבער זענען גיוועזן וואס
עס איז זיי שווער גיוועזן צו גיבארין אונ זענען גישטארבין ביי דעם גיבארין. דאס זענען
זיי. רחל. אונ די ווייב פון פנחס דער זוהן פון עלי. אונ מיכל די טאכטער פון שאול.
ביי רחל שטייט רחל האט אנגיהויבין גיבארין אקינד אונ עס איז איר שווער גיוועזן צוא
גיבארין אונ ווען די נשמה איז פון איר ארויס גיגאנגען האט זיא גירופין דעם קינד בן
אוני. ביי די ווייב פון פנחס שטייט. די שנור פון עלי די ווייב פון זיין זוהן פנחס איז
גישטארבין ווען זיא האט גיבארין איר זוהן. ביי מיכל די טאכטער פון שאול שטייט. זיא
האט ניט גיהאט קיין קינד ביז דעם טאג פון איר שטארבין. רבי יהודה בר סימון זאגט
ביז דעם טאג פון שטארבין האט זיא ניט קיין קינד גיהאט. אבער אין דעם טאג פון איר
שטארבין האט זיא גיהאט אקינד. ווי דער פסוק זאגט דער זעקסטער קינד פון דוד האט
גיהייסין ירבעם וואס זיין ווייב עגלה האט אים גיבארין. עגלה מיינט מען מיכל. פאר
וואס רופט מען זיא עגלה. רבי יהודה בר סימון זאגט ווייל זיא האט געשריגען ווי אקאלב
ביי דעם קינד האבין אונ איז גישטארבין: (ט) ויהי. ווען רחל האט שווער גיבארין דעם
קינד. עס איז אמאהל גיוועזן אגזרה אויף יודין זיי זאלין זיך שמדין האבין צוויי תלמידים
פון רבי יהושע אן גיטאהן גוישע קליידער מען זאל זיי ניט דער קענען אז זיי זענען
יודין. האט אעלצטער זיי בגעגינט אונ האט זיי דער קענט אז זיי זענען יודין. זאגט דער
עלצטער צו זיי אויב איר זענט אמתה יודין דארפט איר געבין אייער לעבין פאר די תורה.

בניה אנו ועליה אנו נהרגים: (כב) אלא שאין דרכו של אדם לאבד את עצמו לדעת אמר להם ג' שאלות אני שואל אתכם ואם השיבותם לי הרי מוטב. ואם לאו הרי אני משמד אתכם. אמר להם כתוב אחד אומר (ישעיה ג) נצב לריב ה'. וכתיב (יואל ד) כי שם אשב לשפוט את כל הגוים וגו'. אמרו לו בשעה שהקב"ה דן את ישראל דן אותן מעומד מקצר בדין ומפשר בדין. אבל כשהוא דן את או"ה דן מיושב מדקדק בדין ומאריך בדין. אמר להם לא כך דרש ר' יהושע רבכם אלא אחד זה ואחד זה באו"ה הכתוב מדבר. משהקב"ה דן את או"ה מיושב דן אותם ומדקדק בדין ומאריך בדין ואח"כ הוא נעשה (כג) אנטדיקוס כנגדן. אמר להם מה הוא דין דכתיב (משלי כח) עובד אדמתו ישבע להם וגו'. אמרו לו טוב מי שהוא חוכר שדה אחת וכזבלה ומעדרה ממי שהוא חוכר שדות הרבה (כד) ומבירן. אמר להם לא כך דרש ר' יהושע רבכם. אלא עובד אלהים (כה) עד יום מותו ישבע לחם מלחמו של עה"ב (כם). ומרדף רקים ישבע ריש אלו העכו"ם שמרדפים אחרי הריק אחר ע"ז שלהם. אמר להם מהו דין דכתיב ויהי בהקשתה בלדתה. אמר לו כך (כו) ממסמסין
נפשה

## מתנות כהונה

עצמכם: (כב) אלא שאין דרכו כו'. ואם לא כשתנה כסות בנהו סרי הכל יכירו אותו וזה איבוד לדעת: (כג) אנטדיקוס. בעל דין ולכן עומד כבעל דין לפני הדיין: (כד) ומבירן. הנית אותה בור: (כה) עד יום מותו. אדמתו דרש על מותו: (כו) ממסמסין, מגדלין אותה בדברים טובים כדי להשיב

---

און אויב איר זענט ניט קיין אמתע יודין פאר וואס זאלט איר געבין אייער לעבין פאר די תורה. האבין זיי גיזאגט מיר זענען אמתע יודין און מיר וועלין געבין אונזער לעבין פאר די תורה. נאר אמענטש דארף דאך ניט אליין זיך איבער געבין צום הרגנן. ווי וויט מיר קענען היטען מיר די תורה און מיר היטען אונזער לעבין. אז עס וועט זיין נייטיג וועלין מיר געבין אונזער לעבין פאר די תורה. האט דער עלצטער צו זיי גיזאגט דריי שאלות וועל איך ביי אייך פרעגין אויב איר וועט מיר ענטפערין איז גוט וועל איך אייך לאזין לעבין. און אויב ניט וועל איך אייך שמדין. האט דער עלצטער ביי זיי גיפרעגט אין איין פסוק שטייט נאט שטייט ביי די קריג. און אין איין אנדערין פסוק שטייט גאט זאגט דארט וועל איך זיצען צו משפטין אלע פעלקער. האבין די תלמידים צו אים גיזאגט ווען גאט משפט די יודין משפט ער זיי שטייענדיג. ער קלערט ניט שטארק נאר ער מאכט דאס אויף געשווינד און פאר גלייכט זיך מיט זיי. און ווען ער משפט די פעלקער משפט ער זיי זיצענדיג און קלערט גוט אין זייער משפט און דער משפט דאערט לאנג. האט דער עלצטער צו זיי גיזאגט אייער רבי רבי יהושע האט ניט אזוי גיזאגט נאר ביידע פסוקים שמועסין פון די פעלקער. אז גאט משפט די פעלקער משפט ער זיי זיצענדיג און ער קלערט אין זייער משפט דאערט לאנג. דער נאך ווערט גאט זייער אנטדיקוס. ער שטראפט זיי פאר די עבירות זייערע. האט דער עלצטער נאך גיפרעגט ביי זיי וואס מיינט דער פסוק דער וואס ארבעט די ערד וועט זיין זאט מיט ברויט. האבין זיי גיזאגט צו אים עס איז בעסער דער וואס דינגט איין פעלד און ער גיט אויף איר פיל מיסט און האקערט איר גוט. איידער ער דינגט פיל פעלדער און ער לאזט זיי ליידיג. האט דער עלצטער צו זיי גיזאגט אייער רבי רבי יהושע האט ניט אזוי גידרשת דעם פסוק. נאר אזוי מיינט מען דער וואס דינט גאט ביז דעם טאג פון שטארבין וועט ער זאט זיין מיט די ברויט פון עולם הבא. און דר וואס יאגט נאך ליידיגקייט וועט ער זאט זיין מיט ארעמקייט. דאס מיינט מען די געצין דינער. זיי יאגין נאך זייערע עבודה זרות וואס זענען ליידיג פון אלץ. וועלין זיי זיין ארעם פון עולם הבא. נאך האט ער זיי גיפרעגט וואס מיינט דער פסוק ביי רחל ווען עס איז איר גיוועז שווער צו גיבארין און זיא האט גיהאלטין ביי שטארבין האט די היבאם צו איר גיזאגט דו זאלסט ניט מורא האבין דו וועסט האבן אבן זכר. האבין זיי גיזאגט
ילע

זפשה של חיה ואומרים לה בשעת הלידה אל תיראי כי בן זכר ילדת. אמר להם לא כך דרש ר' יהושע רבכם. אלא כל שבט ושבט נילדה תאומתו עמו. (כז) כההיא דא"ר אבא חלפוי בן קוריה (כח) תאומה יתירה נולדה עם בנימין: (י) ויהי בצאת נפשה ותקרא שמו בן אוני. בר צערי בלשון ארמי. ואביו קרא לו בנימין בלה"ק. והמת רחל ותקבר. (כט) סמוך למיתה קבורה. בדרך אפרת היא בית לחם. ר' ינאי ור' יונתן הוו יתבין אתא ההוא מינא שאלינהו מאי דכתיב (ש"א י) בלכתך היום מעמדי וגו'. והלא צלצח בגבול בנימין וקבורת רחל בגבול יהודה. דכתיב ותקבר בדרך אפרתה וכתיב (מיכה ה) בית לחם אפרתה. (ל) א"ר ינאי אסוף חרפתי. א"ל (לא) הכי אמר בלכתך היום מעמדי עם קבורת רחל ומצאת שני אנשים בגבול בנימין בצלצח. (לב) ואית דאמרי בלכתך היום מעמדי בגבול בנימין בצלצח ומצאת שני אנשים עם קבורת רחל. והאי דוקא. וכך אתה למד שבגבול בנימין הוו דכתיב (ש"א ט) ויעבר בארץ ימיני ולא מצאו המה באו בארץ צוף. וכתיב והנה נא איש אלהים בעיר הזאת.
ויצב

## מתנות כהונה

נפשה: (כז) כההיא כו'. כלומר ומקרא יתיישב כההיא דאמר אבא: (כח) תאומה יתירה נולדה עם בנימין. ולפיכך כתיב כי גם זה גם לרבויי אתא: (כט) סמוך למיתה כו'. בכל עוד שאינו נקבר לא ינוח: ה"ג (ל) א"ר ינאי לר' יונתן אסוף כו' חרפתי שאיני יודע להשיבו: (לא) ה"ג אמר בלכתך כו' פי' כלומר שכך אתה מדבר עמי הם בקבורת רחל וכשתגיע שם תמצאם בצלצח בנימין: (לב) ואית דאמרי. פי' שכך בעת הדיבור היו בגבול בנימין ובעת המציאה היו בקבורת

---

אלע הייבאמס טוהען אזוי אז זיי ווילען טרייסטען די געווינערין זאגין זיי צו איר זאלסט ניט מורא האבין דו וועסט באלד געבארין אבן זכר די הייבאם האט געוואלט טרייסטען רחלן פאר גרינגערין אירע שמערצין. האט זיא געזאגט זאלסט ניט מורא האבין דו וועסט געבארין אבן זכר. האט דער עלצטער צו זיי געזאגט אייער רבי רבי יהושע האט ניט אזוי גידרשעט. נאר יעדער שבט וואס איז געבארין געווארין איז מיט אים געבארין געווארין אשוועסטער. אונ מיט בנימין זענען געבארין געווארין צוויי שוועסטער. אזוי ווי רבי אבא חלפוי בן קוריה האט געזאגט מיט בנימין איז געבארין געווארין אצווילינג צוויי נקבות אונ בנימין: (י) ויהי. אונ עס איז געוועזן ווען די נשמה פון רחל האט שוין גידארפט ארויס גיין האט זיא גירופין דעם קינד בן אוני. דער זוהן פון מיין טרויער. אויף ארמישע שפראכע איז אוני דער טייטש טרויער. אונ דער פאטער יעקב האט אים גירופין אויף לשון קודש בנימין. רחל איז געשטארבין אונ איז בגראבין געווארין. באלד נאך דעם שטארבין האט מען זיא בגראבין. אין וועג פון אפרת דאס איז בית לחם. רבי ינאי אונ רבי יונתן זענען געזעסין איז צו זיי געקומען אאפיקורוס אונ האט ביי זיי געפרעגט שמואל הנביא האט געזאגט צו שאול אז דו וועסט אוועק גיין פון מיר וועסטו טרעפין צוויי מענטשין ביי דעם קבר פון רחל ביי דעם גרענץ פון בנימין אין צלצח. צלצח איז דאך אין דעם גרענעץ פון בנימין אונ דער קבר פון רחל איז אין דעם גרעניץ פון יהודה. וואָרום עס שטייט אין פסוק רחל איז בגראבין געווארין אין וועג פון אפרת. אונ אפרת איז בית לחם יהודה. זענען דאך די ביידע ערטער ווייט איינע פון אנדערין. האט רבי ינאי געזאגט צו רבי יונתן טוה אפ מיין חרפה. איך ווייס ניט צו ענפערין. טאמער ווייסטו צו ענפערין. האט רבי יונתן געזאגט אזוי האט שמואל געזאגט צו שאול אז דו וועסט אוועק גיין פון מיר וועסטו טרעפין צוויי מענטשין. איצט זענען זיי ביי דעם קבר פון רחל. נאר דו וועסט זיי טרעפין ביי דעם גרענעץ פון בנימין אין צלצח. אנדערע זאגין אזוי האט ער צו אים געזאגט אז דו וועסט אוועק גיין פון מיר וועסטו טרעפין צוויי מענטשין. איצט זענען זיי אין צלצח אין דעם גרענץ פון בנימין. נאר דו וועסט זיי טרעפין ביי דעם קבר פון רחל. אונ אזוי איז טאקי געוועזן. אונ פון פסוק לערנען מיר אויך אז די מענטשין זענען פריער געוועזן אין צלצח דער נאך ביי דעם קבר פון רחל. וואָרום דער פסוק זאגט שאול מיט זיין משרת זענען דורך גיגאנגען די לאנד בנימין אונ האבין די אייזלען ניט געפונען זיי זענען געקומען אין לאנד צוף

האט

(יא) ויצב יעקב מצבה. תנן התם מותר הכתים וכו' נתן אומר מוהר המת (יג) יבנה לו בית על גבי קברו וכו'. תני רשב"ג אין עושין נפשות לצדיקים דבריהם הם זכרוניהם. (לד) למדנו שנקראו ישראל על שם רחל שנא' (ירמיה לא) הבן יקיר לי אפרים. ד"א ותמת רחל ותקבר בדרך אפרת וגו'. כה ראה אבינו יעקב לקבור את רחל בדרך אפרת. אלא צפה יעקב אבינו שהגליות עתידות לעבור שם לפיכך קברה שם כדי שתהא מבקשת עליהם רחמים. הה"ד (שם) קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה: (יב) ויהי בשכון ישראל. א"ר יהודה בר"ס (לה) קשה היא שלשלת יוחסין לפני הקב"ה שתעקר ממקומה הה"ד ויהי בשכון ישראל וגו' וכתיב ויהיו בני יעקב שנים עשר וגו' (במדבר א) (לו) בני ראובן בכור ישראל אמור מעתה בכורת ממון נטלה ממנו ולא נטלה ממנו בכורת יוחסין דכתיב בני ראובן בכור ישראל. ר' לוי ור' סימון הד מנהון אמר (לז) לא לראובן להתייחס. ואוחרנא אמר אין מיחסין ליוסף אלא לראובן. ר' חגי בשם ר' יצחק אמר אפילו בשעת הקלקלה אין מיחסין אלא

## מתנות כהונה

רחל ז' כ"ג (י"ג) יבנה לו נפש על קברו מלבה : (לד) למדנו כו'. ונראה בזהו כמצבה שהציב יעקב על קברה כלומר זכרון עולם שנקראו ישראל על שמה : (לה) קשה הוא כו'. פאע"פ שהוא ראובן כולו ביחד עם בכור בבטנה: כ"ג (לו) בני ראובן בכור ישראל וגו'. וה"פ דקרא ובמלא יאומי אבי' נתנה הבכורה ליוסף ולא להתייחס לבכורה : (לז) לא לראובן להתייחס כו'. והאי דכתיב ולא להתייחס חוזר על ראובן כלומר למען זה נטלה ממנו הבכורה והאמרנא אמר בחזר

---

האט דער משרת געזאגט צו שאול אין די שטאט איז דא אגאטליכער מאן. זענען זיי דאך געוועז אין לאנד בנימין פריער. פון דארט איז מען געגאנגען צום קבר פון רחל : (יא) ויצב. יעקב האט געשטעלט אמצבה אויף דעם קבר פון רחל. מיר האבין געלערנט אז מען האט צו זאמען גענומען געלט אויף אמת צו בגראבין אונ עס איז געבליבען וואס זאל מען טאהן מיט דאס איבעריגע געלט. רבי נתן זאגט פון דעם איבעריגען געלט זאל מען באהען אמצבה אויף זיין קבר. מיר האבין געלערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט צדיקים דארפין ניט קיין מצבה. דורך זייער תורה וואס זיי האבין געלערנט געדיינקט מען זיי. מיר זעהן אז יודין ווערין גירופין אויף דעם נאמען פון רחל. ווי דער פסוק זאגט אפרים איז ביי מיר אטייערער זוהן. אפרים מיינט מען די יידין. ווערין אלע יודין גירופין אויף דעם נאמען אפרים. דער זוהן פון רחל. נאך אפשט איז רחל איז געשטארבין אונ זיא איז בגראבין געווארין אין וועג פון אפרת. פאר וואס האט יעקב בגראבין רחל'ן אין וועג פון אפרת. נאר ווייל יעקב האט געזעהן אז די יודין וואס וועלין פארטריבען ווערין פון ארץ ישראל וועלין גיין דורך אפרת. דריבער האט ער אויף דעם וועג בגראבין רחל'ן זיא זאל בעטין ביי גאט פון זייערט וועגין. ווי דער פסוק זאגט אקול איז געהערט געווארין אין הימעל אקלאג אונ אביטער גיוויין. רחל וויינט אויף אירע קינדער : (יב) ויהי. אונ עס איז גיוועזן ווען יעקב האט גערוהט אין דעם לאנד. רבי יהודה ברבי סימון זאגט דער מענטש וואס איז איחסין אפילו ער האט געזינדיגט פון רעכט וועגין וויל ניט גאט אים צו נעמען פון זיין יחוס. ווי דער פסוק זאגט ווען יעקב האט גירוהט אין ארץ ישראל. איז ראובן גילעגין מיט בלהה די פילגש פון זיין פאטער. האט דאך ראובן געזינדיגט. פון דעסטוועגין זענען גיוועזן די קינדער פון יעקב צוועלף. אונ ראובן איז געבליבען אבכור אזוי ווי ער איז גיוועזן. ווי דער פסוק זאגט די קינדער פון ראובן דער בכור פון ישראל. אונ וואס דער פסוק זאגט עס איז צו גינומען גיווארין די בכורה פון ראובן אונ עס איז געגעבין גיווארין צו יוסף. דאס איז נאר די בכורה פון געלט צו גינומען גיווארין. יוסף זאל נעמען צוויי חלקים. ניט ראובן. אבער די בכורה פון יחוס איז ניט צו גינומען גיווארין. ווי דער פסוק זאגט די קינדער פון ראובן דער בכור פון ישראל. רבי לוי אונ רבי סימון קריגען איינער פון זיי זאגט דער יחוס פון די בכורה איז אויך ניט געבליבען ביי ראובן נאר ביי יוסף. אונ דער אנדערער זאגט דער יחוס פון די בכורה איז ניט ביי יוסף נאר ביי ראובן. רבי חגי

האט

אלא לראובן . הה"ד ויהי בשכון וגו' בני לאה בכור יעקב ראובן . ר' יודן בשם ר' אחא ראובן (לח) בכור לעיבור . בכור ללידה . (לט) בכור לבכורה . בכור (מ) לנחלה . בכור (מא) לעבודה . בכור (מב) לתשובה . ר' עזריה אמר אף בכור לנבואה . שנאמר (הושע א) תחלת דבר ה' בהושע : (יג) ואהליבמה ילדה וגו' . הה"ד (עובדיה א) איך נחפשו עשו . ר' סימון אמר קליפת בצלים . כ"כ למה (ירמיה מט) גליתי את מסתריו בשביל לגלות את הממזרים שביניהם . וכמה ממזרים העמיד . רב אמר ג'. ר' לוי אמר ד'. א"ר בנימין בשם ר' לוי קרח דהכא ממזר הוא : (יד) ויקח עשו את נשיו א"ר יוחנן (קהלת י) לב חכם (מג) לימינו ולב כסיל לשמאלו . לב חכם לימינו זה יעקב דכתיב (בראשית לא) ויקם יעקב וישא את בניו ואח"כ את נשיו . ולב כסיל לשמאלו זה עשו שנא' ויקח עשו את נשיו ואח"כ את בניו . וילך אל ארץ מפני יעקב אחיו . ר"א אמר מפני (מד) שטר חוב (שם טו) כי גר יהיה זרעך . ריב"ל אמר מפני

## מתנות כהונה

על יוסף שלזה נתנה לו הבכורה לנחלה ולא להתייחס : (לח) בכור לעיבור . שלאה אמו לא נתעברה מקודם. לזה וכן ללידה לא אירע לו כמו שאירע ליעקב שהיה בכור לעיבור ולא ללידה : (לט) בכור לבכורה . שלא נכתב בכתוב בכור פלוני עד ראובן כד"א בכור ישראל ראובן ומה שכתב אנכי עשו בכורך אני בנך בכורך הם דברי עצמו לא שהכתוב קוראו בכיר : (מ) לנחלה. ליטול פי שנים בנכסי יעקב וליטול חלק בארץ כנען : (מא) לעבודה. להקריב קרבנות שהעבודה היתה בבכורות עד שחטאו בעגל : (מב) לתשובה . שהב בתשובה על חטא בלהה : (מג) לימינו. להיישר לדרך המוסר להקדים הזכרים לנקבות ועשו היה בהול על הנקבות ונשא הנה תחלה : (מד) שטר חוב . לומר אין לו חלק בארץ

---

האט געזאגט פון רבי יצחקס וועגן אפילו ווען ראובן האט געזינדיגט . איז מען ניט מיחם די בכורה צו יוסף נאר צו ראובן . ווי דער פסוק זאגט ווען יעקב האט גערוהט אין דעם לאנד . און ראובן איז געלעגן ביי בלהה די פילגש פון זיין פאטער . פון דעסטוועגן זענען געווען די קינדער פון לאה דער בכור פון יעקב איז ראובן . רבי יודן זאגט פון רבי אחא'ס וועגן ראובן איז אבכור ביי לאה . מיט ראובן איז זיא צו ערשט מעוברת געווארן . און ראובן איז ביי איר צו ערשט געבארן געווארן . און דער ערשטער ווארט בכורה וואס שטייט אין די תורה שטייט ביי ראובן . ער איז אבכור צו ירושה . ער האט גענומען צוויי חלקים אין דעם פארמעגין פון יעקב . ער איז אבכור צו מקריב זיין קרבנות (אלע קרבנות וואס יעקב האט מקריב געווען איז דאס געווען דורך ראובן) . ער איז געווען אבכור צו תשובה . ראובן איז געווען דער ערשטער וואס האט געטאהן תשובה . רבי עזריה זאגט ראובן איז געווען דער ערשטער נביא . ווי דער פסוק זאגט אין אנהייב האט גאט גערעדט מיט הושע . און דער נביא הושע איז געווען פון שבט ראובן : (יג) ואהליבמה . און אהליבמה די ווייב פון עשו האט געבארין קינדער צו עשו . דער פסוק זאגט ווי אזוי איז אויך גידעקט געווארן עשו . רבי סימון זאגט אזוי ווי מען שיילט אפ אציבעלע און עס ווערט אויפגידעקט די אינווייניגסטע . אזוי איז אויפגידעקט געווארן עשו . מען זאל וויסען ווער ער איז . צו וואס האט מען אים אויפגידעקט . האט גאט געזאגט איך האב אויפגידעקט זיינע פארבארגענעש . ווייל איך האב געוואלט ווייזין וועלכע קינדער צווישען זיי זענען געווען ממזרים . ווי פיל ממזרים איז געווען צווישען זיי . רב זאגט דריי . רבי לוי זאגט פיר . רבי בנימין האט געזאגט פון רבי לוי'ס וועגין דער קרח וואס דא שטייט צווישען די קינדער איז אויך געווען אממזר : (יד) ויקח . עשו האט גענומען זיינע ווייבער און זיינע קינדער . רבי יוחנן זאגט די הארץ פון חכם איז רעכטס און די הארץ פון נאר איז לינקס . די הארץ פון חכם איז רעכטס דאס איז יעקב . אז דער פסוק זאגט יעקב האט געטראגין זיינע קינדער פריער דער נאך זיינע ווייבער : און די הארץ פון נאר איז לינקס דאס איז עשו ווי דער פסוק זאגט עשו האט גענומען זיינע ווייבער פריער דער נאך זיינע קינדער . און עשו איז געגאנגען צו זיין לאנד פון וועגין זיין ברודער יעקב . רבי אלעזר זאגט ווייל ער האט ניט געוואלט בצאהלין דעם חוב וואס אברהם איז שולדיג געווען אז זיינע קינדער זאלין זיין גרים אין אפרעמדע לאנד . רבי יהושע

מפני (מה) הבושה: (טו) ותמנע היתה פילגש לאליפז בן עשו. תני רשב"י למה לי לדרוש ולומר ותמנע היתה פלגש לאליפז. להודיע שבחה של ביתו של א"א עד היכן היו המלכיות ושלטונים רוצים להדבק בו. ומה היה לוטן הוא היה אחד מן השלטונים שנא' אלוף לוטן וכתיב ואחות לוטן תמנע ותמנע היתה פילגש וגו'. אמרה הואיל ואיני כדאי (מו) להנשא לו לאשה אהא לו לשפחה: והרי הדברים ק"ו מה אם עשו הרשע שלא היה בידו אלא מצוה אחת ע"י שהיה מכבד את אביו היו מלכיות ושלטונים רוצים להדבק בו עאכ"ו שיהיו רוצין להדבק ביעקב אבינו הצדיק שקיים את כל התורה כולה: (טז) ואלה בני צבעון ואיה וגו'. ואלה בני צבעון ואיה וענה מה ראה הכתוב לכתוב ענה תרי זמני. (מז) תרי נינהו. לעולם חד הוא אלא שבא צבעון על אמו והולידה ענה ונעשה בן ענה יבן צבעון ובן שעיר ס"ם חד הוא: (יז) תני האש והכלאים לא נבראו בששת ימי בראשית אבל (מח) עלו במחשבה להבראות. כלאים אימתי נבראו בימי ענה. הה"ד הוא ענה אשר מצא את הימ"ם במדבר. ר' יהודה ב"ר סימון אמר (מט) המיונס. רבנן אמר (נ) המיסו חציו

## מתנות כהונה

ילה בפירעון הכ"ב כי גר יהיה זרעך: (מה) הבושה, שמכר את הבכורה: (מו) להנשא לו. לעשו לפי שהיה מודיע להכיהם נתאוה להדבק בו: (מז) תרי נינהו כו'. בתמיה הלא כתיב הוא ענה: (מח) עלו במחשבה להבראות. בערב שבת ולא נברא עד מוצאי שבת על ידי אדם: (מט) כמיונס. פירש"י מין חיה: (נ) המיסו. כלומר תני סוס וחמור

---

בן לוי זאגט ווייל ער האט זיך געשעמט וואס ער האט פארקויפט די בכורה: (טו) ותמנע. תמנע איז געווען אפילגש צו אליפז דער זוהן פון עשו. רבי שמעון בן יוחאי האט געלערנט צו וואס דער ציילט אונז די תורה אז תמנע איז געווען אפילגש צו אליפז. מיר זאלין וויסען די גרויסקייט פון אברהם אבינו. אז מלכים האבין זיך געוואלט בהעפטין אונ מאכין שדוכים מיט זיינע קינדער אונ מיט זיינע אייניקלאך. ווארום לוטן איז געווען אפירשט. אונ תמנע איז געווען אשוועסטער פון לוטן. אונ זיא איז געווען אפילגש ביי אליפז. תמנע האט געזאגט אויב איך בין ניט ווערט צו זיין אווייב צו אליפז. וועל איך זיין אפילו אפילגש. איצט זעהן מיר אקל וחומר מאדאך. עשו וואס ער איז געווען ארשע נאר ווייל ער האט געהאט איין מצוה ער האט געגעבין כבוד צו זיין פאטער. האט ער זוכה געווען אז מלכים אונ פירשטען האבין געוואלט מאכין שדוכים מיט זיינע קינדער. יעקב וואס ער איז אצדיק ער האט מקיים געווען די גאנצע תורה איז געוויס אז מען וועט וועלין מאכין שדוכים מיט זיינע קינדער: (טז) ואלה. דאס זענען די קינדער פון צבעון איה אונ ענה. דאס זענען די קינדער פון צבעון איה אונ ענה. צו וואס שטייט ענה צוויי מאהל. זענען דען געווען צוויי ענה. עס איז נאר געווען איין ענה. נאר צבעון האט מזנה געווען מיט זיין מוטער אונ זיא האט געבארין דעם זוהן ענה. זענען געווארין אלע דריי איינס דער זוהן פון ענה אונ דער זוהן פון צבעון אונ דער זוהן פון שעיר (ווי ווייטער וועט שטיין): (יז) תני. מיר האבין געלערנט פייער אונ כלאים זענען ניט בשאפין געווארין אין די זעקס טאג וואס גאט האט בשאפין די וועלט. נאר גאט האט געטראכט ער זאל דאס בשאפין. כלאים זענען בשאפין געווארין אין די צייט פון ענה. ווי דער פסוק זאגט דאס איז דער ענה וואס האט געפונען די ימים אין דער מדבר. רבי יהודה ברבי סימון זאגט ימים. איז אזוי אחיה וואס הייסט המיינם. די רבנן זאגין דאס איז צו טיילט העלפט אייזיל העלפט פערד. דאס זענען די צייכונס. רבי יונה זאגט אז ער האט קליינע אייערין איז זיין מוטער געווען אפערד אונ זיין פאטער אאייזיל. אז ער האט גרויסע הויערין איז זיין מוטער געווען אאייזיל אונ דער פאטער אפערד. רבי מנא פלעגט זאגין צו די מענטשין פון נשיא אז זיי וועלין קויפין די ימים זאלין זיי קויפין פון די וואס האבין קליינע אויערין ווייל די מוטער איז אפערד אונ דער פאטער אאייזיל. וואס האט געטאהן ענה. ער האט געברייננט אאייזיל אנקבה אונ האט איר צו זאמען געפארט מיט אפערד אזכר איז פון זיי געבארין געווארן אפרדה. דאס איז די כלאים

באר

חציו חמור וחציו סוס. ואלו הן הסימנין א"ר יונה כל שאזניו קטנות אמו סוסה ואביו חמור. גדולות אמו חמורה ואביו סוס. רבי מנא (כא) הוה מפקד לאילין דבי נשיאה דיהון זבנין מן אילין דאודניהון דקיקין מפני שאמו סוסה ואביו חמור. מה עשה ענה הביא חמורה וזיוג לה סוס זכר יצאת ממנו פרדה. א"ל הקב"ה אני לא בראתי דבר של היזק ואתה בראת דבר של היזק. חייך שאני בורא לך דבר של היזק. מה עשה הביא (כב) חכינא וזיוג לה (כג) הרדון ויצאת מהם חברבר. מעולם לא אמר אדם שנשכו כלב שוטה וחיה. חברבר וחיה. פרדה לבנה וחיה. (כד) האש ר' לוי בשם רבי נזירא ל"ו שעות שמשה אותה האורה. י"ב של ע"ש וי"ב של לילי שבת וי"ב של שבת. וכיון ששקעה חמה בלילי שבת בקש הקב"ה לגנוז את האורה וחלק כבוד לשבת. הה"ד (בראשית ב) ויברך אלהים את יום השביעי. במה ברכו באורה. וכיון ששקעה חמה בלילי שבת והתחילה אורה משמשת התחילו הכל מקלסים להקב"ה. הה"ד (איוב לז) תחת כל השמים ישרהו. מפני מה ואורו על כנפות הארץ. וכיון ששקעה חמה במו"ש התחיל החושך ממשמש ובא ונתיירא אדה"ר דכתיב (תהלים קלט) ואומר אך חושך ישופני. מה עשה לו הקב"ה זימן שני רעפים והקישן זה לזה ויצאה האור ובירך עליה הה"ד (שם) ולילה אור בעדני. אתיא כרשמואל. מפני מה מברכים

על

## מתנות כהונה

(כא) הוה מפקד. היה ממונה לאותן הממונים על בית נתב: (כג) הרדון. פירש"י לב: (כד) האש. מביא ראיה בגמרא פסחים קורין אותן שלאנגים קטנות: (כב) הכינא.

פאר מישונג. וואס ענה האט געבריינגט אויף דער וועלט. האט גאט גיזאגט צו ענה איך האב ניט גיוואלט בשאפין אזוי אזאך וואס זאל שאדין טאהן אונ דו האסט יא בשאפין אזוי אזאך וואס זאל שאדין טאהן. איך שווער ביי דיין לעבין אז איך וועל אויך איצט בשאפין אזוי אזאך וואס וועט דיר שאדין טאהן. וואס האט ענה גיטאהן. ער האט גיבריינגט אשלאנג וואס הייסט חכינא אונ האט איס צו זאמען גיפארט מיט דעם שלאנג וואס הייסט הרדון. איז גיבארין גיווארין פון זיי דער שלאנג וואס הייסט חברבר (אונ דער חברבר האט געביסען דעם ענה). ער האט נאך קיין מענטש ניט גיזאגט אז אמשוגענער הונט האט איס געביסען אונ ער איז געבליבען לעבין. אדער אווייסע פרדה האט איס געביסען אונ ער איז געבליבען לעבין. דער פייער איז אויך ניט בשאפין גיווארין די ערשטע זעקס טעג. רבי לוי האט גיזאגט פון רבי נזירא׳ס וועגין זעקס אונ דרייסיג שעה צו זאמען איז גיוועזין ליכטיג. דעם טאג וואס אדם הראשון איז אין איס בשאפין גיווארין. צוועלף שעה פרייטאג. צוועלף שעה די נאכט שבת. אונ צוועלף שעה דער טאג שבת. ווי די זונה האט גידארפט אונטער גיין פרייטאג פארין נאכט. האט גאט גיוואלט בעהאלטין דיא ליכטיגקייט. נאר ער האט גיגעבין כבוד צום טאג שבת איז געבליבען וייטער ליכטיג. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיבענטשט דעם זיבעטין טאג. מיט וואס האט ער איס גיבענטשט מיט ליכטיגקייט. ווי די זוהן איז אונטער גינאנגען פרייטאג פארין נאכט. אונ עס איז באלד נאך אמאהל ליכטיג גיווארין. האבין אלע אנגיהויבין לויבין צו גאט. ווי דער פסוק זאגט אלץ וואס אונטער דעם הימעל האבין גיזונגען. פאר וואס האבין זיי גיזונגען. ווייל עס איז ליכטיג גיווארין אין אלע עקין וועלט. ווי שבת איז אוועק גינאנגען אונ די זוהן איז אונטער גינאנגען אונ די פינסטערקייט האט אנגיהויבין צו קומען. עס איז אלע מאהל פינסטערער גיווארין. האט אדם הראשון מורא גיהאט אונ ער האט גיזאגט די פינסטערקייט וועט מיך צו ברעכין. וואס האט גאט גיטאהן. ער האט אנגיברייט פאר אדם צווי שטיינער אונ ער האט גיקלאפט איין שטיין אויף דעם אנדערין איז ארויס גינאנגען פייער. האט ער גימאכט אברכה. בורא מאורי האש. אונ ער האט גיזאגט די נאכט איז ליכטיג גיווארין פאר מיר. דאס איז ווי שמואל האט גיזאגט פאר וואס מאכט מען אברכה אויף דעם פייער מוצאי שבת. ווייל מוצאי שבת איז דער פייער בשאפין גיווארין. רבי הונא האט

על הנר במו״ש הואיל ותחלת ברייתו. רב הונא בשם ר׳ יוחנן אף מוצאי יוה״כ מברכין עליו מפני ששבת האור כל אותו היום:

**פרשה פג** (א) ואלה המלכים אשר מלכו וגו׳. רבי יצחק פתח (יחזקאל כז) אלונים מבשן עשו משוטיך. א״ר יצחק נמשלו עכו״ם כספינה. מה ספינה זו עושים לה תורן ממקום אחד (א) והוגנין ממקום אחר. כך עכו״ם שמלה ממשרקה ושאול מרחובות הנהר. ואלה המלכים. (משלי כ) נחלה מבוהלת בראשונה. ואלה המלכים. ואחריתה לא תברך (עובדיה א) ועלו מושיעים בהר ציון וגו׳. א״ר איבו קודם (ב) שלא עמד מלך בישראל נצב מלך באדום: ואלה המלכים ר׳ יוסי בר חנינא אמר בשעה שזה מעמיד מלכים זה מעמיד שופטים. ובשעה שזה מעמיד אלופים זה מעמיד נשיאים. ר׳ יהושע בן לוי אמר זה העמיד שמונה וזה העמיד ח׳. זה העמיד שמונה בלע יובב חשם הדד שמלה שאול בעל חנן הדר. וזה העמיד ח׳ שאול ואיש בשת דוד שלמה רחבעם אביה אסא יהושפט. בא נבוכדנצר וערבב אלו באלו ובטל של אלו ושל אלו (ישעיה יד) שם תבל כמדבר ועריו הרס. בא (ג) אויל ונתן גדולה ליהויכין בא אחשורוש ונתן גדולה להמן: (ב) וימת בלע. א״ר אבהו לבן מלכים שהיה לו דין עם אחד (ד) וכלו מזונותיו. בא אחר וסיפק לו

## מתנות כהונה

כבר״ל כששת ימי בראשית: (א) כוגנין. ברזל סקורין סס ממקום זה ובוררים לפס מלך ממקום אחר: כ״ג מה״קר וקודם זה כתיב ארז מלבנון לקחו לעשות תורן (ב) שלא עמד מלך בישראל אבל מבמלך מלך בישראל עליך סרי סתורן מלבנון והמשוט מבשן כך אומות העולם נלב וגו׳: (ג) אויל. אויל מרודך: (ד) כלו מזונותיו.

---

געזאגט פון רבי יוחנן ס ווענין מוצאי יום כפור מאכט מען אויך א ברכה אויף דעם פייער. ווייל א גאנצע טאג. האט מען ניט געטארט האלטין פייער איז גלייך ווי ער וואלט מוצאי יום כפור בשאפין געווארין:

**פרשה פג** (א) ואלה. דאס זענען די מלכים וואס האבין געקיניגט אין לאנד אדום.

רבי יצחק האט אנגיהויבין די פרשה מיט דעם פסוק בוימער פון בשן האט מען גינומען און מען האט פון זיי גימאכט א זאגעל צו א שיף. רבי יצחק זאגט די גוים דינגער זענען גענליכען צו א שיף. אזוי ווי א שיף מאכט מען דעם זאגער פון איין ארט און די אנקערס פון איין אנדער ארט. אזוי זענען די פעלקער. איין מלך איז גיוועזן שמלה פון משרקה. דער אנדערער מלך איז גיוועזן שאול פון רחובות הנהר. דאס זענען די מלכים. שלמה המלך האט גיזאגט א נחלה וואס איז גיאיילט אין אנהייב. וועט דער סוף ניט זיין גיבענטשט. ווייל אדום איז גיוועזן גיאיילט אין אנהייב און האט גיהאט מלכים פריער פון אלע פעלקער. וועט דער סוף אירער ניט זיין גיבענטשט. ווי דער פסוק זאגט די העלפער פון די יודין וועלין קומען משפטין דעם בארג פון עשו. רבי איבו זאגט די מלכים זענען נאר גיוועזן ביי אדום אידער עס איז גיווארין א מלך ביי יודין. אבער אז ביי יודין איז גיווארין א מלך. איז שוין ביי אדום קיין מלך ניט גיוועזן נאר א פירשט (א פרעזידענט) איז גיוועזן פאר א מלך. דאס זענען די מלכים. רבי יוסי בר חנינא זאגט ווען ביי אדום איז גיוועזן מלכים. איז ביי יודין גיוועזן שופטים. און ווען ביי אדום זענען גיוועזן אלופים (פרעזידענטין). איז ביי יודין גיוועזן נשיאים. רבי יהושע בן לוי זאגט אכט מלכים איז גיוועזן ביי אדום און אכט מלכים איז גיוועזן ביי די יודין. אכט מלכים זענען גיוועזן ביי אדום. בלע. יובב. חשם. הדד. שמלה. שאול. בעל חנן. הדר. און ביי די יודין איז אויך גיוועזן אכט מלכים. שאול. איש בושת. דוד. שלמה. רחבעם. אביה. אסא. יהושפט. ווי נבוכדנצר איז גיקומען האט ער פארמישט די מלכים מיט די מלכים. און ער האט אראפ גיווארפין די מלכים און די מלכים. און ער האט גימאכט די וועלט ווי א מדבר און די שטעט האט ער צו ווארפין. אויל מרודך איז געקומען האט ער גרויס גימאכט דעם יודישען מלך יהויכין. דער נאך איז אחשורוש גיקומען האט ער גיגעבין גרויסקייט צו המן: (ב) וימת. דער מלך בלע

אין

לו מזונות. אמר המלך אין לי עסק אלא עם זה שסיפק לו מזונות. כך אמר הקב"ה בכר היתה מלכות עקורה מאדום (ה) ובאת בצרה וסיפקה להם מלכים. לפיכך אין לי עסק אלא עם בצרה שנאמר (ישעיה לד) כי זבח לה' בבצרה וגו'. א"ר ברכיה אעפ"כ טבח גדול בארץ אדום: (ג) וימת בעל חנן וגו'. ר' לוי ור"ס. ר' לוי אמר (ו) מטיבי אלוהות היו. מהיטבאל שהיו מטיבין עצמן לע"ז. בת מטרד שהיו מעמידין (ז) טוריות לע"ז. ר' סימון אמר מטיבי נשים היו. מהיטבאל שהיו מטיבין אותה לבעלה (ח) ואח"כ (ט) טורדין אותה מבעלה. בת מי זהב טרודים היו (י) במזונותם. מן דעתירין מהו דהבא מהו כספא. אלוף מגדיאל אלוף עירם. יום שמלך לוטיינוס נראה לר' אמי בחלום היום מלך מגדיאל. אמר (יא) עוד מלך אחד נהבקש לאדום. אלוף עירם א"ר הנינא ציפוראה למה נקרא עירם שהוא עתיד (יב) לערום (יג) תסוריות למלך המשיח. א"ר לוי מעשה בשלטון אחד ברומי שהיה מבזבז תסוריות של אביו. נראה

## מתנות כהונה

לאחיו שהיה מדיין עם בן מלך: (ה) ובאת בצרה כו'. פירש"י דכתיב וימלוך תחתיו יובב בן זרח מבצרה: (ו) מטיבי כו'. מתקנין כעין אלוהות: (ז) טוריות. כיכלות ופלטריות: (ח) ואחר כך טורדין כו': מהטבאל דרש נוטריקון מהטיבו אותה לבעלה כו' כלומר לא פיהם אלו: (ט) טורדין אותה. פירש"י בזנות: כ"ג (י) במזונותם מן דעתירין אמרין מהו דהבא. פירש"י בתחלה היו טרודים ואח"כ לכשהעשיר ומשהעשירו אמרו מה זהב מהו כסף: (יא) עוד מלך אחד אלוף עירם אחר מגדיאל: (יב) לערום. לשון ערמה כלומר יצברו אוצרים למנהם לו: (יג) תסוריות. אוצרות: (יד) מגמתין. קבלו

איז געשטארבין. רבי אבהו האט געזאגט למשל דער זוהן פון מלך האט גיהאט אקרינג מיט איינעם. האט זיך ביי יענעם מענטש אויס גילאזין דאס עסין. איז גיקומען איינער אונ האט אים גיגעבין עסין. האט דער מלך גיזאגט איך האב איצט ניט מיט קיינעם צוא קריגען נאר מיט דעם מענטש וואס האט גיגעבין עסין דעם שונא פון מיין זוהן ווען ער וואלט ניט גיגעבין עסין דעם שונא. וואלט דער שונא פארלערט גיווארין פון הונגער. אזוי האט געזאגט גאט די מלוכה איז שון אוועק גינומען פון אדום. איז גיקומען בצרה אונ האט גיגעבין מלכים צו אדום. דריבער וועל איך איצט האבין אקריג נאר מיט בצרה. ווי דער פסוק זאגט גאט וועט מאכין אשעכטונג אין בצרה. רבי ברכיה זאגט פון דעסט וועגין וועט אין אדום זיין אגרעסערע שעכטונג: (ג) וימת. בעל חנן בן עכבור איז געשטארבין. נאך אים איז גיווארין אמלך. הדר פון די שטאט פעו. זיין ווייב האט גיהייסין מהיטבאל. די טאכטער פון מטרד. די טאכטער פון מי זהב. רבי לוי אונ רבי סימון קריגען. רבי לוי זאגט דריבער האט מען איר גירופין מהיטבאל. ווייל דאס איז צוויי ווערטער. מטיבי אלוהות. זיי האבין גוט און שיין גימאכט זייערע גאטער. אונ ווען זייא זענען גיגאנגען דינען זייערע גאטער האבין זיי זיך אויך גוט אונ שיין געצירט. אונ בת מטרד האט מען איר גערופין ווייל זייא האבין אויף גישטעלט פאלאצין (קלויסטערס) צו די עבודה זרה. רבי סימון זאגט דריבער האט מען איר גירופין מהיטבאל. ווייל זיי האבין געצירט די ווייבער מיט צירונג. מהיטבאל אונ מטרד האט מען איר גירופין. ווייל פריער פלעגין זיי אן צירען דאס ווייב צו איר מאן. דער נאך פלעגין זיי צו נעמען דאס ווייב פון איר מאן אונ פלעגין מיט איר מזנה זיין. בת מי זהב. זיי זענען גיוועזן בשעפטיגט מיט האנדיל אונ ארבעט זיי זאלין האבין צו עסין אונ רייך צו ווערין. ווי זיי זענען שוין רייך גיווארין. האבין זיי גיזאגט צו וואס טויג אונז דאס גאלד אונ צו וואס טויג אונז דאס זילבער. דער הערר מגדיאל אונ דער הערר עירם. אין דעם טאג וואס לוטיינוס איז גיווארין אמלך. איז ביי נאכט גיזעהן גיווארין אין חלום צו רבי אמי היינט איז מגדיאל גיווארין אמלך. האט רבי אמי גיזאגט נאך איין מלך וועט זיין ביי אדום. דער הערר עירם. רבי חנינא ציפוראה האט גיזאגט פאר וואס רופט מען אים עירם. ווייל ער וועט זאמלין צום מלך המשיח די אוצרות פון רוים זענען. רבי לוי זאגט עס האט אמאהל

ניטראס י"ז

נראה לו אליהו בחלום א"ל אבותיך (יד) מצמתין ואת מבוזו. ולא זו (טו) עד שמלאן: (ד) התבן והקש והמוץ מריבים (מדיינים) זה עם זה. זה אומר בשבילי נזרעה השדה. וזה אומר בשבילי נזרעה השדה. אמרו החטים המתינו עד שתבא הגורן ואנו יודעין בשביל מה נזרעה השדה. באו לגורן ויצא בעל הבית (טז) לזרותה, הלך לו המוץ ברוח. נטל את התבן והשליכו על הארץ. ונטל את הקש ושרפו. נטל את החטים ועשה אותן כרי. וכל מי שרואה אותן מנשקן המד"א (תהלים ב) נשקו בר פן יאנף. כך עכו"ם הללו אומרים אנו עיקר ובשבילנו נברא העולם. והללו אומרים בשבילנו נברא העולם. אמר להם ישראל המתינו עד שיגיע היום ואנו יודעים בשביל מי נברא העולם הה"ד (מלאכי ג) כי הנה היום בא בוער כתנור וגו'. ועליהם הוא אומר (ישעיה מא) תזרם ורוח תשאם וסערה תפיץ אותם. אבל ישראל ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל:

# סדר וישב

**פרשה פד** (א) **וישב** יעקב. כתיב (ישעיה נז) בזעקך יצילוך (א) קבוציך. תני (ב) כנוסו וכנוס בניו הצילו מיד עשו. ואת כולם ישא רוח. יקח

## מתנות כהונה

למלאו כאלרות: (יו) עד שמלאן. פירש"י בעלילות (טז) לזרותה. כמד"א הנה הוא זורה הגורן: (א) קבוציך כא על בני אדם ומלאן בגזהדות שכיו מעהדין אותו: דרש בזעקך לשון קיבוץ: (ב) כנוסו כו'. שכנסו יעקב.

גיטראפין ביי אשרה אין רוים אז ער האט פארברייננט די אוצרות פון זיין פאטער. ביי נאכט איז אליהו הנביא צו אים גיקומען אין חלום אונ האט גיזאגט צו אים דיינע אלטערין האבין איין געקארגט אונ דו פארברייננסט. האט דער אשרה ניט גירוהט ביז ער האט צוריק פול גימאכט די אוצרות: (ד) התבן. די שטרויא מיט פלעווים האבין זיך געקריגט איינער מיט דעם אנדערין. דיא שטרוי האבין גיזאגט פון אונזערט וועגין איז די פעלד גיזייעט גיווארין. די פלעווים האבין גיזאגט פון אונזערטוועגין איז די פעלד גיזייעט גיווארין. האבין די ווייץ געזאגט מיר וועלין ווארטין ביז מען וועט קומען צום שייער וועלין מיר וויסען פון וועמעס וועגין די פעלד איז גיזייעט גיווארין. ווענען זיי גיקומען צום שייער איז גיקומען דער בעל הבית ריין צו מאכין די תבואה. די פלעווים זענען אוועק פון שייער מיט דעם ווינט. די לאנגע שטרויא האט ער אוים געשפרייט אויף די ערד. די אויבערשטע פון די שטרויא האט ער פארברענט. פון די ווייץ האט ער גימאכט אבארג. אונ ווער עס זעהט די ווייץ קושט זיי. ווי דער פסוק זאגט נשקו בר. קושט די תבואה. אזוי האבין אמאהל געקריגט די געצין דינער מיט די יודין. די געצין דינער האבין גיזאגט מיר זענען דער עיקר אונ פון אונזערט וועגין איז די וועלט בשאפין גיווארין. די יודין האבין גיזאגט פון אונזערט וועגין איז די וועלט בשאפין גיווארין. האבין די יודין גיזאגט צו די געצין דינער. איר זאלט ווארטין ביז עס וועט קומין דר טאג וועלין מיר וויסען פון וועמעס וועגין די וועלט איז בשאפין גיווארין. ווי דער פסוק זאגט עס וועט קומען א טאג עס וועט ברענען ווי אהויבין. אונ וועט פאר ברענען די רשעים. אויף זיי זאגט דער פסוק דו וועסט זיי פאר שפרייטין אונ דער ווינט וועט זיי אוועק טראגין אונ דער שטורעם ווינט וועט זיי פאר שפרייטין. אבער ביי די יודין שטייט דו וועסט דיך פרייען מיט גאט מיט דעם הייליגען פון די יודין וועסטו דיך ברימען:

# סדר וישב

**פרשה פד** (א) **וישב**. יעקב איז גיזעסין אין די לאנד ווא זיין פאטער האט גיוואהנט אין לאנד